פון זעלבען שרייבער:

אַ ראָמאן פון אַ פערד־גנב און אַנדערע ערצעהלונגען.

אונטערוועלט, נאָוועלען

אליין, ראָמאַן

י. אָפּאַטאָשו

# היברו

ראָמאַן

מאַקס נ. מייזעל
פאַרלאַג פאַר אידישער ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
.1920

Copyright by
JOSEPH OPATOVSKY
1920

# היברו

ראָמאַן

1918—1919

## 1

זונטאָג, פונקט צוועלף א זייגער ביי טאָג, האָבען די קינדער פון דער „מחזיקי־תורה“ זיך גענומען שיטען מיט קולות אויף דער גאס ארויס. זייערע עלטערן, מיטגלידער פון דער „קאָנגרעגיישאָן“, האָבען געוואַרט אין שוהל, אין פאָרהויז, אויף דער ווערענדע. געהייסען האָט עס — מען איז געקומען געוואָהר ווערען ווי די קינדער לערנען. אין אמת'ן אָבער האָט זיך געבענקט נאָך א היימיש וואָרט, זיך געוואָלט אויסטון אויף א ווײַלע פון דאגת־פרנסה, פון דער וואָכעדיגקייט. דער „שאָפ“, אפילו די שטוב האָט דערעסען — האָבען טייל טאַטעס גענומען דאָס קליינוואַרג פאַר די הענטלאך, אַנדערע האָבען געשטופּט קינדער־וועגעלעך און מיט א רחבת איז מען יעדען זונטאָג געקומען אין שוהל אריין.

די אידען, אין שבת'דיגע מלבושים, דיקע סיגאַרען אין די מויל, זיינען געשטאַנען אין קופּקעס. די רעק פונאנדערגעקנעפּעלט, די דיקע גאָלדענע קייטען האָבען אראָפּגעבלישטשעט פון די קאָלירטע וועסטען, געמיטליך געשמועסט און ווען נישט די סיגאַרען, וואָלט מען געקענט מיינען, אז דאָס כאַפּען אידען ערגיץ אין א רוסיש שטעדטעל פאַר'ן דאַווענען א שמועס.

דוד וואקסמאַן, א הויכער, דאַרער בחור, א לעהרער, מיט א קליין קעפּיל אויף א לאַנגען, אויסגעבויגענעם האַלז, ווי דאָס קעפּיל ביי א פידעל, איז געשטאַנען מיט נאָך צוויי לעהרערס, זיך געבויגען פון איינעם צום צווייטען, ווי די דינע פיס וואָלטען ניט געקענט טראָגען דעם הויכען קערפּער, און זיי דערצעהלט:

— וואָס זאָגט איהר אויף גרינ'ען? געקראָגען א צעהנערל

אַן הופּה און דער פּרעזידענט האָט איהם אין מיין געגענוואַרט פאַרבאָטען צו זיך אויף אוועגד-ברויט!

— דער יונג האָט מזל! — האָט ראָזען, אַ פאַרשלאָפענער בחור, מיט קליינע אָפגעגעסענע ציין, ווי ביי אַ שעפּס, פון גרויס איבעראַשונג אריינגעמאַכט די הענט אין די הויזען-קעשענעס און זיך גענומען שיבערען.

— מאַכט נאָר אַ שוויינ, — האָט מילער, אַ נידריגער, מיט שפּיציגע אויגען, וואָס קוקען אין אַלע זייטען, צוגעלעגט אַ האַנט צום מויל — כ׳וועל באַלד אונזער פּרינסיפּאַל נעהמען אויפ׳ן צימבעל, איהם אביסעל די גאַל אָפּדריקען, נור זעהט, חברה, מאַכט נישט קאַליע!

דער פּרינסיפּאַל, אַן עלטערער בחור, אין אַ גלאַנציגען, אויסגעריבענעם פראַק, מיט אַ שווערען שטעקען אין דער האַנט, איז פאַרמעליך אראָפּ פון די טרעפּען, וואָס האָבען געפיהרט אין זיין קלאַס אריין, געוואָלט פאַרביינעהן די לעהרערס, האָט איהם מיללער אַ רוף געטון:

— מיסטער פרידקין, וואָס זאָגט איהר אויף אונזער גרינ׳ען?

פרידקין האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעשטעלט אויף מיללער׳ן אַ פּאָר וואַסערדיגע אויגען:

— וואָס מיינט איהר?

— כ׳מיין, — האָט מיללער געשמייכעלט — דער פּרעזידענט האָט איהם היינט פאַרבאָטען אויף אוועגט-ברויט.

— טאַקע — האָט פרידקין געמאַכט אַ נאַריש פּנים, ווי ער וואָלט נישט באַגריפען וואָס מען דערצעהלט איהם, און איז בלאָס געוואָרען.

ער איז שוין יאָהרען געווען פּרינסיפּאַל אין דער תּלמוד-תּורה, פונדעסטוועגען האָט ער תּמיד זיך געשראָקען מען זאָל איהם נישט אָפּזאָגען און פון דער קלענסטער נארישקייט זיך גענומען צום הארצען. ער איז געווען זיכער, אַז אַלע סיי די לעהרערס, סיי דער סעקרעטאַר, סיי דער שמש פאַרגינען איהם נישט, גראָבען הינטען

ארום, רעדען אויף איהם שלעכטס פאר'ן פרעזידענט, אנדערש וואָלט דער פּרעזידענט איהם שוין לאנג גענומען פאר אן איידעם. ער איז געווען ביי זיך איבערצייגט, אז מיסס שולץ, דעם פּרעזי־דענט'ס טאָכטער, האָט איהם ליעב. אז ער האָט געהאלטען אין צוגרייטען איהר עלטערען ברודער צו בר־מצוה, איז דאָס מיידעל געזעסען ביי דער לעקציע, כלומרש געלייענט א בוך און פון איהם קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט. ער האָט שוין אפילו געהאט פאר־פּאסט א ליעבע בריעף צו איהר, איהם תמיד ארומגעטראָגען מיט זיך, קיין מוט אָבער נישט געהאט איהם אוועקצושיקען. זעהר אָפּט, ווען ער איז געבליבען אליין, האָט ער געלייענט דעם בריעף אויפ'ן קול און זיך באוואונדערט פאר דעם שעהנעם געדאנק, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעדריקט. איצט, ווען די חברה האָבען איהם דערצעהלט, אז גרין איז פארבעטען צום פּרעזידענט אויף אָוועט־ברויט, האָט ער געפיהלט, אז מען האָט איהם שוין ווידער אָפּגע־טאָן א שפּיצעל, זעהר נישט חשק געהאט זיך צו טרעפען מיט איהם היינט אָוועט ביים פּרעזידענט און זיך אָנגערופען:

—פארלאָזט אייך אויף מיר, דער פּרעזידענט וועט א מלמד...

פרידקין האָט געזעהן, ווי גרין קומט אָן, האָט ער אָפּגעהאקט אין דערמיט און איז אנשוויגען געוואָרען.

גרין, א הויכער בחור, א שווארץ־חנ'עווריגער, מיט עפּעס הפקר'ישעס אין זיין פּנים און אין גאנצען האלטען זיך, איז אראָפּ פון די לעצטע דריי טרעפּלעך מיט איין שפּרונג, אריין צווישען די לעהרערס, זיך אָנגעשפּארט אָן וואקסמאנ'ען, וועלכער האָט זיך א בויג געטון, ווי א לולב, און זיך פונאנדערגעלאכט:

— וואָס זאָגט איהר, אידען? דער אלטער האָט דאָך מיך פארבעטען צו זיך!

— איך האָב מורא, ס'שמעקט מיט א שידוך — האָט מיללער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אום צוצוגעבען די ווערטער מעהר געוויכט, הנטען ארום א קוועטש געטון צו דער חברה מיט אן אויג און גע־

וויזען אויף פרידקינ׳ען — דער פּרעזידענט האָט א שעהנע טאָכטער, מיסטער פרידקין קען זי, פרעגט איהם . . .

— וואָס דארף ער א מלמד, ווען ער קען קריגען א רייכען „ביז־נעס־מאַן" פאר אן איידעם ! — האָט פרידקין אויסגעשאָסען, גע־קוקט פון איינעם אויפ׳ן צווייטען, ווי ער וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס פאר אן איינדרוק זיין חכמה האָט געמאכט און בשעת־מעשה רויט געוואָרען.

— האָט ער דאָך אייך געוואָלט נעהמען ? — האָט מיללער זיך געמאכט תם״עוואטע, א רוק געטון דעם שטרויענעם קאפּעלוש און זיך מיט א מאָל א כאפּ געטון. — אָ, כ׳האָב גאר פארגעסען, איהר זייט דאָך א פּרינסיפּאל, נישט קיין מלמד !

דער עולם האָט געלאכט. פרידקין האָט עטוואָס אונטערגעהוי־בען דעם שטעקען, אָנגעקוקט מיללער׳ן. זיין צוקנייטשט פּנים האָט אויסגעזעהן טעמפּ, די וואסערדיגע אויגען האָבען זיך קיין ריהר געטון, ווי זיי וואָלטען געווען אריינגעשטעלטע, און זיין גאנצער כעס איז געלעגען אין דער נישט געראזירטער, צו ברייטער גאָמבע. אלע האָבען געגלויבט, אז ער קלייבט זיך מיללער׳ן א קלאפּ צו טון — איז פּונקט דעמאָלט אונטערגעגאנגען דער סעקרעטאר, א קליין, ציכטיג אידעל, מיט א גלאטיג פּנים, רויטע בעקלעך, פון די פּנימ׳ער וואָס ס׳איז שווער צו זאָגען, צי ס׳איז פופציג, צי דרייסיג יאָהר אלט. ער האָט גענומען פרידקינ׳ען אונטער׳ן אָרעם :

— קומט, מיסטער פרידקין, מיט מיר ! מיר זיינען דאָך עלטע־רע מענשען ! וואָס דארפען מיר אויסהערען, ווי די לצים מאכען פון אונז חוזק !

— פון מיר מאכט קיינער נישט קיין חוזק ! — האָט פרידקין א ברום געטון, זיך אויפדרעהענדיג צום סעקרעטאר און ס׳האָט אויסגעזעהן, אז דעם גאנצען כעס וועט ער אויסלאָזען צו איהם.

— קומט, מיסטער פרידקין, כ׳דארף מיט אייך עפּעס רעדען !

— אזוי איז עפּעס אנדערש ! — האָט פרידקין א צופרידע־

נער, וואָס דער סעקרעטאַר איז אונטערגעקומען, א מאַך געטון צו די לעהרערס מיט דער האַנט — גוד־באַי !

זיי זיינען ארוים אויף דער גאַס. עס איז געווען א הייסער זו־מער־טאָג. איבער דער גאַס זיינען געווען צושאָטען יונגע־לייט, די העמדער, אָהן ארבעל, אריינגעמאַכט אין די הויזען און גע־שפּילט אין „באָל“. די הארטע פּילקעס זיינען געפלויגען איבער די קעפּ, אַזש געפּייפט. פרידקין איז געווען אש־להבה אויף אמע־ריקא, תמיד געטראַכט, אז ס׳לעבען איז דאָ הפקר, אַנדערש וואָלט מען יונגען נישט ערלויבט צו שפּילען אין מיטען גאַס אין „באָל“. איצט, געהענדיג מיט׳ן סעקרעטאַר, איז ער געבליבען הינטערשטע־ליג, מורא געהאַט ער זאָל נישט כאַפּען א פּילקע, הארט ווי א שטיין, אין קאָפּ אריין. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, דורכ־געלאָפען מיט שרעק די גאַס, אז ער האָט זיך אַזש אָפּגעגאָסען מיט שוויים.

— ווי געפעלען אייך עפּעס אייערע תלמידים ? — האָט דער סעקרעטאַר געוויזען אויף די שפּילערס — אויסגעוואַקסען תנאַ־בּארעס, הא, הא, הא !

פרידקין האָט געשמייכעלט. כמעט אַלע יונגע לייט, וואָס האָ־בען געשפּילט „באָל“, זיינען אמאָל געווען זיינע תלמידים. ער אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, פאַרוואָס די אַלע יונגע־לייט גריסען זיך נישט צו איהם, ווי זיי וואָלטען געווען ווילד־פרעמ־דע, ווי אַנדערש וואָלט נישט געדאַרפט זיין ! ער האָט דאָך מיט זיי געלערענט צו עטליכע יאָהר, צום ערשטען מאָל זיי אָנגעטון תפילין, זיי געמאַכט פאַר אידען ! דאָס אַלץ האָט ער זיך נישט געפרעגט. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיי אָנגעטראָפען, איז איהם אויפ׳ן זינען געקומען דאָס זעלבע ווערטעל — גדיים נעשו תישים — זיך תמיד געוואונדערט ווי די חברה זיינען אויסגעוואַקסען, גע־טראַכט, אז זיי פיהרען זיך שוין מסתמא מיט מיידלעך, זיך אָפּט געשראָקען, זיי זאָלען זיך ניט אָפּרעכענען מיט איהם און אין האַר־צען האָט איהם הנאה געטאָן, וואָס ער האָט זיי אַלעמען געריסען

פאַר די אוירען, געפּאַטשט, געהאַקט מיט דער ווירע איבער די הענט און ביי זיי צוגענומען יעדע שפּילצייג.

דער סעקרעטאַר האָט געשטעלט קליינע, ווייכע טריט, ווי אַ קאַץ, ווען זי נעהמט זיך גנב'ענען, געעפּענט און צוגעמאַכט בשעת אין גאַנצן די פינגער פון דער רעכטער האַנט, געמאַכט גרי־מאַסען, ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין איינגע'טענה'ט. ער האָט גע־נומען פרידקינ'ען אונטער'ן אָרעם, מעשה גוטער־ברודער, און אָנ־געהויבען:

— מיסטער פרידקין, מיט אַן אמת, זאָגט, ווען עס מאַכט זיך אייך, אַזוי אַ גוטער שדוך, כ'מיין אַ ליטויש, בעל־הבית'יש מיי־דעל, טאַקע מיט נדן, וואָלט איהר געטון?

— כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת, האָט פרידקין אָנגעשטעלט די וואַסערדיגע אויגען, שוין חושד געווען דעם סעקרעטאַר, אַז ער נעהמט איהם אָפּטון אַ שפּיצעל און געקלערט וואָס צו זאָגען — ס'איז שווער צו געפינען אין ניו־יאָרק אַ בעל־הבית'יש מיידעל. לאָמיר זיך נישט נאַרען, מיסטער קליין, ווער קומט דען דאָ אַרי־בער? דער אָפּפאַל! איהר זעהט, ווען ס'מאַכט זיך מיר אַ ליי־טיש מיידעל, נישט קיין מיאוס'ע... כ'ווייס...

— לאָמיך שוין הערען, וואָס ס'הייסט ביי אייך שעהן? — האָט דער סעקרעטאַר אָפּגעשטעלט פרידקינ'ען, זיך צוגעבויגען צו איהם, ווי ער וואָלט זיך געקליבען איהם אַ סוד איינצורוימען און איהם אָנגענומען פאַר אַ קנעפּעל פון פראַק, וואָס האָט געהאַנגען אויף צוויי פעדים — אַז איהר אַלע מאַכט אַ וועזען פון מיט שולע, אַ מיידעל בלויז הויט און ביינער, בין איך מעהר קיין מבין נישט! מיינט נישט וואָס כ'בין אַ סעקרעטאַר אין אַ „היברו־סקול", בין איך אַ פאַנאַטישער מענש! כ'בין אַ בוקאָווינער, און בוקאָווינער, פאַרשטעהט איהר מיך, זיינען מבינים, וואָס ס'הייסט שעהן! כ'מיין נישט, אַז אַ מיידעל דאַרף זיין פעט. ניין, נור אַ מיידעל דאַרף ראשית זיין. כ'מיין, אַז מיט אַ הויך זאָלט איהר זי ניט קע־נען אָפּשטופּען, אוועקבלאָזען ווי שפּינוועבס... נעהמט, למשל, מיין

טאָכטער — אַן אַמעריקאַנער מיידעל, קיינמאָל קיין שאָפּ ניט אָנ־געזעהן, ס'איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טון, דערצו זיינען פאַראַן אַ פּאָר הונדערט טאָלער אויך, רעכען איך, אַז פּאָר אייך, אַ רו־היגען מענשען . . .

דער סעקרעטאַר איז מיט אַמאָל אַנטשווינען געוואָרען, אונטער־געטראָגען פרידקין'ען דאָס קנעפּעל פון פראַק, וואָס ער האָט אָפּגעדרעהט בשעת אין רעדען און שולדיג געשמייכעלט.

פרידקין האָט צוגענומען דאָס קנעפּעל, גאָר נישט געזאָגט, גע־וואונשען דעם גאַליציאַנער אַ ווייסט יאָהר און זיך געוואונדערט, ווי ר'נאָך זיין ווייב קען מיט איהם שלאָפען, אַז מען פיהלט איהם פון מויל.

זיי האָבען זיך אריינגעדרעהט אין אַ זייטיגע גאַס. דער סעק־רעטאַר האָט געוואָלט פאַרעדען פרידקין'ען, האָט ער איהם צוריק גענומען אונטער'ן אָרעם:

— טענה איך, צו וואָס דאַרפט איהר זיין אַ פּרינציפּאָל אין דער „מחזיקי תורה", אַז איהר קענט לייכט קריגען אַ שטעל אַלס "ראַ־באַי" ! איהר זייט אַ געבילדעטער מענש, ר'קענט די אַלע אַמע־ריקאַנער „ראַבאַים" פאַרשטעקען אין ארבעל ! אלא־מה ? אין אַמעריקאַ דאַרף מען קענען געהן מיט די עלענבויגענס ! די „עלע־ווייטערס" קלאַפּען צו הויך, דאַרף מען זיי קענען איבערשרייען און איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב דאָ אַ גרויס באַקאַנטשאַפט . . . וואו געהט איהר ? — האָט דער סעקרעטאַר פרידקין'ען אָפּגע־שטעלט און איהם געוויזען אויף אַ „טענעמענט"־הויז — אָט דאָ וואָהן איך !

פרידקין האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זיך געוואָלט געזעגענען, האָט דער סעקרעטאַר איהם נישט אָפּגעלאָזט:

— קומט ארויף, זייט נישט קיין פרעמדער ! אזא חמימה, וועלען מיר טון אַ קאַלטען טרונק !

פרידקין איז נאָכגעגאַנגען נישט איילינ, זיך בשעת מעשה אַ טאָפּ געטון צו דער קראַוואַט האָט זיך איהם נישט אראָפּגערוקט,

געזעהן ווי דער סעקרעטאַר שפּרינגט איבער די טרעפּען, פאַר־שווינדט ערגעץ אין אַ טיר, איז איהם איינגעפאַלען, אַז דאָס איילט ער זיך אָנזאָגען די שטוביגע זיי זאָלען צוראַמען. ער פיהרט אַ גאַסט, הייסט מסתמא דער טאַכטער זיך איבערטון, זי איז אַ גאַ־ליציאַנער, אַלע גאַליציאַנער זיינען פאַלש, צוגיסען זיך באַלד נאָך דער חתונה. פון גרוים הנאה, וואָס זיין קאָפּ אַרבייט אַזוי גוט, האָט ער זיך עטליכע מאָל געקלאַפּט אין שטערען און געוועזן ביי זיך זיכער, אַז ער מוז יעדעס מיידעל געפעלען.

דערווייל האָט דער סעקרעטאַר ברייט צועפענט די טיר און גע־וויזען מיט דער האַנט :

— ביטע, מיסטער פרידקין, קומט אריין !

דעם סעקרעטאַר'ס ווייב, אַ פעטע, צוגאָסענע יודענע, וואָס האָט אויסגעזעהן נישט ווי זיין ווייב, נור ווי אַ מוטער, האָט באַ־געגענט פרידקינ'ען מיט אַ שמאַלציגען שמייכעל און זיך געהאַלטען אין איין ווישען די הענט :

— ווילקאָם — — —

דאָס קליינע מאַנעלע האָט אַ קוק געטון אויפ'ן גרויסען ווייב, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אויפעסען און געהייסען האָט עס, זי זאָל פרידקינ'ען נים פאַרהאַלטען אין קיך. ביידע האָבען איהם אריינ־געבעטען ווייטער. דער סעקרעטאַר האָט איהם אריינגעפיהרט אין זאַל, וואו אויסגעבעט מעבעל איז געווען באַצווינגען מיט גרויע צי־כען, עס זאָל נישט באַשטויבט ווערען. אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן, אַ הויכע מיט נישט קיין מיאוס, קינדיש פּנים, געראָטען מעהר אין דער מאַמען ווי אין טאַטען, איז געזעסען ביי דער פּיאַנאָ און געשפּילט. זי האָט אָנגעשטעלט בשעת־מעשה דאָס שפּיץ־צינגעל דאָ אויף דער רעכטער, דאָ אויף דער לינקער באַק, זיי עט־וואָס איינגעצוויגען און געווען זעהר צופרידען וואָס זי קען מאַכען חן־גריבלעך.

ביי פרידקינ'ס אריינקום האָט זי אויפגעהערט שפּילען, זיך אויפגעשטעלט, עטוואָס צועפענט דאָס מויל, געמאַכט מיט דעם

שפּיץ־צונג אויף ביידע באַקען, ווי זי וואָלט געגאַנגט א צוקערעל און געווען גרייט מיט ביידע חן־גריבלעך א שמייכעל צו טון, ווען דער פאַטער וועט זי פאַרשטעלן.

— מיסטער פרידקין, דער פרינסיפּאַל פון אונזער סקול — האָט דער סעקרעטאַר איהם פאָרגעשטעלט פאַר דער טאָכטער און זיך געווענדעט צו איהם — און דאָס איז מיין טאָכטער!

— זעהר אנגענעהם! — האָט ס״מיידעל זיס א שמייכעל געטון, איהם דערלאַנגט א ווייכע, ווארימע האַנט און ארויסגערוקט א שטול — ביטע, זיצט!

די מוטער האָט גלייך אריינגעבראַכט א גלעזערנע קרוג מיט לימאַנאַד, קאָנפיטורען, פרוכט און אלע האָבען זיך ארומגעזעצט ארום טיש. דער סעקרעטאַר האָט זיך אויסגעטון דעם קאַפּעליוש, זיך אָנגעטון א זיידענעם קאַפּעל און זיך געווענדעט צו פרידקין׳ען:

— מיסטער פרידקין, נעהמט אראָפּ דעם העט, ס׳איז צו הייס! איהר ווייסט דאָך, אז כ׳בין נישט פאַנאַטיש, ביי מיר איז עס קיין חטא נישט!

פרידקין האָט אראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, אָפּגעווישט מיט א טיכעל דעם שטערען, זיך אָנגעגאָסען א גלאָז וואַסער, אויסגעטרונקען, געפּיהלט, אז מען האָט דאָ פאַר איהם דרך־ארץ, האָט ער זיך ברייט צולייגט אויף דער שטול, געקוקט אויפ׳ן מיידעל און ארויסגעלאָזט א מיעדען גענעץ. ער האָט געזעהן ווי דאָס מיידעל פאַרלירט זיך פון זיין בליק, האָט ער נאָך דורכדרינגענדער אויף איהר געקוקט, געטראַכט, אז איהרע האָר זיינען נישט קיין אידישע, עפּעס צו העל, ווי געוואַשענער פלאַקס, נאַכלעסיג צוגערוקט צו זיך דאָס טעלעריל מיט קאָנפיטורען און גענומען עסען.

די מוטער האָט באַלד פאַרצווייגען א שמועס, זיך געקלאָגט אויף דער היץ און ביים צווייטען וואָרט איז זי קונציג איבערגעגאַנגען צום פּרעזידענט פון דער שוהל:

— אז גאָט העלפט, מען האָט געלט, ווערט מען שעהן, קלוג

און אַז דו ביזט אָרעם, העלפט קיין חכמה נישט ! אָט נעהמט מיסעס שולץ, אַ נאַרישע אידענע, קען זיך נישט אונטערשרייבען און אַז גאָט האָט איהר געהאָלפען איז זי געוואָרען אַ גאַנצע ליידי ! און ס'טעכטעריל ? ס'איז דאָך אַזוי שעהן, פּונקט ווי איך ! און ווי דאָס נעהמט זיך איבער, אסור שיפ'ס טאָכטער ! אויסגעדראַרט, אַזש גרין, מ י י נ ע אַנטקעגען איהר איז דאָך אַ פּרינצעסין...

— נו, נו, — איז דער מאַן געוועזן צופרידען, וואָס ס'ווייב האָט פאַרפיהרט דעם שמועס — איינענע קינדער ריהמט מען ניט ! ביי יעדער מאַמען איז איהר קינד ס'שעהנסטע, ס'קלוגסטע . . .

פרידקין האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט, געהאַלטען אין איין עסען די קאָנפּיטורען, זיך באַלעקט און געווען זיכער, אַז ס'מוז זיי פּאַרדריסען, וואָס ער עסט אַלץ אויף. עס האָט זיך געהערט אַ קלונג. מאַן און ווייב האָבען זיך אַ שטעל אויפגעטון, זיך ענטשולדיגט און ביידע זיינען אריין אין קיך. פרידקין האָט גע־טראַכט, אַז דאָס לאָזט מען איהם איבער אַליין מיט'ן מיידעל, האָט ער זיך נאָך מעהר אויסגעלעגט אויף דער שטול, גענעסען די קאָנפּי־טורען און געשוויגען. איהם איז איינגעפאַלען אַז די מוטער האָט מיידעל־ווייז געמוזט אויסזעהן פּונקט ווי די טאָכטער און אַז די טאָכטער וועט נאָך דער חתונה פּונקט זיך אַזוי צוגיסען ווי די מו־טער. ער וואָלט קיינמאָל נישט געקענט חתונה האָבען מיט אַ גאַ־ליציאַנער מיידעל, אַלע גאַליציאַנער זיינען פאַלש, רעדען אַזוי צו־צויגען, אנשטאַט פליישׁ זאָגען זיי פלאַיש און ער האָט זיך מיט אַמאָל אַליין צולאַכט.

דאָס מיידעל האָט זיך פאַרלוירען, געמיינט אַז דאָס לאַכט ער פון איהר און איהם געפרעגט :

— וואָס איז, מיסטער פרידקין, איהר לאַכט פון מיר ?

ער האָט אויפגעהערט לאַכען, פאַרקוועטשט די ליפּען, איינגע־צויגען די ברייטע, ראַזירטע גאָמבע מיט אַ בהמה'שער צופרידענ־קייט און זיך איינגעהאַלטען ער זאָל נישט אַרויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער. ער האָט אָפּגעשיילט אַ פּאָמעראַנץ, גענומען אַ פענציל

אין מויל אריין, עס אויסגענאָגט, אויסגעשפּיגען די הויט אין טע־
ציל אריין און זי א פרעג געטון:

— איהר זייט דאָ געבוירען געוואָרען?

— ניין, אין גאַליציע.

— זייט איהר א גאַליציאַנער? — האָט ער א פאַרוואונדערטער
זיך א כאַפּ געטון, ווי ער וואָלט עס נישט געוואוסט — איהר
זאָגט: גאָין, הינע־דרינע, איטשע מאיער איז געשטאָרבען, הא,
הא, הא!

דאָס מיידעל איז רויט געוואָרען, ניט געוואוסט, וואָס צו ענט־
פערען און איהם אָנגעקוקט ווי א משוגע'נעם. ער האָט זיך באַ־
קוועמער אריינגעזעצט אין דער שטול און ווידער אָנגעהויבען:

— איך בין געווען אין גאַליציע, בין דורך דאָרט די גרעניץ!
איהר ווייסט, אַלע גאַליציאַנער זיינען גנבים!

איהם האָט שטאַרק הנאה געטון, וואָס דאָס מיידעל איז נאָך
רויטער געוואָרען און געקלערט וואָס אזוינס צו זאָגען, עס זאָל איהר
מעהר וועה טון. זי האָט זיך אָנגערופען מיט א פאַרשטיקט קול,
ווי זי וואָלט זיך געהאַלטען ביים פונאַנדערוויינען:

— ווער איז אייך שולדיג, אז איהר האָט געהאַט צו טון מיט
גאַליציאַנער גנבים? ס'איז דאָ אין רוסלאַנד אויך גענוג, פונ־
דעסטוועגען וועט קיינער ניט זאָגען — אַלע רוסישע זיינען גנבים!

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר — איז פרידקין געוואָרען ערנסט

— אז איך זאָג, מסתמא ווייס איך! כ'האָב אַליין געלייענט.

— וואָס האָט איהר געלייענט? — האָט זי איהם איבערגע־
האקט.

כ'האָב געלייענט—האָט פרידקין אָנגעהויבען צו שטאַמלען—
איהר דאַרפט מעהר, אפילו אין באָנע־סיירעס, איהר ווייסט סיי־
ווי־סיי נישט וואו דאָס איז, זיינען ניינציג פּראָצענט פון די אויס־
געלאַסענע פרויען, גאַליציאַנער מיידלעך . . . הא, וואָס זאָגט
איהר דערויף?

דאָס מיידעל האָט פון באַליידיגונג אזש געפיהלט טרעהרען אין

האַלז. זי איז געווען בייז אויפ׳ן פאָטער, וואָס ער האָט זי איי־בערגעלאָזט מיט אזא משוגענעם און געבעטען גאָט ער זאָל שוין אוועקגעהן. פרידקין ווידער האָט זיך געשמאָלצען פון נחת, וואָס ער האָט זי אזוי באַליידיגט. לאָז זי וויסען, די גאַליצקע, אז א פּרינ־סיפּאַל מיט בילדונג איז נישט אזוי לייכט צו קריגען און איהר פאָטער, דער שוטה, זאָל נישט מיינען, אז ס׳איז גענוג ער זאָל איהם ווערען פאר אן איידעם. פרידקין אליין מוז אויך ווערען ! ער האָט זיך מיט אמאָל אויפגעשטעלט, זיך איבערגעצויגען, זיך געזעגענט מיט׳ן מיידעל און שוין געוואָלט ארויסגעהן, איז דער סעקרעטאַר אריין :

— וואָס איז דאָס געאייל ?

— טאַקע, וואָס איז ס׳געאייל ? — איז די מוטער אָנגעקומען. פרידקין האָט געקלערט א ווײַלע, זיך געטראַכט — גאַליציאַנער חזרים, אויף מיטאָג הייסען זיי נישט בלייבען, א שאָד א פּאָר סענט, ס׳וואָלט א מצוה געווען אָפּצועסען ביי זיי, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי בעטען נישט, זיך גע׳ישוב׳ט און אויסגעשטרעקט א האַנט:

— גוד־באַי, מיסטער קליין, כ׳בין עפּעס גראַד היינט פאַרנו־מען !

— זעהט זשע זייט נישט קיין גאַסט !—האָבען איהם די על־טערען ארויסבאַגלייט און געוואונקען צו דער טאָכטער, כלומרש אויף שטום־לשון, אז פרידקין האָט אזש געהערט — וואָס שטעהסטו ווי א גולם ? מען זאָגט : „קאָל עגען" !

אז פרידקין האָט פאַרמאַכט די טיר, האָבען די עלטערען זיך א שטעל אוועק געטון איינער קעגען אַנדערען, פאַרבראָכען די הענט, געשאָקעלט מיט די קעפּ, ווי אַן אומגליק וואָלט זיי געשעהן און צו־זאַמען ארויסגערעדט :

— אז זי האָט איהם פאַרטריבען !

## 2

פרידקין איז אַראָפּ אויף דער גאַס, געבליבען אַ ווײַלע שטעהן, זיך געצופּט די שטעכיגע האָר פון דער גאָמבע און געקלערט צי דאָס מיידעל געפעלט איהם יאָ, צי נישט. ער איז געגאַנגען פאַר־מעליך, זיך געווישט דעם נאַסען שטערען און אין קאָפּ האָט זיך ביי איהם געפּלאָנטערט, אַז מיס קליין איז נישט קיין מיאוס'ע, האָט עטליכע הונדערט דאָלער און דער עיקר, איהר פאָטער קאָן איהם טאַקע אַריינגדרעהען ערגעץ אין אַ שוהל אַלס „ראַבאַי". מיט גאַ־ליציאַנער שפּיעלט מען זיך נישט, די גנבים קאָנען אַלץ ! ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז גרין איז היינט פאַרבעטען צום פּרעזידענט, וועט מסתמא אויף איהם אויסרעדען אַלץ בייז, איז איהם מיט אַמאָל אומעטיג געוואָרען. איהם איז איינגעפאַלען צו געהן פריה אויף דער לעקציע, אַזוי אַז גרין זאָל נישט האָבען קיין געלעגענ־הייט צו בלייבען מיט'ן פּרעזידענט אַליין. און טאָמער בעט מען איהם נישט צו בלייבען ? וועט ער זיך סיי־ווי־סיי מיט גרינ'ען אָפּרעכענען. נאָך היינט וועט ער אָנשרייבען צום „ועד החנוך" (געווים מיט אַנאַנדער האַנדשריפט), אַז גרין איז מחלל שבת בפרהסיא, עסט טרפות. פון דעם בלויזען געדאַנק איז איהם לייכ־טער געוואָרען.

אויף די טראָטואַרען, אין שאָטען, זיינען געזעסען מאַמעס, געגעבען צו זויגען די קינדער און ס'האָט זיי נישט געאַרט, וואָס מאַנסבילען געהען פאַרביי, קוקען. אַן איטאַליענער האָט זיך אָפּ־געשטעלט אין מיטען גאַס מיט אַ פערד און וואָגען, וואו אַ קאַראַ־זעלאַ איז געשטאַנען. קינדער אין די בלויזע העמדלעך, די קעפּלעך צושויבערט, זיינען אויסגעוואַקסען ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, געשטופּט דעם איטאַליענער „פּעניס" אין דער האַנט אַריין. ער

האָט ארויפגעזעצט דאָס קליינוואַרג אויף די פערדלעך, גענומען שפּילען און די נישט אָנגעשמירטע קאַראַזשעלקאַ האָט געקרעכצט, ווי אַן אַלט אויסגעטריקענט ראָד ביי אַ שטריק־מאַכער.

אַן אויפגערעגטער, וואָס די ווייבער צולייגען זיך אויף די טראָטוארען ווי קוהען, וואָס די קאַראַזשעלקאַ גרילצט אין די אויערן און אפשר דערפאַר וואָס ער איז געווען הונגעריג, איז פרידקין כמעט געלאָפען אהיים. ער האָט זיך צומאָל נישט באַגריסט מיט זיינע בעלי־בתים, אריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ער האָט אראָפּגעוואָרפען דעם ראָק, דעם קאַפּעליוש, דעם קאָלנער, זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל, וואָס איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, פאַרוואָרפען די הענט, ווי אַ הרוג, געוואַרט מען זאָל איהם רופען עסען און הנאה געהאַט, וואָס אַ ווינטעל האָט איהם יעדע ווײַלע אַ גלעט געטון, זיך פאַר׳גנב׳עט הינטער׳ן צו־קנעפּעלטען העמד. ער איז געלעגען מיט פאַרמאַכטע אויגען, זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער האָט חתונה פאַר מים שולע, דער שווער יאַר־בייט מעשים, און די שוהל „מחזיקי־תורה" נעמט איהם אויף פאַר „ראַבאַי". אַלע רופען איהם רעווערענד דר. פרידקין ! ווען דאָס זיי קרענקען, די מלמד׳לעך ! זיי וועלען שוין מעהר נישט אָפּלאַ־כען, יעדער וועט איהם באַגעגענען מיט אַ שמייכעל, האַלטען פאַר אַ כבוד, אויב ער וועט מיט עמיצען אויסרעדען צוויי ווערטע־נור צוליעב דעם אַליין, אַז די לעהרער, זיינע חברים, זאָלען מעה־רעספּעקט פאַר איהם קריגען, האָט ער געפּלאַנט די גאַנצע חתונה. און אַז ער איז שוין געווען פאַרטיג, געוואָרען „ראַבאַי", חתונה גע־האַט, איז ער אַ ווײַלע געבליבען ליגען, ווי אין אַ הוהנער־פּלעט, נישט געווען צופרידען, וואָס ער האָט אַלץ צוגעפיהרט צו אַ באַ־שטימטען פּונקט און געמוזט אויפהערען טראַכטען. ער האָט זיך גענומען שטעלען שווערינקייטען, זיך אַליין אַ פּרעג געטון, וואו מען נעמט „היתר־הוראה", וואו קריגט מען דעם טיטול „ראַבאַי" ? ער האָט דאָך קיינמאָל קיין סעמינאַר ניט געענדיגט ? האָט ער דאָך אַ חבר גאָלדמאַן, איז ער רעווערענד — דר. אין דער שוהל

„תפארת יעקב" און ער האָט אויך גאָר נישט געענדיגט! קען נאָך ווענינער פון איהם! ס'איז דאָך אמעריקאַ...

עס האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין טיר.

— קאָם אין!

די בעל־הבית'טע, א פולע ווייבעל, מיט א קלאָרען ווייסען האלז, האָט געעפענט די טיר, אריינגעשטעקט דעם קאָפּ און א שמייכעל געטון:

— מיסטער פרידקין, עסען!

פרידקין איז אראָפּ פון בעטעל, זיך צונגענעצט, געפיהלט, אז ער דארף זיך נור רוהיג אוועקלייגען, נאָכאמאָל אלץ דורכטראכטען, וועט ער געווים עפּעס צוקלערען ער האָט גענומען פארקנעפּלען דאָס העמד, זיך דערמאָנט, אז דאָס גנהט ער עסען מיט סעמי'ן, דעם בלעכער, האָט ער דאָס העמד נאָך מעהר אויפגעקנעפּעלט, נאכלעסיג אריין אין דעם צווייטען צימער און זיך אוועקגעזעצט ביי דעם געגרייטען טיש.

אויבען־אָן איז געזעסען דער בעל־הבית, א שווערער יונגער־מאַן, מיט א קליינעם, ביז אין דער העלפט באוואקסענעם שטערן. גרויסע, נישט קיין רירעוודיגע אויגען, און אין גאנצען האָט דאָס פּנים דערמאָהנט עפּעס בהמה'שעס. ער איז געזעסען אין א בלויז לייבעל, געהאַלטען זיין צוויי־יעהריגע טאָכטער אויפ'ן שויס און מיט איהר צוזאמען געגעסען פון איין שיסעל.

די בעל־הבית'טע, א קליינע, א קיילעכדיגע, איז געזעסען צווישען מאַן און פרידקינ'ען, יעדע ווייל'ע אויפגעשפּרונגען ווי א פּילקע, עפּעס אריינגעבראַכט פון דער קיך און אכטונג געטון דער מאַן זאָל נישט זאָגען קיין נארישקייטען.

זי האָט זיך געהאַלטען פאַר א געבילדעטע, תמיד געלייענט רוסישע ביכער, געוואוסט אז סאַשאַ, אזוי האָט מען איהר מאַן גערופען, איז זי נישט ווערט און גע'חלומ'ט, אז אן אינטעליגענט וועט קומען און זיך פארליעבען אין איהר.

אז פרידקין איז געקומען דינגען דעם צימער, האָט זי איהם

געלאָזט אַזוי ביליג, אַז זי האָט נאָך דערלעגט צו איהם, גערעכענט —אַ געבילדעטער מענש, וועט זיין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצו־רעדען. פרידקין אָבער איז תמיד געזעסען ביי זיך אין צימער, גע־האַלטען פאַרשלאָסען די טיר, זיך געוויזען בלויז ביים עסען און גע־רעדט צו איהר אין אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט איהר נישט נור באַ־צאָהלט פאַר'ן עסען, נור אויך פאַר'ן דערלאַנגען. פון דעם ער־שטען טאָג אָן האָט זי איהם פיינט געקראָגען. זי האָט נישט גע־קענט הערען, ווי ער שפּרייזט איבער דעם קליינעם צימער שעה'ן נאָכאַנאַנד, רעדט צו זיך, ווי ער וואָלט געווען פון זינען, און גע־פיהלט, אַז אַ שווערער, שלעכטער מענש האָט זיך אַריינגעריסען אין איהר שטיל לעבען, גיט איהר אָנצוהערען אויף טריט און שריט, אַז דאָס וואָס ער וואוינט ביי איהר, טוט ער איהר אַ טובה. זי האָט געליטען וואָס פרידקין באַמערקט זי נישט, הערט זיך נישט איין ווען זי רעדט, שמייכעלט פון אויבען אַראָפּ, ווי ער וואָלט גע־זאָגט — רעדט בעסער קיין נאַרישקייטען נישט. זי איז געווען זיכער, אַז זי עקזיסטירט נישט פאַר איהם, אַנדערש וואָלט ער זיך נישט ערלויבט אַרומצוגעהן ביז מיטאָג אין אונטערוועש און צו־מאָל נישט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך צו ענטשולדיגען פאַר איהר. און וואָס מעהר פרידקין האָט זי נישט באַמערקט, אַלץ מעהר האָט זי איהם פיינט געקראָגען און אין דער זעלבער צייט נישט אויפגע־הערט צו וואַרפען זיך איהם אין די אויגען, זיך צו פאַרלירען אין זיין געגענוואַרט און געווען גליקליך, אַז ער האָט צו איהר אַ וואָרט אויסגערעדט. תמיד ווען פרידקין איז געווען אין שטוב, האָט זי גאָרנישט געקאָנט טוּן, זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, גע־זעסען אין עס־צימער איבער אַ ראָמאַן, כלומׂרש געלייענט און זיך געערגערט צו וואָס זי טוט עס. און פונדעסטוועגען האָט זי ביים קלענסטען סקריפּ געפיהלט ווי עס פאַרפעהלט איהר אטעם, געוואַרט פרידקין זאָל עפענען די טיר, דורכגעהן און זעהן, אַז זי זיצט דאָ ניט צוליעב איהם. פרידקין האָט אַמאָל ביים עסען גע־לאָזט פאַלען אַ וואָרט, אַז ראָמאַנען זיינען סחורה פאַר ווייבער,

א מאַן טאָר נישט פּטר'ן די צייט איבער אויסגעטראַכטע מעשיות, האָט זי אויפגעהערט צו לייענען ראָמאַנען, אָנגעהויבען צו נעמען אין דער ביבליאָטעק בלויז וויסענשאַפטס־ביכער. גאַנצע אָוועטען איז זי געזעסען איבער א בוך אין עס־צימער, געוואַרט אויף פרידקינ'ען, האָט ער געמעגט קומען ווי שפּעט. ער האָט אָבער קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט איהר, אפילו זי נישט באַגריסט, זיך אימער אריינגעשאַרט צו זיך אין צימער, ווי א שאָטען, און פאַרשלאָסען נאָך זיך די טיר.

און אַז פרידקין איז שוין געלעגען אין בעטעל, געזעהן, ווי געגענאיבער אויף דעם מויער, וואָס האָט אריינגעקוקט אין זיין פענסטער, וואַקסט אויס א מאַטער, רויטליכער שיין פון זיין בעלהבית'טעס נאַכט־לעמפּעל, וואָס איז געשטאַנען ביי איהר אין שלאָף־צימער, איז איהם עפּעס קשה געוואָרען און ער איז תמיד איינגעשלאָפען מיט'ן געדאַנק, אַז צווישען איהם און דעם רויטליכען שיין איז דאָ עפּעס א שייכות.

איצט, אַז פרידקין איז אריין, האָט ער צו ערשט א קוק געטון אויף זיין פּאָרציע פלייש, דערנאָך באַטראַכט די איבריגע און מיט א זויער פּנים האָט ער זיך גענומען פאַר דער אכילה.

— וואָס זאָגט איהר נישט, מיסטער פרידקין, צו די גנבים, צו די „סאָקערס" — האָט סאַשאַ אָנגעהויבען.

— וואָס מיינט איהר ? — האָט פרידקין געפרעגט, נישט אויפהויבענדיג די אויגען.

— כ'מיין די „ארבייטער־רינג" דאָקטוירים — האָט סאַשאַ אריינגעכאַפּט א לעפעל געקעכץ און זיך געקרעקט — זיי האָבען דאָך מיך אויסגעבראַקירט, האַ, האַ, האַ, נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען !

דאָ האָט ער אראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויף דער פּאָדלאָגע, זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטרעקט א ברוסט, ברייט ווי א קאַסטען, גענומען מיטביידע פויסטען פּויקען איבער דער ברוסט, ווי אין א באַראַבאַן, און זיך פאַנאַנדערגעשריען :

— זיי האָבען אויסגעפונען, די גנבים, אַז איך האָב בראָנ־קיטעס, האַ, האַ, האַ ! כ'וואָלט זיי אַלעמען, דאַכט זיך, דער־הרג'עט מיט איין האַנט, ווי כ'בין אַ יוד, קומען זיי, די קאַנאַוואַ־לען, און זאָגען, אַז כ'האָב סוכאָטע, ווי געפעהלט אייך אַזאַ מעשה?

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט, האָט עס געגומען אויף דער האַנט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, עס געגעבען אַן אויסגענאָגטען ביין, ס'זאָל אַנטשווייגען ווערען, און נישט אויפגעהערט צו רעדען :

— ווייס איך וואָס ? אַמעריקאַנער דאָקטוירים ! אַ שניידער זאַמעלט אַן קישקע־געלט אַ טויזענד דאָלער, געהט ער אַוועק אין אַ קאָלעדזש און ווערט אַ דאָקטאָר... כ'וואָלט געוואָלט, וואָלט איך אויך געקאָנט ווערען אין אַמעריקאַ אַ דאָקטאָר ! כ'בין אָבער נישט משוגע — קישקע־געלט וועל איך נישט אָפּשפּאָרען ! אַ מענש לעבט נור איין מאָל, וויל איך עסען דאָס בעסטע, קומט אַזאַ נישט, ווען איהר קוקט דאָס פאַרשווינדעל אָן ? אַז אַלץ ווערט אין אַמעריקאַ אַ דאָקטאָר ! וואָס זאָל איך אייך זאָגען ? כ'האָב בשעת מעשה איהם געוואָלט אַ שווים טון אין פּנים אַריין, וואָלט ער געוואוסט וואָס ס'הייסט בראָנקיטעס, אַ נו יעוואָ ק'טשאָרטו !

— נענוג, סאשאַ, גענוג, האָסט זיך שוין צורעדט, ס'עסען ווערט דאָך דיר קאַלט — האָט דאָס ווייב איהם גענומען איינשטי־לען, מורא געהאַט, ער זאָל נישט רעדען קיין גראָבע רייד.

— אַ וואָרט לאָזט זי מיך נישט אויסרעדען ! — האָט ער געוויזען מיט'ן גראָבען פינגער אויפ'ן ווייב און אַריינגערעדט אין פרידקינ'ען, וועלכער האָט זעהר געוואָלט מאַן און ווייב זאָלען זיך צושלאָגען — ווי זי הערט נור, אַז כ'רעד אויס אַ וואָרט, מיין גע־לערענטע דאַמע, זי לייענט דאָך ביי מיר ראָמאַנען, האָט זי מורא, דער מאַן, דער גראָבער יונג, זאָל נישט אויסבלאָזען עפּעס אַ נאַ־רישקייט ! הערסטו, וויערא — האָט ער זיך אויסגעדרעהט צום ווייב אַ צופריעדנער, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אַביסעל לשון — מיסטער פרידקין איז אַן עדות, אויב דו וועסט זיך מישען אין מיינע געשעפטען, געה איך אַוועק פון שטוב, ווי כ'בין אַ יוד !

— גוט, גוט, אָל־רייט — איז ווייטער רויט געוואָרען וואָס דער מאַן מאַכט איהר אַזעלכע בזיונות פאַר פרידקינ׳ען אין די אויגען— ס׳עסען ווערט דאָך אָבער קאַלט...

— אז ס׳וועט קאַלט ווערען, קאָן מען אָנוואַרמען — האָט סאַשאַ פון זיך געקוואָלען — כ׳קאָן מיר ערלויבען אויסצוברענגען נאָך פאַר א „קוואָטער" א חודש געז, כ׳וועל בלייבען דערזעלבער קבצן. וואָס זאָגט איהר, מיסטער פרידקין ?

— אודאי דאַרף א ווייב נישט פיהרען א מאַן פאַר דער נאָז — האָט פרידקין אָנגעבלאָזען א פּאַר באַקען און זיך איינגעהאַל־טען ער זאָל זיך נישט צולאַכען.

— זעהסט ? — האָט סאַשאַ זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטוהל און געגלעט דעם קינד איבער׳ן קעפּעל — איז פרידקין, דאַכט זיך, אַזוי געלערענט ווי דו, האַ ? און ער גיט מיר אויך גערעכט. געה איך ערגעץ מיט איהר, האָב איך מורא א וואָרט אויס־צורעדען. וואָס בין איך עפּעס ? אַן אידיאָט ? ווערסט מיר שוין אָנטון ביים עסען א טישטוכעל אויפ׳ן האַלז, כ׳זאָל זיך נישט איינ־נעצען, האַ ?

עס האָט זיך געהערט א קלונג. סאַשאַ האָט געלאָזט זיצען דאָס קינד אויפ׳ן שטוהל און איז געלאָפען עפענען די טיר. ער איז באַלד צוריק אריינגעקומען, פיהרענדיג הינטער זיך א יונגען־מאַן.

— מיסטער פרידקין, מען פרעגט זיך אויף אייך !

פרידקין איז אויפגעשפרונגען און אריינגעפיהרט דעם יונגען־מאַן צו זיך אין צימער. סאַשאַ איז ארומגעגאַנגען איבער׳ן עס־צימער אַן אָנגעבלאָזענער און גערעדט צו זיך :

— ס׳פּאַסט איהם נישט, דעם אינטעליגענט, פאַרצושטעלען א מענשען ! כ׳וועל איהם באַלד דאָ אָפּשפּיעלען א חתונה, וואַרט!

דאָס ווייב האָט געמאַכט גרימאַסען, געוואונקען ער זאָל שוויי־גען, איהם געוויזען, אז פרידקין קאָן נאָך הערען.

— כ׳וויל ער זאָל הערען ! — האָט סאַשאַ נאָך העכער גע־

שריען — וואָס מיינט ער ? ביי מיר איז א „באָגאָדיעלנא" ? איך בין דאָ בעל־הבית און אז ס'קומט עמיצער, פיהרט זיך ביי מענשען... א מענש איז ער ? דיינע געבילדעטע מענשען ! פיהרט זיך ביי מענשען, אז ס'קומט עמיצער שטעלט מען פאַר, פאַרשטעהסט ?

גלייך ווי פרידקין איז צוריק אריין, איז סאשא שטיל געוואָרען, גענומען ענדיגען דעם מיטאָג און אזוי, כלאחר יד, האָט ער ווייך א פרעג געטון :

— אויך א לעהרער ?

— יעס.

— אין ניו־יאָרק מוזען זיין א סך העברעאישע לעהרער, הא?

— נישט צו פאַרזינדיגען.

— איהר ווייסט, מיסטער פרידקין, — האָט סאשא אלץ אין איינעם געוואָלט פאַרציהען א שמועס — איהר וועט לאכען, נור כ'בין מעהר מקנא א העברעאישען לעהרער, ווי א דאָקטאָר. איהר לערענט אָפּ אייערע דריי, פיער שטונדען און איהר זייט פריי. א שאָד, א שאָד, כ'האָב אמאָל גוט געקענט העברעאיש, ווי איהר קוקט מיך אָן, געוואוסט גאַנץ „ישעיה" אויף אויסוועניג. באלד — האָט ער זיך גענומען רייבען דעם שטערן — „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי, ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו... הו גוי חטא... נו, וואָס זאָגט איהר, א גראָבער־יונג בין איך שוין נישט, הא, הא, הא ?

פרידקין האָט געשמייכעלט, אריינגעכאַפּט דעם לעצטען לעפעל זופּ, געוואַרט א ווייַלע, צי מען וועט נאָך עפּעס דערלאַנגען, געזעהן אין דער בעל־הבית'טעס פּנים, אז ס'איז מעהר גאָר נישטאָ, איז ער א בייזער אוועק פון טיש, אריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר

ביים טיש איז געזעסען א גלאַט־ראַזירטער, שטייפער יונגערמאַן, ווי א האָלצערנער, און אריינגעקוקט אין אָן אָפען תנ"ך'על, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש. אז פרידקין איז צוריק אריין, האָט

דער יונגערמאן זיך אויסגעדרעהט, זיך געווישט דעם שטערן מיט אן איינגעלעגט פיער־עקיג נאז־טיכעל און עטליכע מאל איבער־גע׳חזר׳ט:

— א היץ! א געפעהרליכע היץ!

— קריגסט גאר קיין „וועקיישאן” נישט? — האט פרידקין איהם א פרעג געטון און זיך בשעת־מעשה גע׳ישוב׳ט, צי זאל ער איהם מכבד זיין מיט א קאלט גלאז לעמאנאד, וואס די בעל־הבית׳טע האט שטעהן אין אייז־שענקיל.

— ווייס איך וואס? — האט דער יונגערמאן א ציה געטון מיט די אקסלען — און ביי אייך אין דער תלמוד תורה גיט מען?

— מיר וועלען מסתמא קריגען אכט טאג — האט פרידקין געענטפערט, נאך אלץ זיך גע׳ישוב׳ט, צי זאל ער איהם מכבד זיין מיט א גלאז לעמאנאד. באשלאסען, אז אויב ער וועט זיך נאך אמאל ווישען דעם שטערן, איז ער איהם מכבד, און זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בעטעל — נו, וואס הערט זיך, זיסקינד?

— פרידקין, ס׳איז טאקע אמת וואס כ׳האב געהערט?

— וואס? — האט פרידקין אויסגעגלאצט א פאר אויגען.

— כ׳האב געהערט, אז די „מחזיקי־תורה” נעמט צו א נייעם פרינסיפעל!

פרידקין איז בלאס געווארען:

— טשיקאווע, וואו האסטו עס געהערט?

— באלד — האט זיסקינד איינגעצויגען דעם ברייטען שטערן — ווער האט עס מיר געזאגט? יע. דער הויכער בחור, וואס רעדט תמיד העברעאיש, ווי הייסט ער?

— וואקסמאן?

— יעס. ער האט מיר געזאגט, אז גרין האלטביים אנקומען אויף דיין פלאץ.

— איך ווייס דערוועיל פון גארנישט — האט פרידקין א פאר־לוירענער געשמייכעלט — כ׳האב היינט דעם פרעזידענט געזעהן און ער האט מיר גארנישט געזאגט. כ׳שטעה שוין אויפ׳ן פלאץ

קנאַפּע צעהן יאָהר און אַלע, דאַכט זיך, זיינען פון מיר צופרידען. נור געה וויים? אַז זיי פאַרגינען מיר נישט, גראָבען הינטען ארום! דו ווייסט נישט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך: גלייך ווי וואַקסמאַן און מיללער זיינען אָנגעקומען איז געוואָרען אַ טאַ־ראַראַם — פּאַלעסטינער לעהרער! זיי זיינען פּונקט אַזוי פּאַלעס־טינער, ווי דו!ביידע קומען פון סמאַרגאָן, האָבען געשנאָרעט אַ יאָהר אין ירושלים, געלעבט מסתמא פון דער „חלוקה" און ארי־בערגעקומען נאָך אַמעריקאַ אַלס פּאַלעסטינער. איז גלייך ווי זיי זיינען אָנגעקומען, האָבען זיי געוואָלט דעם „סיסטעם" איבערמאַ־כען, לערנען „עברית־בעברית", בין איך, פאַרשטעהט זיך, געווען דאַגעגען! נו, קאָנען זיי עס מיר נישט מוחל זיין, די סאַן אָף ע' גאָנס!

— איך גיב נישט פאַר זייער העברעאיש קיין שניף־טאַבאַק!

— האָט זיסקינד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — געהסט אַמאָל אַריין אין דער „מפיצי"? דאָרט קומען מיידלעך, וואָס רעדען העב־רעאיש. מען שטיפט, מען פלויערטעוועט אויף העברעאיש — אַ מיטעל אַ בחור צו קריגען. איינע נעמט אוים מיט איהרע חן־גריבלעך, די צווייטע מיט העברעאיש, אָבער אין תוך זיינען זיי פלאַך, קאָנען גאָר נישט און זייער העברעאיש האָט קיין האָפט נישט. פּונקט אַזוי זיינען די פּאַלעסטינער בחורים, וואָס קומען דאָ אהער! אַז זיי רעדען גאָר תרגום־לשון! אָהן געלעכטער, זיי רעדען דאָך תמיד העברעאיש און כ'האָב נישט געטראָפען איי־נעם פון זיי ער זאָל קאָנען גרינדליך די שפּראַך. זיי קומען אהער פאַרטיגע גאונים, די עזות־פּנים'ער, זיינען זיך בלומרשט מקריב פאַר'ן כלל ישראל און אַלע ארום קוקען אויף די בחורים ווי אויף אידעאַליסטען. כ'בין פּונקט אַזאַ אידעאַליסט ווי יעדער פון זיי, אלא מה? זיי זיינען פאַלש, איינס באיינס הי־פּאָקריטען! ברויכסט מעהר, כ'בין נישט רעליגיעז, לייד איך כאָטש דערפון, כ'פיהל, אַז אַ מענש אָהן אַ גלויבען איז אַ צובראָ־כענע נשמה און גלויב מיר, נישט איינמאָל טראַכט איך, אַז ס'איז

כדאי אַ מאַך צו טון אויף אַלעם מיט דער האַנט! נו, טאַקע, אַזעלכע מענשען ווי איך האָבען ניט געטאָרט חתונה האָבען, נעמען אויף זיך אַן עול! מיר וועלען אומעטום זיין די „בעק נאָמבערס“. אפנים צו שפּעט געקומען אויף דער וועלט און די איינציגע ישועה איז פּילייכט צוריקצוגעהן אין בית־המדרש אַריין! און וויפיעל, מיינסטו, קאָסט מיך געזונט, וואָס כ'מוז יעדען טאָג לערנען מיט די קינדער דינים פון שלחן ערוך? כ'קאָן זיך אָבער נישט העל־פען, שווייג איך כאָטש און כ'וועל קיינמאָל די העזה נישט האָבען אפילו אַ טראַכט צו טון, אַז כ'בין זיך מקריב פאַר'ן כלל ישראל! אָבער די פּאַלעסטינער חברה טון דאָך כל עבירות שבעולם, שוין אָפּגערעדט וואָס זיי זיינען נישט רעליגיעז, דער געפיהל פעהלט זיי לחלוטין נישט, ווייל זיי האָבען איהם קיינמאָל נישט געהאַט. גיב זיי ביאַליק'ס „מרינקה“, צי אַנאַנדער מעשה וועגען אַ שיקסע, וועלען זיי דיר אַוועקגעבען דאָס גאַנצע אידישקייט, און אין דער תלמוד תורה ציהט יעדער פון זיי אַרויף אויף זיך אַ טלית שכלה תכלת. מען האָט טענות צו אַ מיסיאָנער, אַז ער גלויבט אַליין נישט און פאַר געלט רעדט ער אָן אַ צווייטען צו גלויבען. זיי זיינען דען בעסער? נעם, למשל, הגגי'ן! דו קענסט דאָך איהם? ווי געפעלט דיר עפּעס דער נאָמען? ה־ג־ג־גי! דאָס איז אַ בחור, וואָס רעדט אפילו אויף ננתקה'ן, נו, פרעג איך דיך, אַז דו זעהסט דעם זעלבען הגגי'ן שטעהט אין קלאַס און שלאָגען אַ אינגעל, פאַרוואָס ער טראָגט נישט קיין אַרבע־כנפות, טאָ מיט וואָס איז ער בעסער פון אַ מיסיאָנער?

פרידקין איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אַ פּאָר אויסגע־גלאָצטע אויגען, געקוקט אויפ'ן פריינד און נישט פאַרשטאַנען צו וואָס ער קאָכט זיך. ער האָט געטראַכט, אַז ווער וויים, טאָמער וועט איהם דער פּרעזידענט מיט אַן אמת היינט אָפּזאָגען. און אַן אומבאַהאָלפענער, ווי עס וואָלט איהם שוין מאָרגען אויסגעקומען צו געהן איבער די הייזער, איז ער געזעסען אַ דערשלאָגענער אויפ'ן בעטיל און אַלץ אין איהם האָט זיך געפרעגט: וואָס טוט מען?

וואָס טוט מען? אז ער האָט דערהערט דאָס וואָרט מיכיאַנער, האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן, געוואָלט וויסן וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך און געקוקט מיט חשד אויף זיסקינדען. נישט איין מאָל שוין אז ער האָט געהערט דערצעהלען ווי גוט און לייכט עס לעבט זיך א מיסיאָנער, האָט זיך תמיד ביי איהם טיעף אין דער נשמה עפּיס אָנגעצונדען. ער איז ארומגעגאַנגען מיט א פאַרנעבעלטען געדאַנק, אז מען דאַרף זיך די זאַך אויך קלאָר מאַכען, נור ס'זאָל זיין שא, שטיל, קיינער דאַרף נישט וויסען וואָס פרידקין טראַכט. איצט אז ער האָט געהערט דאָס וואָרט, האָט ער שוין חושד געווען זיסקינדען, צי ער וויל נישט איהם קיין פּיסעל אונטערשטעלען.

עס האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין טהיר.

— קאַם אין!

סאַשא האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ, א שמייכעל געטאָן, דערנאָך האָט ער אריינגערוקט א האַנד מיט אן אָפענעם פּעקיל סיגאַרעטס:

— איהר ווילט אפשר א סיגאַרעט?

זיסקינד האָט זיך א הויב געטאָן, געוואָלט נעמען איינעם, האָט סאַשא איהם פלינק אונטערגעטראָגען דאָס קעסטעלע:

— פּאָזשאַלויסטא!

ער האָט אָנגעריבען אָן דער זויל פון שוך א שוועבעלע, עס אונטערגעטראָגען זיסקינדען און געוויזען אויף פרידקינען:

— מיסטער פרידקין איז ביי אונז א „באַרישנע". ער רויכערט נישט, טרינקט נישט און הא, הא, הא, דערפאַר איז ער מקיים די דריטע מצוה, נישט וואַהר?

פרידקין איז נישט געווען צופרידען וואָס סאַשא איז אריין, איהם גאַרנישט געענטפערט און געוואָלט ער זאָל וואָס גיכער ארויס. סאַשא האָט זיך נישט וויסען געמאַכט וואָס זיין „באָרדער" איז אין כעס, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד, גוט פערצויגען, אן ערנסטער

געקוקט מיט איין אויג, ווי דער רויך הויבט זיך איבער זיין קאָפּ און מיט אַמאָל זיך אוועגדרט געטאָן צו זיסקינדען:

— איהר ווילט אפשר א קאַלטען טרונק?

איידער זיסקינד האָט צייט געהאַט איהם עפּיס צו ענטפערען, איז סאשא שוין נישט געווען אין צימער.

— דאָס איז דיין בעל־הבית? — האָט ייסקינד א דרעה גע־טאָן מיט׳ן קאָפּ אין דער ריכטונג וואו סאשא איז אוועק.

— איך האָב איהם נישט ליעב — האָט פרידקין זיך א קרום געטון — א איד א נודניק! ווי ווערט מען פון איהם פטור?

סאשא האָט אריינגעבראכט צוויי פלעשלעך ביער, אנגעגאָסען אין גלעזער און אלע דריי האָבען געטרונקען לחיים. סאשא האָט זיך אוועקגעזעצט אויף׳ן בעטיל, צושטעלט די פיס, אנגעשפּארט אָן זיי די עלענבויגענס און אָפּגעהוסט:

— א גוט גלאָז ביער קען מען נור קריגען אין בערלין! דורכ־פאָהרענדיג נאָך אַמעריקאַ האָב איך דאָרט געטרונקען א גלאָז ביער ליגט מיר נאָך דער טעם אין מויל!

— יע, אין בערלין האָבען זיי גוט ביער! — האָט זיסקינד צו־געגעבען.

— און וואָס האָבען זיי נישט? — האָט סאשא זיך ארויפגע־וואָרפען אויף׳ן ערשטען וואָרט, אבי צו פאַרציהען א שמועס — די דייטשען האָבען אלץ! יעדע זאַך וואָס איהר קויפט איז „מייד אין דזשוירמעני“.

פרידקין האָט געהאַלטען אז אלץ וואָס ער עסט און טרינקט דאָ איז געפעלשט, אז עפּיל, פּאָמעראַנצען, קאַרטאָפעל, אפילו א שטיקעל עוף, קיין עסענווארג האָט דאָ נישט דעם זעלבען טעם ווי אין דער היים, ווי זיי וואָלטען דאָ געווען נאָכגעמאַכטע, האָט איצט אויך נישט געקענט פאַרליידען וואָס מען לויבט עפּיס דייט־שעס ביער און זיך אָנגערופען:

— און וואָס איז דער מעהר מיט א היימיש גלעזיל ביער?

כ׳מיין דאָס שווארצע ביער? ס׳איז אזוי גערדיכט און קרעפטיג אז דער טעם ליגט מיר נאָך אין מויל!

— ווייס איך וואָס! — האָט סאשא מיט א ציה פון דער האַנד מבטל געמאכט פרידקין׳ס רייד — וואָס א שטעדטיל אין דייטש־לאַנד פארברויכט ביער אין איין טאָג, פארברויכט נישט א גאַנצע רוסישע גובערניע אין א וואָך.

סאשא האָט זיך קוים געהאט פאַנאַנדערגערעדט, געפיהלט אז ער האָט שוין איינגעפערעמט, האָט פונקט דעמאָלט וויערא אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער צועפענטער טהיר און איז רויט געוואָרען:

— סאשא, איך דארף דיך!

— צו וואָס? — האָט סאשא זיך א בייזער געטון, געוואוסט אז דאָס ווייב פארגינט איהם נישט, וואָס ער רעדט מיט א מענשען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— קום אהער וועל איך דיר זאָגען — האָט וויערא געשמייכעלט.

— זאָג, אייגענע מענשען, מעגען זיי הערען!

— ס׳איז א סוד — האָט וויערא זיך פארלוירען — קום שוין, וואָס זיצטו?

אז ביידע זיינען ארויס, האָט זיסקינד זיך אויפגעשטעלט.

— געהסט שוין — האָט פרידקין איהם געפרעגט — וואָס איז דאָס געאייל? סאיז דאָך היינט זונטאָג!

— מיינע ווארט מסתמא אויף מיר מיט מיטאג — האָט זיסקינד געענטפערט — כ׳האָב איהר געזאָגט אז כ׳געה דאָ אהער.

—פונדעסטוועגען, פרידקין, דארפסטו דיר נישט נעמען צום הארצען. ראשית האָב איך מורא אז די גאַנצע מעשה מיט׳ן פרינציפּעל איז א ליגען און אויב עס זאָל יאָ זיין אמת איז אויך נישט קיין געפאהר. א שעהנער תכלית פאר אזעלכע מענשען ווי מיר צו זיין „היברו טיטשערס“. ס׳זיינען פאראן טויזענד אנדערע זאכען

וואו מען קען זיך מאַכען אַ שטיל, שעהן לעבען, מען דאַרף נור אַ זוך טון! צו די גרויסע שכירות וואָס מיר קריגען, קען זיך דאָך אַ „היברו טיטשער" נישט ווייזען אויף דער גאַס. די אייגענע תלמידים, די ממזרים, לאָזען די גאַס נישט דורכגעהן. וואו דו געהסט און שטעהסט שרייט מען דיר נאָך: רבי! רבי! ווען נישט מיין ווייב וואָלט איך שוין לאַנג אויפגעגעבען די שעהנע פּרנסה, ווייסט דאָך אַ אידענע... נו, גוט־באַי! קום היינט אין אָבענד אריי־בער צו מיר, וועסט קומען?

— היינט? — האָט פרידקין אַ קלעהר געטון — היינט האָב איך דאָך ביי'ם פּרעזידענט אַ לעסאָן. גוט, אויב זיי וועלען מיך נישט פאַרהאַלטען וועל איך קומען.

— אָל־רייט, זעה צו קומען. כ'וויל זיך טאַקע דורכשמיסען מיט דיר — האָט זיסקינד אָנגעטון דעם שטרויענעם קאַפּעליוש און גענומען אַרויסגעהן.

פרידקין האָט איהם באַגלייט ביז צו דער טהיר, זיך איינגע־הערט ווי דער חבר שפּרייזט איבער די טרעפּען און אַז ער האָט גע־נומען געהן צו זיך אין צימער אריין, איז איהם די בעל־הבית'טע אַנטקעגען געקומען. זיי האָבען זיך אָנגעקוקט, זיך פאַנאַנדערגע־שמייכעלט. פרידקין האָט זיך פאַרגעסען, זי אָנגענומען פאַר אַ האַנד, גלייך אָפּגעלאָזט. אַ פאַרלוירענער האָט ער זיך ארומגעקוקט צו סאַשאַ זעהט נישט און איז אריין צו זיך אין צימער.

## 3

פאַרנאַכט האָט פרידקין אָנגעקלונגען בײַ׳ם פּרעזידענט. די דינסט, אַ יונגע, פּוילישע שיקסע, וואָס האָט געהאַט אַ טבע נישט צו קוקן אַ מאַנסביל גלײַך אין די אויגען אַרײַן, האָט איהם געעפענט און ווי תמיד זיך ענטשולדיגט, וואָס דער תלמיד איז נישטאָ. זי איז צוגעלאָפן צו אַן אָפן פענסטער, וואָס איז געגאַנגען אין גאַס אַרײַן, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך פאַרגאַנגען אין אַ זינגענדיגען קוויטש — הע־רי־י־! הער־רי־י־יה!

אין קאָרידאָר האָט זיך פרידקין באַגעגנט מיט אַן אַלטען, דאַרען איד, וואָס האָט געשאַרט מיט די פיס, ווי ער וואָלט גערוקט קלעצלעך, געשטעלט דעם שטעקען אויף אַ פריהער און אין גאַנצען האָט ער אויסגעזעהן, ווי אויסגעקנאָטען פון קיט. פרידקין האָט געוואוסט אַז דאָס איז אַן עברי־מלמד, לערענט מיט׳ן פּרעזידענט׳ס צוויי קליינע מיידלעך „סידור“. דורכגעהענדיג האָבען זיך ביידע אָנגעקוקט ווי ביטערע קאָנקורענטען. פרידקין האָט געפיהלט אַז ער איז דער לעהרער און דער אַלטער דער מלמד און דער אַלטער האָט זיך געטראַכט אַז ווען די „משומדים“ פיהרען נישט איין צו לערנען אויף ענגליש וואָלט ער געמאַכט אַ ב׳כבוד׳יג לעבען.

פרידקין איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין קאָרידאָר הינטער דער טהיר, טאָמער וועט ער עפּיס אונטערהערען, זיך געטאַפּט בשעת־מעשה פאַר׳ן קליינעם קאָלירטען שניפּסעל, וואו איין פליגעלע איז אַפער פון הינטערען קאָלנער און אויסגעזעהן ווי אַן אויסגעשטאַפּט פייגעלע. ער האָט געעפענט די טהיר, אַרײַן אין הערר׳ים צימער, זיך אוועקגעזעצט נעבען דער אָפענער פּיאַנאָ און גענומען די ערשטע טענער פון „התקוה“. פרידקין האָט זיך געטראַכט אַז דער פּיאַנאָ לעהרער וואַרט מסתמא נישט אויף׳ן תלמיד. מענשען און זאַכען

זיינען ביי איהם געווען איינגעטיילט אין ראנגען. ער האָט פאר־שטאנען אז פּיאנאָ שפּיעלען איז א העכערער ראנג ווי העברעאיש, במילא, קומט דעם פּיאנאָ־לעהרער בעסער צו באהאנדלען ווי איהם. דערפאר באהאנדעלט מען איהם בעסער ווי דעם אלטען מלמד, וואס מוז לערנען מיט די מיידלעך אין קיך.

די טהיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און העררי איז געבליבען שטעהן א צופּלאָמטער, מיט דער „גלאָוו" אין דער האנד. ער האָט זיך געווישט מיט די אויסגעשמירטע הענד דאָס פארשוויצטע פּנים, איבערגעלאָזט פלעקען וואו ער האָט זיך נור צוגעריהרט, זיך איבער־געצויגען, זיך געקרומט און מען האָט געזעהן אז ער האָט גאָר קיין חשק ניט צו געהן לערנען.

— קאם אן! קאם אן! — האָט פרידקין א ברום געטון און גענומען זוכען דעם תלמיד'ס ביכער.

— אז איך האָב נישט פארטיג געמאכט דעם לעסאָן?! — האָט העררי אויפגעהויבען די אקסלען, געמאכט א נעביך פּנים'ל און נאריש געשמייכעלט.

פרידקין האָט נישט געוואוסט וואס צו טון. זאָל ער איהם באשטראָפען? האָט ער מורא געהאט זיך איינצורייסען מיט'ן תלמיד. וואס טוט ער אז העררי וויל מעהר ביי איהם נישט לער־נען? זאָל ער איהם פארשווייגען? האָט ער ווידער זיך געשראָ־קען פאר'ן פּרעזידענט. ער וועט זעהן אז העררי האָט ביי איהם קיין פּעולה געהאט, וועט ער איהם אוועקגעבען צו א צווייטען. פרידקין האָט געפיהלט אז איצט איז נישט די צייט צו מאכען מיט'ן תלמיד א חתונה. ער האָט אויפגעמישט א „סדרה" אין חומש, וועלכע העררי האָט כמעט געקענט אויף אויסווענינ און זיך גע־טראכט, אז טאָמער וועט דער פאָטער אריינקוקען, לאָז ער כאָטש זעהן, ווי זיין תכשיט „זאָגט ווי א וואסער". ער האָט זיך נישט איינגעהערט ווי דער תלמיד זאָגט, געוואָלט די שעה זאָל וואס גי־כער אריבער, זעהר קיין חשק נישט געהאט דער פּרעזידענט זאָל

איהם פאַרהאַלטען, נישט געוואָלט זיך טרעפען מיט גרינען אין מים שולצ׳עם געגענוואַרט און מיט אמאָל זיך א פרעג געטון ביי הערריי׳ן:

— דער פּאַ איז אין שטוב?

העררי האָט נישט אויפגעהויבען די אויגען פון חומש און מיט׳ן זעלבען ניגון געענטפערט:

— ר׳איז דאָ. ס׳איז דאָרט דאָ א לעהרער פון אייער „היברו“, כ׳האָב פאַרגעסען ווי ער הייסט — —

— גרין? — האָט פרידקין איהם אַרויסגעהאָלפען.

— יעס, גרין — האָט העררי אויפגעהויבען דעם קאָפּ, געשמייכעלט מיט א צועפּענט מויל, ווי ס׳וואָלט איהם הנאה געטון וואָס דער לעהרער האָט געטראָפען.

— נו, קאַם אָן! — האָט פרידקין איהם אונטערגערוקט דעם חומש.

העררי האָט געזאָגט מיט א פול מויל, פאַרטייטשט די ווערטער אויף ענגליש, באַמערקט אז פרידקין הערט זיך נישט איין, האָט ער אָנגעהויבען צו היפּערען, געקוקט אויף׳ן לעהרער מיט איין אויג און יעדע ווייל א רוק געטון דעם גרויסען ווייזער פון וועקזייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף׳ן טיש.

פרידקין האָט זיך נישט געמאַכט זעהען, זיך געפיהלט נערוועז, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אן עקזאַמען, געוואָלט וואָס גיכער זיין אויף דער גאַס און אין דער זעלבער צייט האָט איהם פאַרדראָסען וואָס גרין פאַרברענגט זיך מיט׳ן פרעזידענט׳ס טאָכטער און ער מוז דאָ זיצען מיט׳ן „כאַמוליע“.

העררין האָט דערעסען דער חומש, האָט ער אָנגעהויבען צו זאָגען מיט א פאַרשטיקט קול, ווי ער וואָלט מיט אמאָל הייזעריג געוואָרען, געצויגען די ווערטער אַלץ פּאַמעליכער, אַנשווייגען געוואָרען און ווידער אָנגעהויבען צו רוקען די ווייזערס.

ווען פרידקין וואָלט נישט מורא געהאַט, וואָלט ער דעם אינגעל גע׳ממית׳ט, אַזוי אויפגערעגט איז ער געוואָרען. ער האָט זיך

איינגעהאַלטען מיט אַלע כחות און נישט ווילענדיג איהם אַ ציה
געטון פאַר אַן אויער:

— וואָס שפּיעלסטו זיך, וואָס?

הערדי איז אויפגעשפּרונגען, זיך געכאַפּט פאַר'ן אויער, גע־
שריען אַז ער וועט ביי איהם מעהר נישט לערנען, געסטראַשעט אַז
ער געהט דערצעהלען דעם פאַטער און געוואָלט אַרויס פון צימער.

פרידקין האָט זיך פאַרלוירען. אַן איבערגעשראָקענער האָט
ער פאַרמאַכט די טהיר און אָנגעהויבען איינצונעמען דעם ווילדען
איינגעל.

הערדי האָט נישט געוואָלט הערען, זיך געהאַלטען פאַר'ן אויער
און אַלץ אין איינעם געבורטשעט:

— כ'וועל דערצעהלען דער מאַמען!

פרידקינען האָט באַנג געטון די גאַנצע חתונה. ער איז גע־
שטאַנען איבער'ן איינגעל אַ בלייכער, אַליין נישט געוואוסט וואָס
ער רעדט און בשעת־מעשה זיך פאַרגעשטעלט ווי מיסעס שולץ
קומט אַריין, ציינט איהם הערדי'ס אויער, אַ רויט'ס, אַ געשוואָ־
לענם. אין דער טהיר שטעהט מיס שולץ, מאַכט אַ זויער פּנים ווי
זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שטיקעל זייף און גרין בויגט זיך אין
דרייען, לאַכט.

פרידקין האָט געגלעט דעם תלמיד, איהם איבערגעבעטען, צו־
געזאָגט איהם קיינמאָל נישט צו טשעפּען און דער קליינער זשוליק,
זעהענדיג, אַז דער לעהרער האָט מורא, האָט ער זיך אַלץ מעהר
געריסען. אַ דערשלאָגענער איז ער געשטאַנען איבער הערדי'ן
און ווען דאָס איינגעל הייסט איהם דעמאָלט פאַלען זיך צו די פיס,
וואָלט ער עס געטון, אַבי איהם איבערצובעטען. ער האָט איהם
געמוזט צוזאָגען, אַז ער וועט איהם אויף מאָרגען גאָר נישט פאַר־
געבען, ערשט דעמאָלט איז הערדי צוגעגאַנגען צום טיש. פרידקין
האָט געפיהלט אַ קאַלטען שוויים איבער'ן גאַנצען לייב און איהם
איז איינגעפאַלען, אַז ווער ווייס? עס קען זיין, אַז אויף דער על־

טער וועט ער פונקט אזוי אויסזעהן, ווי דער אלטער מלמד, וועמען ער טרעפט יעדען טאג אין קארידאר. ער האט דערזעהן אין דעם אלטען מעהר ווי א שברי־כלי — ער האט אינסטינקטיוו דערזעהן אין איהם זיין אייגען געוויסען.

פרידקין איז געבליבען זיצען א ווײַלע, א בלייכער, מיט א פאר גרויסע, פארוואונדערטע אויגען און אין גאנצען האט ער אויס־געזעהן, ווי מען וואלט איהם נור וואס אפגעמונטערט פון חלשות. ער האט צוגעמאכט דעם חומש, אונטערגערוקט הערריץ'ן דעם העפט מיט'ן בלייפעדער און צום פופציגסטען מאל איהם אנגעהויבען צו דיקטירען א „מכתב־ברכה לעת תקופת־שנה החדשה", מיט וועל־כען ער האט זעהר געהאפט אויסצונעמען ביים פרעזידענט. הערריי האט איהם שוין באלד געקענט אויף אויסווענינ און איידער פרידקין האט זיך ארומגעקוקט, האט ס'אינגעל אנגעשריבען דעם טיטול:

— לכבוד הורי היקרים, בבות־עיני, חיי־רוחי, לזכרם תאות־נפשי, הלא המה: אבי, מורי, יקר־הרוח, איש־תבונות מו"ה ר' חיים נ"י — ואמי מורתי. טובת־הלב, מנשים באהל תבורך, מרת דבורה תחיה."

— פארטיג? — האט פרידקין א פרעג געטון גארנישט טראכ־טענדיג דערביי.

— פארטיג — האט הערריי געענטפערט, געווארט פרידקין זאל אנהויבען צו דיקטירען, בשעת מעשה פראקטיצירט די האנד־שריפט, מאכענדיג מיט איין צוג פונ'ם בלייפעדער גרויסע רינגען, ווי אוואלען און א פרעג געטון — פארוואס שרייבט מען אין „היברו" אזא לאנגען טיטול?

פרידקין האט זיך פארטראכט. ס'איז איהם אליין אויך צום ערשטען מאל קשה געווארען צו וואס מען דארף טאקע אזא לאנגען טיטול, נישט געוואוסט וואס צו ענטפער'ן און זיך א בייזער געטון:

— כ'וויים, קשיות צו פרעגען ביזטו א בריה! נו, שרייב, באלעמיטשע נישט! — און ער האט אנגעהויבען צו דיקטירען.

— „הורי־היקרים! הנה השנה הזאת צוללת בתהום - הנשיה, בחיק - העבר" — — פּאַרטיג?

— יעס.

— „לא תשוב עוד אלינו. עוד מעט קט נעיף עינינו בה — — —" פאַרטיג?

— מעט־קט — האָט הערר[י] איבערגעחזרט.

דער פּרעזידענט, אַ ברייטביינינגער איד מיט אַ גרויליק בער־דיל, איז אַריינגעקומען אין מיטען דיקטירען. ער האָט געגעבען פרידקינען די האַנד, זיך איינגעקוקט ווי דאָס זוהנדעל שרייבט און זיך וואוילעריש, מעשה גביר, אַ פּרעג געטון:

— נו, האָט ער עפּעס אַ פּעולה? אַז דאָס נעמט קיינמאָל קיין ביכעל נישט אין דער האַנד אריין!

פרידקין האָט נאַריש געשמייכעלט, געהויבען אַן אַקסעל, זיך מיט אַמאָל אויפגעשטעלט, ווי ס'וואָלט נישט געווען אַנשטענדיג צו זיצען אין דער געגענוואַרט פון אַ ברויט־געבער און געשטאַמעלט:

— יאָ... כ'מיין... ווי דען...

דער פּאָטער האָט אַ קניפּ געטון דעם זוהנדעל אין דער באַק און זיך געווענדעט צו פרידקינען:

— ס'וועט זיין גענוג אויף היינט. איהר האָט דאָך צייט, מיסטער פרידקין, האַ?

פרידקין האָט געוואָלט זאָגען אַז ער איז זעהר פאַרנומען, מען וואַרט גראַד היינט אויף איהם און גלייך געענטפערט:

— געוויס האָב איך צייט!

— טאָ בלייבט אויף אָבענד־ברויט. גרין איז אויך דאָ.

איידער פרידקין האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט דער פּרעזידענט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם, איהם אַריינגע־פיהרט אין דעם „פּאַרלאָר" און אַ זאָג געטון אויף ענגליש:

— איך האָב די עהרע...

פרידקין האָט זיך פאַרנייגט, רויט געוואָרען, זיך אַוועקגע־

זעצט אין א ווינקעל און געפּיהלט ווי זיינע פּאַפּירען שטעהן גוט, אנדערש וואָלט דער פּרעזידענט איהם נישט גענומען אונטער'ן אָרעם.

מיס שולץ, א שווארץ מיידעל, ווי א מולאַטקע, נישט קיין הויכע, די אויבערשטע ליפּ עטוואָס פערשאַרצט, וואו עטליכע ווייסע ציין האָבען ארויסגעשמייכעלט, איז געשטאַנען ביי דער וויקט־ראָלע. מיט איין האנד איז זי יעדע ווייל̄ע גרייט געווען אָפּ־צושטעלען דעם „רעקאָרד". מיט דער צווייטער האָט זי לייכט געמאַכט צום טאַקט, ווי זי וואָלט דיריזשירט און פון דער זייט געקוקט אויף גרינען.

גרין איז געשטאַנען אין א ווינקעל, ווי א היימישער מענש, מיט האלב־פאַרמאַכטע אויגען זיך איינגעהערט צו דער מוזיק און מיט א טיעפען טענאָר געענדיגט צוזאַמען מיט'ן רעקאָרד:

— פּאַגעליא — אַטשי — י — י! פּאַגע — ליא — אַטשי!

די מאַדאַם, מיסעס שולץ, מיט א קאָפּ צווישען די אַקסלען, ווי זי וואָלט קיין האלז נישט געהאַט, איז געזעסען אין א טיעפען וויעג שטוהל, געקוקט אויף'ן מאַן, וואָס איז געבליבען שטעהן אין דער טהיר, געקוקט אויף דער טאָכטער, ווי זי פאַרזעצט יעדעס מאָל אַן אנדערען רעקאָרד און זיך געשמאָלצען פון נחת, ווי נישט די וויקטראָלע וואָלט געשפּיעלט, נור די טאָכטער.

דער פאָטער האָט א וואונק געטון צו דער טאָכטער מען זאָל אויפהערען שפּיעלען און זיך געווענדעט מיט א שמייכעל צו גרינ'ען, ווייזענדיג אויף פרידקינען:

— איהר זייט דאָך באַקאַנט?

— ווי דען, ווי דען — האָבעןביידע גוטמוטיג זיך ארויסגע־כאַפּט, ווי זיי וואָלטען זיך נור וואָס דערזעהען.

דאָס שיקסעל האָט אריינגעבראַכט א טאַץ מיט טהעע.

— ביטע, רוקט זיך צו צום טיש — האָט מיסטער שולץ זיך

געוואָנדעט צו די געסט און אַליין האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויבן אָן.

פרידקין האָט באַמערקט ווי גרין האַלט זיך פריי, האָט ער איהם מקנא געווען און אין דער זעלבער צייט געהאַט פאַראיבעל אויף איהם. ער האָט זיך געטראַכט — מיר ווייסען דאָך וואָס פאַר א פּאַרשוין דו ביזט, נישט מעהר ווי א „היברו־טיטשער“ און אז א איד א גביר פאַרבעט דיך צו זיך אין שטוב אריין, טאָ וואָס מאַכסטו הינטישע שטיק?

די מאַדאַם האָט אויסגעשטעלט דעם טהעע מיט די קאָנפי־טורען. פרידקין איז כלומרשט געזעסען א גלייכגילטיגער, כלאחר־יד עפּעס א פרעג געטון גרינ׳ען און געציטערט מען זאָל איהם נישט פאַרטהיילען. דער בעל־הבית האָט זיך ברייט צוזעצט, א זופּ געטון דעם הייסען טהעע, זיך באַלעקט און זיך געוואָנדעט צו פרידקינען:

— כ׳האָב נור וואָס גערעדט מיט מיסטער גרינ׳ען, ס׳מוז דאָך עפּעס זיין, וואָס דער עולם איז אזוי שטאַרק נישט צופרידען מיט אונזער „היברו“? כ׳מיין, חס וחלילה, נישט צו באַשולדיגען די לעהרער, כ׳וויל מיר זאָלען זיך דורכשמועסען, אפשר וועלען מיר געפינען עפּעס אויסצובעסערען! נו טאַקע, אז א אינגעל געהט אָפּ דריי, פיער יאָהר און קען גאָר נישט — איז עס אן עולה!

בשעת דער פּרעזידענט האָט גערעדט, איז פרידקין געזעסען א בלאַסער, געהערט ווי דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּט ביי איהם און געהאַט דעם געפיהל, ווי מען וואָלט איהם פאַרנאַרט מיט גוטע רייד, מיט כבוד, ווי מען פאַרנאַרט א הונד, אבי מען זאָל איהם דערנאָך קענען טון א בריק מיט׳ן פוס. ער איז געווען זיכער אז אין געגענוואַרט פון די אַלע וואָס אַרום טיש, וועט איהם דער פּרע־זידענט זאָגען, אז ער מעג זיך זוכען אנאַנדער שטעל. ער האָט זיך געכאַפּט ווען דער פּרעזידענט האָט אָפּגערעדט, אז אַלעמענס אויגען זיינען געווענדט צו איהם און ער האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען:

— מיר שיינט אַז אונזער „היברו", איז פּונקט אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע אין ניו יאָרק, אין פיעל פּרטים איז זי נאָך בעסער, ווייל....

ער האָט באַמערקט ווי גרין שמייכעלט, ווי ער וואָלט מיט'ן שמייכעל איהם אין גאַנצען געוואָלט מבטל מאַכען, האָט ער זיך פאַרלוירען, אַ זופּ געטהון דעם טהעע און איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענדיגען, האָט איהם גרין איבערגעהאַקט:

— מיסטער פרידקין, דאַרף איך דען אייך דערצעהלען, אַז קיין איין אינגעל האָט נישט ליעב אונזער תלמוד־תורה? און ווייסט איהר פאַרוואָס דאָס איז? ווייל ס'פעהלט ביי די קינדער ליעבע צו אונזער „סקול" און דאָס דאַרפען די לעהרער איינפלאַנצען אין זיי! איצט ווי די „סקול" ווערט געפיהרט איז עס אַן אונמעגליכע זאַך! פאַרקעהרט, איך האַלט אַז די „סקול" דערווייטערט די קינדער פון די עלטערען! די קינדער שעהמען זיך מיט אידיש, הערען זיי אַ וואָרט אידיש, לאַכט מען אין די פויסטען, ווי זיי וואָלטען געהערט בינעזיש רעדען. ס'איז דאָך מערקווירדיג, — האָט גרין זיך אַ הויב געטהון, נעהנטער צוגערוקט די שטוהל צום טיש און אויסגעזעהן אַז ער קלייבט זיך אוועקצולעגען אַ לאַנגע דרשה — יעדעס אינגעל, כמעט אָהן אויסנאַהמען, מאַכט דעם אָנשטעל אַז זיין מוטער קען ניט קיין אידיש, אַז זי איז אַ געבוירענע „יענקי". און מאַכט זיך אַמאָל מען דאַרף רופען אַ אינגעל'ס אַ מוטער אין „סקול" אריין, ווערט ער אַ פאַרציטערטער, שעהמט זיך פאַר די חברים — דען ס'קומט אַ פּשוטע אידענע, פיעל מאָל נאָך אין אַ שייטעל. און איך בין איבערצייגט אַז די אַלע תלמוד־תורות, אָדער ווי איהר רופט זיי „היברוס", נישט נור זיי דערנעהנטערען, נור רייסען נאָך איבער דאָס לעצטע שטריקעל וואָס בינדט צונויף די קינדער מיט די עלטערען!

— טאַ וואָס ווילט איהר, מען זאָל לערנען ז ש אַ ר ג אָ ן? האָט פרידקין זיך געוואָלט פאַנאַנדערלאַכען, זיך דערמאָנט אַז ער זיצט ביים פרעזידענט און זיך איינגעהאַלטען.

— ס'וואלט גאר קיין עולה נישט געווען — האט גרין אן ערנסטער געענטפערט — כ'ווייס אז מיין פלאן וועט נישט אנגענו־מען ווערען. אלע וועלען זיין געגען מיר — די בעלי־בתים פון דער סקול, די לעהרערס און אפילו דער פרעזידענט אליין — האט ער מיט א שמייכעל געוויזען אויף מיסטער שולצען.

מיס שולץ, וואס איז די גאנצע צייט געזעסען און געקוקט גרינ'ען אין מויל אריין, האט געפונען פאר נויטיג איהם צו טרייס־טען:

— דער פא וועט נישט זיין דאגעגען, וואהר פא? — האט זי מיט א פינגער אנגעריהרט דעם פאטערס האנד.

מיסטער שולץ האט א שמייכעל געטון צו דער טאכטער, גע־מאכט אן ערנסט פנים און אפגעהוסט:

— כ'וועל אייך זאגען, מען דארף די זאך גוט איבערקלערען, ס'בעסטע וואלט געווען מען זאל פארופען א „מיטינג“...

— פארופט טאקע! — האט זיך גרין אנגערופען.

— מען דארף רופען דעם „ועד החנוך“ — האט דער פרעזי־דענט גענומען צייהלען אויף די פינגער — די דירעקטארען, אלע לעהרערס און גוט דורכשמועסען די זאך... אהן געלעכטער, אויב ס'איז אמת וואס מיסטער גרין זאגט, אז מיר האדעווען גוים, — האט זיך שולץ צולאכט — זיינען מיר, מיט אן אמת, אלע ווערט שמיץ!

— ווען רעכענט איהר צו רופען דעם „מיטינג“? — האט פרידקין זיך געפרעגט, אבי אריינצעווארפען א ווארט.

— ווען? — האט זיך מיסטער שולץ פארטראכט — כ'מיין מיטוואך, הא?

— אל־רייט!

— דבורה'לע — האט זיך מיסטער שולץ געווענדעט צום ווייב

— מיר וועלען אפשר עפעס איבערבייסען?

— מיר געהען שוין עסען — האט ס'ווייב גוטמוטיג צושפרייט

די הענד און זיך געווענדעט צו דער טאָכטער — בעססי, גרייט צום טיש!

בעססי, ווי זי וואָלט נור געוואַרט דערויף, איז אַריין אין צווייטען צימער, געקלימפּערט מיט גאָפּעל־מעסער און איידער מיסטער שולץ האָט צייט געהאַט מכבד צו זיין זיינע געסט מיט סיגאַרען, איז בעססי שוין צוריק געשטאַנען אין דער טהיר, געשמייכעלט מיט די ווייסע ציין, וואָס האָבען אַפּערגעקוקט פון אונטער דער פערשאַרצטער ליפּ, ווי זי וואָלט געזאָגט — בין איך נישט קיין בריה?

— מען קען שוין געהן עסען.

אַלע זיינען אַריין אין עס־צימער, זיך צוזעצט ביי אַ געגרייטען טיש. דער עולם האָט געשמאַק געגעסען, גערעדט וועגען היימישע מאכלים. מיסטער שולץ, פרידקין, גרין — יעדער איז געקומען פון אַנאַנדער געגענד, געריהמט זיינע אייגענע מאכלים.

פרידקין איז געוואָרען נאָך אַ גלעזיל ווין אַביסעל אויפגערוימט און מיט אַמאָל זיך אַ פרעג געטון ביי גרינ׳ען:

— איהר זייט דאָך אַ פּוילישער?

— יע.

— עסט איהר דאָך פיש מיט צוקער! — איז פרידקין זיך פערגאַנגען מיט אַ דין געלעכטער, אז טרערען האָבען זיך אַזש ביי איהם באַוויזען אין די אויגען.

ער האָט בשעת מעשה געמאַכט אַזא נאַרישע מינע, ווי גרין וואָלט נישט געגעסען פיש מיט צוקער נור פליעגען.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט, געהויבען מיט די אַקסלען, האָט פרידקין זיך פאַרלוירען, געפיהלט אז ער האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט און געבליבען זיצען מיט אַ פּאָר אָבגעבליאַקעוועטע אויגען, ווי אַ קורצזיכטיגער ווען ער טוט אויס די ברילען.

— און אַ הערינג אין טשאָלענד איז געשמאַקער? — האָט דער בעל־הבית געשמייכעלט צו פרידקינען.

— ביי אונז אין דער ליטא עסען דאָך דאָס אַלע! — האָט

פרידקין געענטפערט און זיך איינגעהאלטען נישט צו לאכען — אבער פיש מיט צוקער...

— עסען אלע אין פוילען פיש מיט צוקער — האט בעססי זיך אנגערופען.

— דאס זאג איך דאך! — האט פרידקין זיך מעהר נישט געקענט איינהאלטען און א פריסקע געטון מיט א געלעכטער אין זיין גלאז מיט וויין, אז ער האט באשפריצט דאס גאנצע טישטוך.

דער עולם האט גענומען צו ביסלעך וויין, געווארען אויפגע־רוימט, געפיהלט אז ס'איז דא פון וועמען צו מאכען שפאס און זיך איבערגעקוקט.

הערדי איז אריין, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, גענומען עסען און געקוקט מיט אן אויגעל אויף פרידקינען. פרידקין האט זיך געשראקען דער תלמיד זאל אמאל נישט דערצעהלען אז ער האט איהם געצויגען פאר אן אויער. און יעדעס מאל וואס הערדי האט זיך געווענדעט צו דער מוטער, איז פרידקינען היים געווארען ביים הארצען, געמיינט אז אט דערצעהלט ער. איצט האט פרידקין, נאך מעהר ווי פריהער, זיך נישט געוואלט ווארפען קיינעם אין די אויגען, זיך איינגעקורטשעט, געבליבען זיצען כמעט אן א זייט. אלץ אין איהם האט זיך געבעטען דער עולם זאל איהם נישט בא־מערקען און אין דער זעלבער צייט האט איהם פארדראסען וואס גרין פיהלט זיך אזוי היימיש, טרינקט זיך געמיטליך וויין. אויף צו להכעיס און אוים מורא אז גרין זאל נישט דערצעהלען ווי דער־שלאגען ער האט זיך געפיהלט ביים פרעזידענט, האט פרידקין פאר־געסען אז ער ליידט פון דיספעפסיע און אנגעהויבען צו טרינקען א גלעזיל נאך א גלעזיל.

— אז בחורים ווילען היינט נישט חתונה האבען — האט מיסעס שולץ אנגעהויבען — אט איז מיסטער פרידקין נאך א בחור!

— איהר האט דען פאר מיר א שידוך? — האט פרידקין

אָנגעשטעלט זיינע אויגען, וואָס זיינען געווען פאַרלאָפן ווי מיט טרון.

— ווען כ׳וויים אז איהר האַלט דערביי — האָט מיסעס שולץ געצויגען די ווערטער — וואָלט זיך שוין געפונען אַ שידוך!

— אודאי האַלט איך! — האָט פרידקין וואוילעריש אַ זאָג געטון, געפיהלט אַז מען מאַכט פון איהם חוזק, זיך אָבער נישט פאַרלוירען און דערזופט זיין גלעזיל וויין — ווען איהר האָט פאַר מיר עפּעס אַ לייטישען שידוך, וואָלט איך געטון.

— געלד ווילט איהר דאָך נישט? — האָט די בעל־הבית׳טע געשמייכעלט, זיך בשעת־מעשה איבערגעקוקט מיט די ארומיגע, זיך כמעט געבעטען ביי זיי: לאַכט נישט, איהר וועט אַלץ קאַליע מאַכען.

פרידקין האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי פריי ער האַלט זיך, ווי די שרייפּלעך ביי איהם אין מויל וואָלטען לויז געוואָרען. ס׳האָט איהם מעהר נישט געאַרט וואָס מען לאַכט פון איהם. דער וויין האָט איהם אַזוי צעוואַרעמט, צונומען און ער האָט זעהר געוואָלט זאָגען עפּעס אַזאַ נאַרישקייט, אַז דאָס טעבּעטעריל זאָל זיך פאַר־לירען, אַוועקלויפען פון טיש און דער עולם זאָל זיך קייקלען פון געלעכטער. ער האָט געמאַכט אַן ערנסט פּנים, איינגעצויגען די גאָמבע, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט איבער דער בעל־הבית׳טעס לעצטע פראַגע און מיט אַ ישוב־הדעת געענטפערט:

— ווען איהר האָט אַ שידוך מיט געלד איז דאָך אודאי גוט, נור אויב אָהן געלד, איז אויך קיין מניעה, דער עיקר, זי זאָל מיר געפעלען!

— אין וואָס גוסטירט איהר בעסער? — האָט מיס שולץ איהם געפרעגט און איז רויט געוואָרען — אין בלאָנדע?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט די שמאַלציגע אויגען, אַז דאָס מיידעל האָט זיך אַזש פאַרשעמט, און געענטפערט:

— כ׳גלייך נישט קיין בלאָנדע.

— בין איך דאָך אַ ברונעטקע! — האָט מיס שולץ אַ כאַפּ

געטון די האַנד צום מויל, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבריהט, זיך צו־לאַכט און פאַרשעמט בעהאַלטען ס'פּנים אין די הענד.

— איהר זייט נישט קיין ברונעטקע! — האָט פרידקין אַ צו־פרידענער געשמייכעלט.

— וואָס דען בין איך? — האָט ס'מיידעל געעפענט אַ פּאָר אויגען און אינסטינקטיוו געפיהלט אַז דער לאַנגוויילינגער „היברו־מיטשער" וועט זי באַליידיגען.

— איהר זייט... איהר זייט...

די צונג האָט זיך ביי פרידקינען גענומען וואַקלען ווי ביי אַ שכור, די אויגען פאַרצויגענע האָבען דאַכט זיך גאָר נישט געזעהן. ער האָט זיך אַ רוק געטון מיט דער שטוהל נעהנטער צום מיידעל, אָנגעכאַפּט איהר'ס אַ האַנד און געפּלאַפּעלט:

— איהר זייט נישט בלאָנד. איהר זייט... וואָס זייט איהר? איהר מיינט איך בין שכור? אסור! איהר זייט נישט בלאָנד. וואָס זייט איהר? אַ כלה מיידעל? הא, הא, הא!

ער האָט זיך אַ בויג געטון צו איהר און ס'האָט אויסגעזעהן ער געהט איהר אַ קוש טון. מיס שולץ האָט זיך אַ ריס געטון פון איהם, מיט אַ קוויטש זיך באַהאַלטען הינטער דער וויקטראָלע און אַ פאַרלוירענע געקוקט צום עולם.

— וואָס שרייסטו, ווילדע ציעג? — האָט מיסטער שולץ זיך געווענדעט צו דער טאָכטער — גיעב אריין אביסעל סעלצער. דער וויין האָט איהם מסתמא פאַרשאַדט!

ער איז צוגעגאַנגען צו פרידקינען:

— איהר ווילט זיך אפשר צושפּאַרען?

— איך בין נישט שיכור! — איז פרידקין אויפגעשפּרונגען, זיך גע'ישוב'ט צו זאָל ער איהם אַרומכאַפּען, קושען, געפיהלט אַז ער האָט ווייניג קוראַזש און טעמפּ זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטוהל.

מיסטער שולץ האָט איהם גאַרנישט געענטפערט, זיך צוגעלעגט אַ פינגער צום שטערען, געצייגט גרינ'ען אַז פרידקין איז באַקנאַקט

און איז אריין אין זאַל. גרין איז איהם נאָכגעגאַנגען. פרידקין האָט אויסגעטרונקען א גלאָז סעלצער, געפיהלט אז ער איז דאָ אן איבריגער, אז אלע ווארטען ער זאָל וואָס גיכער אוועקגעהן און זיך געטראַכט, זיי אויף צו פלאַצעניש וועט ער בלייבען. ער איז גע־בליבען זיצען איינער אליין ביים טיש, געקוקט ווי דאָס שיקסעל נעמט אראָפּ דאָס געפעס און א שווערער אומעט איז איהם באַ־פאַלען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטען מלמד וואָס לערענט „עברי" אין קיך און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געוואָלט ארויס אָהן א גוטע־נאַכט, די מורא אָבער, אז מען קען איהם מאָר־גען אָפּזאָגען פון דער שטעל, האָט איהם געשלעפּט צום זאַל. ער האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ, געזעהן ווי אלע זיצען און מיט א הוילקייט ביים הארץ, ווי ער וואָלט שוין עטליכע טעג נישט גע־געסען, האָט ער זיך געזעגענט:

— א גוטע נאַכט!

— נו, ווי פיהלט איהר? לייכטער אביסעל? — האָט דער בעל־הבית זיך אויפגעשטעלט — וואָס איילט איהר זיך? פאַר־ברענגט נאָך מיט אונז!

— ס'טוט מיר זעהר לייד — האָט פרידקין זיך געהאַלטען אין איין נויגען — כ'מוז געהן! א גוטע נאַכט!

— א גוטע נאַכט!

ביים ארויסגאַנג האָט פרידקין זיך אָן עפּעס דערמאָנט, צוריק אריין אין זאַל און געבליבען שטעהן פאַר מיס שולץ:

— כ'האָב אייך נישט געמיינט צו בעליידיגען! ענטשול־דיגט, מיס שולץ!

דער עולם האָט זיך איינגעהאַלטען, געביסען זיך די ליפּען און אַז פרידקין איז שוין געווען הינטער דער טהיר, האָט ער גע־הערט, ווי מען קייקעלט זיך פאַר געלעכטער.

## 4

פרידקין איז געבליבען שטעהן אויף'ן „סטופּ", פּאַרלוירען זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָריענטירען צי ער דאַרף געהן רעכטס, צי לינקס. ער האָט נישט באַמערקט ווי פאַר־ביינעהער האָבען פאַרדעכטיג אויף איהם געקוקט, בלויז געפיהלט ווי עס פאַרקוועטשט איהם אונטער'ן האַרץ, ווי מיט א רייף. אַלץ אין איהם האָט זיך געקורטשעט פון כעס און פאַרדרוס. זיינע וואַסערדיגע אויגען האָבען נישט באַמערקט, ווי די גאַס איז, פון ביידע זייטען טראָטואַר, געווען אַזש שוואַרץ פון מענשען. מען איז געזעסען משפּחה־ווייז, כמעט אַלע אין צוקנעפּעלטע העמדער, די קעפּ פאַרוואָרפען ווי נאָך א תענות און יעדעס מאָל ווען א ווינטעל האָט א בלאָז געטון, איז די לופט פול געוואָרען מיט א קרעכצעריי, ווי אין א שוויץ־באָד. אין עק גאַס, ווי ווייט ס'אויג האָט געקענט כאַפּען, האָט א שורה עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָט אויסגע־זעהן פון דערווייטענס, ווי א שנור לויכטענדע פּערעל, געבלענדט די אויגען, גערייצט — האָבען מיעדע, פון דער היץ, פאַרלעך זיך געשלעפּט אין וואָדעוויל אריין, וואו מען האָט דעם אטהעם נישט געקענט כאַפּען פון ענגשאַפט.

— וואָס שטעה איך דאָ? — האָט פרידקין זיך א כאַפּ געטון, געפיהלט ווי די פינגער ווערען איהם שטייף און געווען זיכער ווען ער כאַפּט איצט גרינ'ען צערייסט ער איהם אויף שטיקער.

א יונגער־מאַן מיט א פּאָרטפעל אונטער'ן אָרעם איז אָנגע־קומען פון דער גאַס, ארייגעשטופּט אין שולצעס בריעף־קעסטעל א קאָנווערט, אָנגעקלונגען און צוריק פאַרשוואונדען. פרידקין האָט ארויסגעשלעפּט דעם קאָנווערט. ס'איז געווען א פּייער „אינשורענס פּאָליסי". ער האָט מיט אַמאָל גענומען רייסען די פּאָליסי אויף שטיקלעך און געהאַט בשעת מעשה דעם געפיהל, ווי

ער רעכענט זיך אָפּ מיט'ן פּרעזידענט, צינדט איהם אונטער. ער האָט געהערט ווי עמיצער לויפט איבער די טרעפּען, איז ער א פּאַרציטערטער אַראָפּ פון אַלע טרעפּלעך מיט איין שפּרונג און זיך געלאָזט מיט דער גאַס.

פרידקין איז כמעט געלאָפען, זיך נישט געקענט קלאָר מאַכען וואָס ס'קוועלט איהם, נור טיעף ערגיץ אין זיין פּאַרוואַקסען מיט זשאַווער האַרץ, האָט ער געפיהלט אז ער איז דער אומגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. שטיקלעך עולות אָהן א צוזאַמענהאַנג זיינען איהם באַפאַלען, ווי מען וואָלט איהם באַוואָרפען מיט שטיינער, און זיינע איינגעהויקערטע פּלייצעס האָבען זיך נאָך טיעפער געבויגען. ער איז בייז געווען אויף זיך פאַרוואָס די שנאה צו גרינ'ען איז ביי איהם גרעסער, ווי די שנאה צו שולצען. ער האָט עס זיך נישט געקענט פאַרענטפערען, בלויז געפיהלט אז אן אונדורכדרינגבאַרע מחיצה טהיילט איהם אָפּ פון פּרעזידענט. און ווי גרויס זיין האָס צום פּרעזידענט זאָל נישט זיין, וועט ער קיינמאָל נישט איבערשטייגען די מחיצה, תמיד זיך בויגען פאַר איהר, ווי פאַר א גאָלדען קאַלב. ער איז געווען איבערצייגט אז צווישען איהם און גרינ'ען שטעהט קיין זאַך נישט. ער דאַרף נור אויסשטרעקען די האַנד און ער האַלט שוין גרינ'ען פאַר'ן גערדיק. און געהענדיג אין מיטען גאַס האָט פרידקין זיך ביסלעכווייז באַרוהיגט לויט דעם ווי זיין כעס צו גרינ'ען איז געוואַקסען. דער נקמה געפיהל האָט איהם פאַר'שכור'ט, פאַרכאַפּט אין גאַנצען. ער האָט געהאַט צעהנדליגע פּלענער ווי זיך אָפּצורעכענען מיט איהם — געפיהלט ווי זיין האַנד קורטשעט זיך, הויבט זיך, לאָזט גרינ'ען אַראָפּ א פּאַטש ווען ער געהט גראָדע מיט מים שולץ. לאָז ער וויסען, דער מלמד, אז מיט פרידקינען שפּאַסט מען נישט! נו טאַקע, וואָס האָט מען פון א־הם געוואָלט? ער האָט געמאַכט א שפּאַס מיט'ן פּרעזידענטס טאָכטער? אם כן? ווען גרין מאַכט דעם שפּאַס וואָלטען אַלע געקוואָלען און אז ער האָט געמאַכט איז עס שיער נישט געקומען צו א סקאַנדאַל! און ווער ווייס וואָס מאָרגען קען נאָך זיין?

— גראַרי היער ! יו־או — — —!

פרידקין האָט דערפיהלט ווי מען האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט א בויגיגען שטעקען איבער די פּלייצעס, אז ס'האָט איהם אזש א בריה געטון. א פארצאַפּעלטער האָט ער א דרעה געטון מיט'ן קאָפּ, דערזעהן פאַר זיך א פּאָר פערד און זיי געוואָלט אויסמיידען. ער האָט אינסטינקטיוו באַגריפען, אז מען דאַרף זיך נעמען לינקס און ווי א נאַרישער שעפּס, וואָס לויפט פון גרויס שרעק אין פייער אריין, אזוי איז פרידקין מיט נישט קיין מענשישען געשריי אַרויף אויף די פערד. דער אָנטרייבער האָט קוים זיי איינגעהאַלטען, גע־הויבען די בייטש אויף פרידקינ'ען, געשריען, געשאָלטען. א ניי־געריגער עולם האָט באַלד אַרומגערינגעלט די פערד און וואָגען.

פרידקין האָט אָפּגעצויגען נישט טויט נישט לעבעדיג, אָפּגע־ווישט א קאַלטען שוויים פון שטערען, זיך נאָך מעהר איינגעשאָר־טשעט און מיט אמאָל זיך דערפיהלט נישטיג ביי זיך אליין. ער האָט זיך דערזעהן אַז אַלטען בחור, וואָס אַלע לאַכען אויס, קיינער האָט נישט מורא פאַר איהם און אז א מענש — האָט פרידקין גע־טראַכט — האָט נישט מורא פאַר'ן צווייטען, נוצט ער איהם אויס, באַליידיגט איהם, ערנידריגט איהם. נישט איינמאָל אין סקול האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי שטאַרקערע קינדער פייניגען שוואַכערע, האָ־בען דערפון גרויס פאַרגעניגען און אז דער שוואַכערער כאַפּט אין א ווינקעל, צי ער פאַרנאַרט, נאָך א שוואַכערען, צי אפילו א קראַנקען, פייניגט ער איהם פונקט אזוי, ווי מען האָט איהם געפייניגט. נאָך מעהר — דער שוואַכערער וועט תמיד אימיטירען, ווען ער וועט פיי־ניגען דעם נאָך שוואַכערען, די זעלבע זידעל־ווערטער, די וואויל־ערישקייט, זשעסטען, אפילו די שטימע וועט ער נאָכמאַכען, וואָס דער שטאַרקער האָט געברויכט, ווען ער האָט איהם געפייניגט. דאָס זעלבע — האָט פרידקין אָפּגעמאַכט ביי זיך — איז מיט דערוואַק־סענע מענשען. ס'איז איהם קאַלט געוואָרען. ער האָט געפיהלט אז ער האָט ליעב מים שולץ, אז דאָ איז נישט בלויז אויסרעכענונג, אז אויב אפילו דעם פּרעזידענט'ס פּראָטעקציע וועט נישט העלפען

ער זאָל ווערען „ראבאי", וואָלט ער זיך אויף — — — — ער וועט נישט דערלאָזען, ניין! ער וועט גרינ'ען עוקר מן השורש זיין! ער האָט שוין אַ פאַרטיגען פּלאַן. ער מוז דעם מלמד אַראָפּרוימען פון וועג!

פרידקין האָט זיך ארומגעקוקט, וואו ער איז פאַרקראָכען. ער איז געשטאַנען ביי זיסקינד'ס הויז און זיך דערמאָהנט, אז ער האָט איהם צוגעזאָגט ארויפצוגעהן. ער האָט ארויפגעקוקט — ס'איז געווען ליכטיג אין אַלע פענסטער. ער האָט זיך געקווענקעלט צי ער זאָל ארויפגעהן, געוואָלט זיין אַליין, מיט זיך. נאָך אַמאָל אויפגיי־הויבען די אויגען צו די פענסטער, האָט איהם די ליכטיגקייט אַ ציה געטון און מיט מיעדע, שווערע טריט האָט ער זיך גענומען הויבען איבער די געדרעהטע טרעפּען, ווי אַ געקרויזטע חסיד'ישע פּאה, און בעטראַכט, אז פון פיערטען שטאָק וועט ער דורכ'ן חלל פון די טרע־פּען קענען שפּייען גלייך אין קאָרידאָר אריין.

— איהר זייט טאַקע ביי אונז אַ גאַסט! — איז בערטא, זיס־קינד'ס פרוי, נאָך אַ יונג ווייבעל, וואָס קלאָגט זיך תמיד, אז זי ווערט נישט פאַרטיג מיט'ן טאָג, איהם אנטקעגען געקומען.

— זיסקינד איז דאָ? — האָט פרידקין אַ פרעג געטון און גע־וואָלט געהן אין צווייטען צימער, פון וואַן ס'האָט זיך געהערט זיס־קינד'ס שטימע.

— אז מיר האָבען קיין מזל נישט, מיסטער פרידקין — האָט בערטא איהם פאַרשטעלט דעם וועג, אריינגעמאַכט די הענד אין די קעשענעס פון איהר ווייסען שירץ, וואָס האָט זי געמאַכט אויסזעהן ווי אַ קעלנערקע, פאַרריסען דעם האַלז מיט'ן שטעהענדען קעלנעריל און גענומען רעדען שטיל, ווי זי וואָלט פאַרטגעזעצט אַן איבערגע־ריסענעם שמועס — דאַכט זיך אַזאַ קליינינקייט, אַ באָרדער, און אין דעם געהט אונז אויך נישט! דער איצטיגער איז נאָך אַ גרע־סערע פרעגיה, ווי דער פריהערדיגער! ער איז מיט אַן אמת משוגע! — האָט בערטא אָנגעכאַפּט פרידקינ'ען פאַר אַ האַנד, זיך אַ בויג גע־טון און ארויסגעלאָזט נישט קיין איינגעגעבענעם לאַך.

— ווער ? קרוזע ? — האָט פּרידקין אָפּגעהוסט און אויסגע־שפּיגען וואו ער איז געשטאַנען.

— יע. זיצט אַ מענש, טוט אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער נישט אַריין און האַלט זיך אין איין מעסטען די היץ !

— מסתמא פיהלט ער נישט גוט ?

— וואָס ? — האָט בערטאַ זיך אַ כאַפּ געטון מיט אַ האַנד פאַר'ן קאָפּ און פאַרזשמורעט די אויגען — ער איז געזונטער פאַר אונז ביידען ! און ס'איז גלאַט אַן אָנשיקעניש ! אַ מענש שלאָפט נישט קיין נעכט, שרייבט כלומרש. איהר מעגט הערען — אַנומעלט איז מיין פיליפּ עפּעס נישט געווען מיט אַלעמען. כ'געה אַראָפּ אין מיטען נאַכט, כ'וויל איהם געבען אַ ביסעל וואַסער, הער איך ווי עמי־צער דרעהט זיך אַרום אין קיך. כ'נעם וועקען מיין אַלטען, האָט ער דאָך אַ שלאָף, כאָטש שים מיט האַרמאַטען, און דאָ הער איך, ווי מען רוקט שיפלעדער, האָב איך פון שרעק גענומען שרייען, איצט, כ'זעה, קרוזע קומט אָן אין די גאַטקעס. נו, ס'האָבען איהם שוין דעמאָלט קיין צרות נישט געפעלט ! גלויבט מיר, כ'וואָלט איהם צוגעצאָהלט ער זאָל אַרויס פון מיר !

פרידקין האָט געוואָלט פּטור ווערען פון איהר און וואו ער האָט זיך אַ דרעה געטון, געוואָלט אַריין אין צווייטען צימער, האָט בערטאַ קונציג אומעטום פאַרשטעלט איהם דעם וועג און געהאַל־טען אין איין דערצעהלען וועגען שכנים, וועגען איהרע צוויי אינג־לעך, די חכמים, מיט די מיניסטערשע קעפּ, וועגען מאַן, וואָס קען אַ קאַץ אַ ווײדעל נישט צובינדען.

צוויי אינגלעך זיינען אַריין אין די בלויזע העמדלעך, די קעפּ־לעך צושויבערט, זיך געיאָגט אַרום פרידקינ'ען, ווי זשרעבאַקלעך, מיט אַמאָל געבליבען שטעהן, געקוקט אויף פרידקינ'ען, ווי זיי וואָל־טען איהם איצט דערזעהן און זיך געוואָרפען אויף איהם מיט גע־שרייען :

— האַללאָ, מיסטער פרידקין ! האַללאָ !

— דער עלטערער, פיליפּ — האָט די מוטער געוויזען אויפ'ן

אינגעל און גערעדט כלומרש אזוי שטיל, אז מען האָט געהערט אין צווייטען צימער — איז א חכם ! גנאַרט דעם טאַטען אין זאַק אריין ! דאָס האָט אויף זיך א קאָפּ, אסור א לאָיער !

— איך ווייס, וואָס די מאַמע זאָגט — האָט פיליפּ זיך פאַר־שעהמט, און געהאַלטען אין איין אריינשניפען א גרין ליכטעל, וואָס ס'איז איהם ארויס פון דער נאָז.

— נו, נו, נו, כ'מיין נישט דיך — האָט די מוטער איהם אָפּ־געשטופּט פון זיך — ער נעמט זיך שוין איבער ! געהטס שלאָפען, געהטס !

פיליפּ האָט זיך א דרעה געטון, אראָפּגעלאָזט די אויגען, אויס־געשטרעקט צו פרידקינ'ען א שמוציג הענטיל :

— א פּעני — — — —

פרידקין האָט גענומען זוכען אין די קעשענעס. בערטאַ האָט אָנגעכאַפּט פרידקינ'ען מיט איין האַנד, מיט דער צווייטער האָט זי געטריבען די קינדער שלאָפען און זיך געבעטען ביי איהם :

— כ'באַשווער אייך, מיסטער פרידקין, גיט זיי נישט קיין סענט, מען דאַרף קינדער נישט געוואוינען צו קיין געלד ! אז וואָס קען איך מיר העלפען ? מיר וואוינען צווישען אזא פּעוועל ! אונ־זערע אַלע שכנים האַלטען זיך אין איין ארומשלאָגען מיט די ווייי־בער, מען שילט זיך, קענט איהר שוין פארשטעהן, וואָס פאַר אן ער־ציהונג זייערע קינדער קריגען !? וואָס קען איך מיר העלפען ? כ'רעד אין זיי אריין, כ'שלאָג אויך, ס'איז דאָך אָבער קינדער, גע־העהן אין דער גאַס און לערנען זיך אָפּ פון אנדערע ! דער אָרימאַן קען צומאָל נישט ערציהען ווי געהעריג זיינע קינדער !

די צוויי אינגלעך זיינען געשטאַנען פוןביידע זייטען פריד־קינ'ען, געוועהן גרייט צו כאַפּען די פּעני, וואָס ער וועט זיי געבען און די אויגלעך ביי זיי האָבען געפינקעלט. די מוטער האָט נישט אויפגעהערט שרייען :

— שלאָפען געהט, קינדער, כ'נעם באַלד דעם טאַטענ'ס פּאַ־סעק ! מען זאָגט, קינדער זעהען נישט קיין סענט פאַר די אויגען,

ווי כ'בין אַ אידישע טאָכטער, אַז עטליכע מאָל אַ טאָג שלעפּען זיי
ביי מיר פּנים !

פרידקין האָט אויפגעזוכט ערגיץ אין אַ קעשענע אַ קליינע האַר־מאָניקע, וואָס ער האָט געהאַט צוגענומען ביי זיינעם אַ תּלמיד, און עס געוויזען די אינגלעך. זיי זיינען געבליבען קלעפּען ביי זיינע הויזען ווי ראַקעס, געהויבען יעדער צו אַ הענטיל, געוואָלט קריגען דאָס שפּילעריל. פרידקין האָט מורא געהאַט זיי זאָלען איהם נישט צערייסען די הויזען, האָט ער אַ וואָרף געטון די האַרמאָניקע אויף דער פּאָדלאָגע. איין אינגעל האָט צוגעהאַלטען דעם צווייטען, גע־שריען, באַלד איז איינער געלעגען אויף'ן צווייטען און זייערע קולות האָבען געגרילצט אין די אויערן. די מוטער האָט פערקאַשערט די לאַנגע נאַכט־העמדלעך און גענומען שלאָגען די „ביידע חכמים מיט די מיניסטאַרישע קעפּ" אין די געזעסלעך אריין :

— אַט אַזוי ! אַט אַזוי ! אַז אַ מאַמע זאָגט שלאָפען, גייט מען שלאָפען !

אַ בערוהיגטער מיט אַ שמייכעל אויף'ן פּנים איז פרידקין אריין אין צווייטען צימער.

צוויי גאַזען האָבען געציטערט, ווי זיי וואָלטען געהאַלטען ביי'ם אויסגעהן, און אָפּגעגאָסען דעם צימער מיט אַ ברודיגע ליכט. אויף די ווענט האָבען געהאַנגען ריפּראָדוקציעס פון מאַדאָנעס, וואָס מען זעהט אַזוי אָפט אין די שלאָף־צימערלעך ביי געוועזענע פּאַרטיי בחורים און מיידלעך. אין אַ ווינקעל אויף אַ שאַנק מיט ביכער איז געשטאַנען אַ גרויסער גיפּסענער ביוסט פון געטהע'ן. צוויי שטרויענע קאַפּעלושען, איינער אויף'ן צווייטען, זיינען וואוילעריש געזעסען אויף געטהע'ס קאָפּ, איהם פאַרשטעלט אַן אויג, האָט זיך ביים אריינקומען געדאַכט אַז דער אַלטער שמייכעלט.

הינטער די גאַזען, ביי אַ קיילעכדיגען טיש, איז געזעסען זים־קינד מיט אַ יונגען מאַן און געשמועסט.

ביי'ם אָפענעם פענסטער אויף אַ קאַנאַפּע איז געלעגען קרויזע, אַ פעטער, צעוואַקסענער איד אין די פיערציגער. זיין געפּרעסט

העמד, וואָס איז אַמאָל ווייס געווען, האָט זיך אַרויסגעצויגען פון די הויזען, זיך צובלאָזען אַרום דעם בויך און אויסגעזעהן פון דערווייטענס ווי אַ מולטער מיט טייג. ער איז געלעגען מיט פערוואָרפענע הענד, ווי ער וואָלט געווען שלאָף, און געהאַלטען אַ טערמאָמעטער אונטער דער צונג.

מיט זיינע ווייסע, צעווייקטע אויגען, ווי ביי אַ געקאָכטען סענדאַק, האָט ער געקוקט אויף די ברודיגע ליכט, וואָס האָט זיך געשאַרט איבער די ווענד ווי שנירלעך־רויך און געטראַכט אַז ער וועט דעם זומער נישט איבערלעבען. אַלץ האָט איהם וועה געטון. דער מאָגען האָט געדריקט, ווי אָנגעשאָטען מיט נאַסען זאַמד, די זייטען אָפּגעלעגען, די פיס האָבען געשווערט, ווי אָנגעזאָפּטע קלעצער און אין קאָפּ האָט גערוישט, ווי אַ פליגעלע וואָלט זיך פערקליבען, נישט אויפגעהערט קלאַפּען און זשומען.

— וואָס איז דער מעהר, קרוזע? — האָט פרידקין איהם אַ שאָקעל געטון.

קרוזע האָט זיך אַ בויג געטון, ווי אַ שטיק טייג, אָנגעכאַפּט מיט דער האנד דעם טערמאָמעטער און געוויזען אויף שטום־לשון מען זאָל איהם נישט טשעפּען.

— אַה, פרידקין, — האָט זיסקינד זיך אַ הויב געטון — כ'האָב געמיינט אַז דו וועסט שוין נישט קומען. זיץ, וואָס שטעהסטו?

פרידקין וואָס האָט בדעה געהאַט איהם אַלץ צו דערצעהלען, האָט זיך פאַר דעם פערעמדען יונגען־מאַן צוריקגעהאַלטען און געוויזען אויף קרוזען:

— וואָס איז? וואָס זיצט ער ווי אַ כינעזישער גאָט? ער איז קראַנק?

— ער וועט שוין אַזוי שטאַרבען אַ קראַנקער! — האָט זיך דער יונגער־מאַן וואָס איז געזעסען ביים טיש אָנגערופען.

— אָהן געלעכטער, וואָס איז איהם? — האָט פרידקין ווייטער געפרעגט.

— וועהר ווייס איהם? — האָט זיסקינד אַ הויב געטון מיט די

אָקסלען — אַז אַ מענש רעדט זיך איין אַ משוגעת... דער דאָק־טער זאָגט אַז ס'איז איהם גאָרנישט. הייסט איהם זיין אויף דער לופט, נעמען קאַלטע בעדער, נו, פאָלגט ער איהם? ווי דו קוקסט איהם אָן, קען ער אַזוי אָפּליגען מיט'ן טערמאָמעטער אין מויל שעה'ן לאַנג!

בשעת זיי האָבען גערעדט, האָט קרוזע פערמאַכט די אויגען, איבערגעלאָזט צוויי דינע שפּעלטלעך און דאָס פעטע פּנים האָט זיך געשמאָלצען פון נחת.

דער יונגערמאַן איז צוגעגאַנגען צו פרידקינען און איהם אַ ציה געטון פאַר אַן ארבעל:

— ענטשולדיגט, איהר זייט מיסטער פרידקין, האַ? זעהר אַנ־גענעם! מיין נאָמען איז ראַבינאָוויטש!

— כ'האָב דאָך אייך פאָרגעשטעלט, נאַ? — האָט זיסקינד זיך געפיהלט שולדיג.

— ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט — האָט ראַבינאָוויטש אַ ציה געטון זיין הויכע פּלייצע און געוואָרען מיט אַ קאָפּ העכער, גע־ריבען איין האַנד אָן דער צווייטער, ווי ער וואָלט אויסגעוויקעלט אַ סיגאַרעט און מאָדנע געשמייכעלט — אַבי מיר קענען זיך!

זיסקינד האָט אַ קוק געטון אויף'ן לעדיגען טיש, אויף דער טהיר וואָס פיהרט אין קיך אריין און אַ געשריי געטון:

— בערטאַ! בערטאַ!

— וואָס איז? — האָט זיך געהערט בערטאַ'ס שטימע פון באָד־צימער, וואו זי האָט געבאָדען איהרע צוויי אינגלעך.

— זיי עפּעס מכבד די געסט!

— די געסט וועלען מיר ענטשולדיגען! כ'וועל נור אָפּבאָדען די קינדער!

— מיסעס זיסקינד, — האָט ראַבינאָוויטש צונעלענט אַ האַנד צום מויל זיין שטימע זאָל געהן אין דער ריכטונג פון באָד־צימער — פאָרעט אייך נישט! מיר פאַרברענגען זעהר גוט!

— וואָס? איהר מיינט אָהן מיר?

פרידקין האָט זיך צולאַכט דין און שפּיציג, ווי מען וואָלט גע־קראַצט מיט אַ נאָגעל איבער גלאָז.

— אָ, ענטשולדיגט, מיסעס זיסקינד, כ'האָב דאָס נישט גע־מיינט! אין געגענטהייל...

פרידקין האָט געקוקט אויף ראַבינאָוויטשען — אַ דאַר לענגליך פּנים, אויגען, ווי דורזיכטיג העל ביער, רוהען נישט קיין רגע, קוועטשט מיט זיי, ווי אַ קאַטשקע מיט אַן אָבגעשווירענעם עק, די נאָז פליעגעל ציטערען און ס'גאַנצע פּנים דערמאָהנט אַ יאָג־הונד.

—נו, ווי איז צוגעגאַנגען ביים פּרעזידענט? — האָט זיסקינד זיך געווענדעט צו פרידקינען — אבי האָסט געשראָקען!

— זעהר גוט, זעהר גוט! — האָט פרידקין זיך אליין געמאַכט קוראַזש — כ'וואָלט שוין דאָ געווען, האָבען זיי מיך נישט אָבגע־לאָזט! דו ווייסט דאָך, זיצט די גאַנצע משפחה, מען טרינקט אַ גלעזיל וויין, קען מען נישט זיין קיין חזיר, זיך אויפהויבען און אַנט־לויפען!..

— אלע דאָ „היברו טיטשערס"? — האָט ראַבינאָוויטש אַ קוועטש געטון מיט די אויגען און אַז איינער האָט איהם ס'ערשטע מאָל געזעהן, האָט ער געמיינט, אַז ער ווינקט זיך איבער מיט זיין וויז־אַ־ווי און ציינט עפּעס אָן אויף'ן שכן.

— אלע — האָט זיסקינד געשמייכעלט און זיך אויסגעדרעהט צו פרידקינען — גרין איז געווען?

— געווען — האָט פרידקין נישט וויליג געענטפערט.

— ווייסט, כ'האָב גאָרנישט געוואוסט — האָט זיסקינד זיך גע'חדוש'ט — גרין שרייבט דאָך ליעדער! אָט לייען!

פרידקין האָט גענומען די צייטונג, וואָס זיסקינד האָט איהם געגעבען, רויט געוואָרען פון פּערדרוס וואָס זיין קאָנקורענט שרייבט און איידער ער האָט נאָך איבערגעליינט אַ וואָרט, האָט ער זיך אָנ־גערופען:

— ווער שרייבט היינט נישט? מ'האָט אַ רוהיגען קאָפּ זעצט מען זיך אוועק און מען פּערפּאַסט עפּעס! אין אַנאַנדער שפּראַך

פּערשטעה איך נאָך, מען דאַרף כאָטש לשון קענען, אָבער דאָ? ווער קען דאָס נישט קיין זשאַרגאָן? אָט קרוזע, שרייבט העבּרעאיש, פּערשטעה איך! כּי, כּי, כּי!

קרוזע האָט באַלד נישט געענטפערט. ער האָט אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער פון מויל, איהם אונטערגעטראָגען אונטער א גאַז־פלעמיל, זיך איינגעקוקט, א נישט צופרידענער איהם אַריינגע־שטעקט אין אויבערשטען וועסטיל קעשענע און ווי ס׳וואָלט איהם פּערדראָסען, וואָס ער האָט נישט קיין היץ האָט ער עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט:

— נאָרמאַל. די טעמפּעראַטור איז נאָרמאַל.

— איז ווידער שלעכט? — האָט פרידקין זיך אָנגערופען.

— א דו, וואַסער־קאָפּ, דו לאָכסט פון גרינען? — האָט קרוזע זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגען פרידקינען — דרך ארץ, דען ווייסען זאָלסטו אז גרין איז א גרויסער דיכטער!

— ווען ער וואָלט געווען א גרויסער דיכטער, וואָלט ער נישט געדאַרפט זיין א מלמד — האָט פרידקין זיך לעקעריש צושמייכעלט און אין דער זעלבער צייט זיך געשראָקען, געוואוסט אז פון קרוזעס מויל וועט ער שוין קיין כבוד נישט אַריינכאַפּען.

— ס׳איז א ראיה, ווי גאָרנישט! — האָט קרוזע זיך פּערהוסט און זיין פּעט, קיילעכדיג פּנים האָט אויסגעזעהן ווי א פּענדיל שמאַלץ וואָס האַלט זיך אין אויסלאָזען — איז מענדעלי געווען ס׳גאַנצע לעבען א מלמד? און פּונקט מענדעלי? כ׳וועל דיר אויסרעכענען א גאַנצען צעטיל מיט גוים! מיצקעוויטש איז געווען א לעהרער, סאָלאָגוב — א לעהרער... כ׳וויים... אז דו הערסט סיי־ווי־סיי זייערע נעמען ס׳ערשטע מאָל! די צרה איז אָבער אַן אנדערע — ביי גוים א לעהרער איז ראשית א געבילדעטער מענש! אז ביי אונז איז אַלץ פּאַרקעהרט! כ׳רעד שוין נישט פון די דרדקי־מלמדים. אָט זיצט דאָ — האָט קרוזע געצייגט אויף פרידקינען — א איד שלא קרא ולא שנה, זיצט ווי א נאַר איבער לאָקשען און

אַז דאָס איז אַ פּרינציפּעל אין אַ תּלמוד־תּורה, איז טאַקע אַ חרפּה צו זיין אַ העברעאישער לעהרער, ווי כ׳בין אַ איד!

זיסקינדען האָט פּערדראָסען אויף קרוזען, איהם געשטופּט מיט אַ פוס ער זאָל שווייגען. פרידקין האָט זיך פּערלוירען, נישט געוועזן צוגעגרייט צו אַזאַ ברוך־הבא. ס׳האָט אַ ווײַלע גענומען ביז ער איז צו זיך געקומען. ער האָט איינגעצווינגען די ברייטע, ראַזירטע נאָמבע און אַרויסגערעדט די ווערטער איינציגווייז, ווי זיי וואָלטען אַרויסגעפאַלען:

— כ׳וועל זיך צו יעדער צייט פאַרהערען מיט דיר אין לומדות! אַן עזות־פּנים, אַזאַ! פאַר אַזעלכע רייד גיט מען ביי אונז אין דער באַק!

ער האָט פּאַמעליך אויפגעהויבען אַ האַנד, ווי ער וואָלט גע־שלעפּט אַ שווערע משא, האָט זיסקינד זי פון הינטען אָנגעכאַפּט און איהם גענומען בערוהיגען:

— ווייס איך... אַ מענש מאַכט אַ שפּאַס...

— איך מיין עס ערנסט! — איז קרוזע אויפגעשפּרונגען און זיך גענומען קלאַפּען אין האַרץ אַריין.

— נו, גענוג! — האָט זיסקינד אַלעמען איינגעשטילט.

עס איז מיט אַמאָל געוואָרען נישט אָנגענעם שטיל. יעדער האָט געקוקט אין אַנאַנדער זייט, זיך מורא געהאַט צו טרעפען מיט׳ן צווייטענס בליק.

ראַבינאָוויטש האָט אַ שניף געטון מיט דער דאַרער נאָז, אוים־געצויגען דעם האַלז, ווי ער וואָלט זיך געצאַטעוועט עמיצען אַריינ־צוכאַפּען, און אָנגעהויבען זעהר שטיל:

— „היברו טיטשערס“ האָבען זיך נישט וואָס צו קלאָגען. פּראָפעסיאָנעל קריגען זיי מעהר ווי פּאָבליק־סקוהל לעהרערס, דערצו קיינע אחריות, האָסט אָבגעלערנט דיינע דריי, פיער שעה, ביזטו פריי, קענסט טון וואָס דו ווילסט. אָט איך, למשל — זיס־קינד ווייס אַז „כ׳בין ווערט“ עטליכע טויזענד טאָלער, פונדעסט־וועגען האַלט איך אָן די „היברו“, פּופּצען צי זעכצען טאָלער אַ וואָך,

פאַרשטעהט איהר מיך, געהן נישט צו פּוס. אז מען האָט נאָך א חוש פאר ביזנעס, האָט א „היברו טיטשער" די בעסטע געלעגענהייט צו מאַכען געלד... ער זיצט דאָך דאָ, זיסקינד — האָט ראַבינאָ־וויטש א פינקעל געטון מיט די אויגען — לאָז ער אייך זאָגען: ווען די פינף און צעהן סענט „סטאָרס" האָבען זיך געעפענט, בין איך צו איהם געקומען מיר זאָלען בשותּפות קויפען „שערס". צעהן טאָלער א „שער". טענה איך מיט איהם, נו טאַקע, וואו קומען נישט ביי א מענשען אוועק צעהן טאָלער? פּרוביר! ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט אז ס'איז א גאָלדען געשעפט! די וואַנד ענטפערט? אז ס'פעהלט זיי דער חוש פאר ביזנעס, יו נאָ! מיינע פינף „שערס" זיינען היינט ווערט פינף הונדערט טאָלער, ווי כ'בין א איד! וואָס מיינט איהר? די שיף'ס, די ראַקאַפעללאָס, די מאָרגאַנס זיינען מלאכים? פּונקט אזעלכע בשר־ודם'ס ווי מיר! אלא־מה? האָבען א חוש פאר ביזנעס, דאָס'ס אַל!

דאָ האָט ראַבינאָוויטש ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע א בראָשורע, זי געעפענט, זיך א ציה געטון, פערמאַכט א האַנד, ווי ער וואָלט עפּעס אריינגעכאַפּט און די אויגען האָבען זיך ביי איהם א צינד געטון:

— אָט האָב איך ראַקאַפעללאָס ביאָגראַפיע, געווען אַן ארעם שיקאַינגעל, געאַרבייט פאר דריי טאָלער א וואָך און איצט?

— איצט איז ער דער געלד־קעניג פון דער וועלט! — האָט קרוזע אונטערגעכאַפּט און מיט א בליישטיפט אויסגעשטעלט ציפּע־רען אויף זיין ברודיגען מאַנזשעט.

— אמעריקא איז א מדינה! — האָט ראַבינאָוויטש פון זיך געקוואָלען — דאָ קען יעדער זיך ארויפאַרבייטען, מען דאַרף נור האָבען א חוש פאר ביזנעס... אָט האָב איך איצט אריינגעלעגט טויזענד טאָלער אין אינקובייטאָרס, ס'איז א בלינדע זאַך, נור מיר שיינט אז ס'דאַרף זיין א ביזנעס און אויב ס'וועט זיך איינגעבען, דאַרף אזא מאַשין אויסבריהען איבער הונדערט היהנדלעך א וואָך, איהר פאַרשטעהט?

— אויב ס'איז יאָ אזוי — האָט קרוזע ארויסגענומען דעם טערמאָמעטער און אום צו קענען רעדען, האָט ער זיך איהם אריינגערוקט הינטער'ן ארעם: — אויב איהר זייט טאקע א ביזנעסמאַן, האָב איך פאר אייך א גאָלדען געשעפט און כ'זעה אז איהר וועט זיין דער ריכטיגער מאַן, מען דאַרף נור ריזיקירען...

— וואָס א שטייגער? — האָט ראבינאָוויטש א קוועטש געטון מיט די אויגען־לעפלעך.

— די זאַך איז די — האָט קרוזע מיט א קליין שטיקעל בלייפעדער, וואָס איז געווען פון ביידע זייטען גוט פערשניצט, אונטערגעצויגען א שורה ציפערען, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשטעלט אויף'ן מאנזשעט — איך גלויב אז ארויסצוגעבען אין אמעריקא א העברעאישען וואָכענבלאַט, וואָלט געווען א גוטע ביזנעס. איהר פאַרשטעהט, מיר האָבען אין אמעריקא איבער פופציג טויזענד אידען, וואָס פאַרשטעהן העברעאיש און נויטיגען זיך אין א וואָכענבלאַט. מיט דריי טויזענד סובסקרייבער איז די צייטונג געזיכערט, בלייבען הייסט עס, זיבען און פופציג טויזענד, א ציפער, הא? און מיט א פעהיגע אדמיניסטראציע, זאָג איך אייך, קען מען אויפטון וואונדער, ווי כ'בין א איד! אז כ'דאַרף גאָרנישט קיין זיבען און פערציג טויזענד — האָט קרוזע פון בלויזען געדאנק אז ער קען קריגען סובסקרייבערס זיך געשמאַלצען פון נחת — אויב כ'קריג אפילו ווייניגער פון א העלפט, לאָז מען זאָגען צוואנציג טויזענד לעזער, איז עס אויך א גאָלדען געשעפט! אַט האָט איהר דעם גאנצען חשבון — האָט ער געהאַלטען אין איין טייטלען מיט'ן שטיקעל בלייפעדער איבער'ן מאנזשעט — מיר וועלען רעכענען א נומער פינף סענט...

— לויט אייער חשבון — האָט ראבינאָוויטש איהם נישט געלאָזט ענדיגען — דאַרף עס זיין א געשעפט, פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס האָבען זיך אַלע פּרובען ארויסצוגעבען אין ניו יאָרק א העברעאישען וואָכענבלאַט נישט איינגעגעבען?

— דאָס אַליין ווייזט אז פאר דער ארבייט האָבען זיך גענומען

בטלנים! — האָט קרוזע זיך אַ רוק געטון מיט דער שטוהל צו ראַ־בינאָוויטשען — אָט טראָג איך זיך שוין אַרום מיט'ן פּלאַן וועגען אַ העברעאישען וואָכענבלאַט יאָהרען און כ'גיב נישט אַרויס! ווייל כ'בין זיכער אַז מיט דעם קאַפּיטאַל וואָס איך קען אַריינלעגען, קען ער מעהר ווי עטליכע חדשים נישט געהן! מען דאַרף צוטרעטען מיט אַ קאַפּיטאַל נישט ווייניגער... כ'ווייס... ווען כ'האָב טויזענד טאָלער איז די צייטונג געזיכערט!

בשעת קרוזע האָט אַריינגע'טענה'ט אין ראַבינאָוויטשען, האָט זיסקינד אַ וואונק געטון צו פרידקינען און ביידע האָבען זיך איבער־געקליבען אויף דער לעדערנער קאַנאַפּע.

— אַ נודניק! — האָט פרידקין געזאָגט אויף קרוזעס חשבון, וועלכער האָט שוין מער זיך נישט געקענט רוקען מיט דער שטוהל, זיך אויפגעשטעלט, געהאַלטען ראַבינאָוויטשען פאַר אַ לאַץ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט אַנטלויפען, און אַריינגערעדט אין איהם.

— הייסט עס — האָט זיסקינד אָנגעהויבען — בלייבסטו צוריק פּרינציפּעל, אַבי האָסט זיך געשראָקען.

— יעס, — האָט פרידקין נישט ווילינג געענטפערט און צוגע־געבען — פונדעסטוועגען ווען כ'קריג עפּעס אַנאַנדער שטעל, אפילו מיט ווייניגער געהאַלט, וואָלט איך מאָרגען נאָך אַוועקגעוואָרפען ס'מלמדות!

— דאַרפסט עס טאָקע טון, אַ מענש פאַר זיך אַליין, האָט קיין זאָרג נישט.

— וואָס אַ שטייגער וואָלט איך געקענט טון? — האָט פרידקין אונבעהאָלפען אַ צוג געטון מיט די אַקסלען און אין פּנים האָט מען געקענט זעהן אַז אַ חוץ מלמדות טויג ער צו גאָרנישט.

— כ'ווייס וואָס, מען געפינט שוין! — האָט זיסקינד צו נישט געמאַכט פרידקינס שרעק — ווען איך וואָלט געווען אַ בחור, ווי דו, וואָלט איך עס שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעוואָרפען! אַז מען האָט אָבער איבער זיך אַ ווייב מיט קינדער, דערצו נאָך אַן אַלטע מוטער

טאָר מען נישט ריזיקירען, מוז מען ליידען, נור כ׳האָף אז כ׳וועל סוף־כל־סוף דערפון אויך פּטור ווערען! ס׳איז נאָך א סוד, — האָט זיסקינד שטיל געזאָגט און זיך ארומגעקוקט צו קיינער הערט נישט — נור כ׳האַלט ביים קריגען א שטעל...

— וואָס פאַרע? — איז פרידקין בלאַס געוואָרען און ס׳האָט איהם פערדראָסען פאַרוואָס ער פערגינט נישט דעם חבר.

בערטא איז אריין מיט א קרוג קאַלט וואסער און א טעלער אויבס. זיסקינד׳ס מוטער, אַן אַלטיטשקע, מיט אַן אָפּען, איינגעפאַלען מויל אָהן ציין, ווי א קבר, האָט נאָכגעטראָגען עטליכע גלעזער.

בערטא האָט געמאַכט א מינע, ווי זי וואָלט געוואָלט געפעלען די מאַנסבילען און צונויפגעשנירעלט דאָס מויל:

— טרינקט, ס׳וואסער איז קאַלט!

דער עולם איז געווען אזוי פערשמועסט אז מען האָט בערטא׳ן כמעט נישט באַמערקט. קרוזע האָט שוין אפילו געהאַט פאַנאַנדערגעקנעפּעלט פון גרוים בעגייסטערונג דאָס וועסטיל און פון צופיעל רעדען געשפּריצט ראַבינאָוויטשען אין פּנים אריין:

— דאָס וועט זיין א בלעטיל — א צאַצקע! דער העברעאיש — א מוסטער!

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיסקינד זיך א הויב געטון פון דער קאַנאַפּע, כלומר׳שט מיט א שמייכעל, איינגערוימט קרוזען: „אויב איהר וועט זוכען א גוטען העברעאיש, וועט איהר מוזען איינלאַדען פּראָפ. זעליקאָוויטש״, און זיך געווענדעט צום עולם — אידען, טרינקט, ס׳וואסער וועט באַלד וואַרעם ווערען

קרוזע האָט אויסגעטרונקען מיט איין ציה א גלאָז וואסער, אָפּגעאָטעמט, אריינגעמאַכט די הענד אין די לויזע הויזען־קעשענעס, אונטערגעשפּאַרט זיך דעם בויך און ברייט א זאָג געטון:

— ווער זאָגט דאָס, אז דער עובר־בטל שרייבט א גוטען העברעאיש?

—בערדיטשעווסקי זאָגט ערגעץ, — האָט זיסקינד נעשמיי־

בעלט — כ'האָב אַליין געלייענט, אַז זעליקאָוויטש שרייבט דעם ריינסטען העברעאיש !

— און אַלץ, וואָס בערדיטשעווסקי זאָגט, מיינט איהר, איז תורת-לאָקשען ? — האָט קרוזע זיך אַ קרום געטון, ווי ער וואָלט געזאָגט : אין דעם ענין ווייס איך אויך עפּעס ! — האָט נאָך אַ גרעסערער פון בערדיטשעווסקי'ן, בייראָן, מיין איך, געזאָגט, אַז פּאָפּ איז דער גרעסטער ענגלישער דיכטער, נו, דעריבער ?

מען האָט אָנגעקלונגען. זיסקינד האָט אַ קוק געטון צום ווייב, וואָס האָט אַרויסגענומען פון אַ שענקיל אונטערוועש פאַר די קינדער.

— ווער קען דאָס איצט קומען ?

זי האָט אַ צוג געטון מיט די אַקסלען, אַז זי ווייס נישט, גע־כאַפּט די וועש און געלאָפען עפענען די טיר.

אַ בלאַסער יונגערמאַן, מיט צושראָקענע אויגען, ווי ער וואָלט געלאָפען פון אַ געפאַהר, מיט אַראָפּגעהאַנגענע וואָנסען, ווי ביי אַ כינעזער, איז אַריין אין צימער אָהן אָטהעם. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט באַגריסט, אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון אַ מיט, אַז קיינער האָט באַלד נישט געקענט כאַפּען, וואָס ער רעדט און כמעט יעדען זאַץ איבערגע'חזר'ט דריי מאָל, אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, אַפּנים געוואוינט געווען פון סקוהל, וואו ער פלעגט פאַר די קינדער אַזוי איבערזעצען יעדען פסוק פון חומש.

— זיי האָבען מיך געקוילעט אָהן אַ מעסער ! — האָט ער מיט אַ פינגער זיך אַ פיהר געטאָן איבער'ן האלז און אָנגעהויבען אַר־בייטען מיט די הענד אין אַלע זייטען, — וואָס טוט מען ? גיט אַן עצה ! וואָס טוט מען ?

— וואָס איז ? שווארץ, וואָס איז געשעהן ? — האָבען איהם אַלע אַרומגערינגעלט.

— אַז זיי האָבען מיר געגעבען דעם ערגסטען קלאַס — האָט ער געקלאַפּט אין האַרץ אַריין — אמת'ע „באַמס", מען דאַרף זיי אַלעמען „שיקען איבער'ן וואַסער" ! היינט האָט פּיעל נישט גע־פעלט כ'זאָל ווערען אַ קאַליקע, כ'האָב זיך פאַרגעסען, זיך נישט גע־

כאַפּט און זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בענקיל, איז מיר אריין אַזאַ שפּילקע — ער האָט געוויזען אויף דער לענג פון זיין צייג־פינגער — אין געזעס אריין! און ריהר עמיצען אָן, ווערט אַ ויצעקו! כ'האָב געדאַרפט דעם בחור'ל, וואָס האָט אריינגעשטעקט די שפּילקע אין בענקיל, אַ קניפּ טון אין דער באַק — שמח בחור בילדותך!

— טאָ פאַר וואָס האָט מען דיך געהייסען געהן? — האָט פרידקין געשמייכעלט און זיך נישט געקענט באַפרייען פונ'ם בילד, ווי שוואַרץ איז אונטערגעשפּרונגען, ווען די שפּילקע איז איהם אריין.

— וואָס?—האָט שוואַרץ געקוקט אויף פרידקינ'ען, פאַרגעסען וואו ער האַלט — יעס, מיט אַ חודש צוריק האָב איך געקראָגען אַ בריעף פון אַ שטעדטיל אין פּענסילוועניא, וואו מען האָט מיך געבעטען כ'זאָל אָננעמען אַ שטעל פאַר צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך. כ'האָב געוואוסט, אַז דאָ איז מען נישט פון מיר צופרידען, די שכירות זיינען קלאָגעדיגע, האָב איך געוויזען אונזער פּרעזידענט דעם בריעף. ר'ווייסט דאָך, אין אַזאַ פאַל ווערען זיי תמיד ווייכער, האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבען בע־מע... די אונטערשטע שורה, ער האָט מיר געגעבען אַ פינפעריל אַ חודש אָן הוספה און מיך גע־הייסען בלייבען. היינט, כ'ווייס פון קיין פּטור, פון קיין חלום, שיקט מען נאָך מיר און מען זאָגט מיר אָפּ! סטייטש? טענה'ן זיי, אַז כ'האָב קיין רעכט צו רייסען אַ אינגעל פאַר אַן אויער! דאָס, וואָס ער האָט מיך שיעור מיט דער שפּילקע פאַר אַ קאַליקע נישט געמאַכט, איז גאָרנישט! נו, וואָס זאָגט איהר, אידען, וואָס טוט מען? די אַנדערע וואָך האָב איך שוין אויף קיין „רענט" נישט, ס'וועט מיר אויסקומען צו געהן בעטלען אַ פאַר טאָלער, אַז נישט שטעלט מען מיך אַרוים מיט'ן וויב און קינדער אויף דער גאַס! כ'ווייס, אפשר באַלאַנגט עמיצער פון אייך צו דער „אגודת המורים"? טאָמער וואָלטען זיי געקענט פועל'ן... אַז נישט, וועלען זיי מיך אַוועקשיקען אַהן אַ סענט געלד!

— איך באַלאַנג, — האָט ראַבינאָוויטש געלאָזט פּאַלן אַ וואָרט, נור קיינער האָט איהם נישט געהערט.

— אַז איצט איז שווער צו קריגען אַ שטעל, — האָט שוואַרץ ווייטער גערעדט, אין מיטען זמן, ווען זיי גיבען מיר כאָטש אַ פּופ־ציג טאָלער, וואָלט איך אַרויסגעגאַנגען אין גאַס פּעדלען, פאַרפאַלען! אַז מען דאַרף אין אַמעריקאַ קיין העברעאיש נישט!

— און וואו דאַרף מען עס יע? — האָט זיך קרוזע אָנגע־רופען,—שלמה מימון האָט נאָך מיט הונדערט יאָהר צוריק געזאָגט, אַז ס'איז בעסער צו האַנדלען אין דייטשלאַנד מיט הינד, ווי מיט...

קרוזע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין משל פּאַסט נישט אַהער, אַז דאָרט רעדט זיך גאָר וועגען פילאָזאָפיע, און זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

— נו, — האָט שוואַרץ געקוקט פון איינעם אויפ'ן צווייטען,

— קיינער פון אייך באַלאַנגט ניט צו דער „אגדת המורים"?

אַלע האָבען זיך איבערגעקוקט. יעדער האָט גערעכענט, אַז דער אַנדערער איז אַ מיטגליד, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַ חוץ ראַבי־נאָוויטש'ען האָט קיינער נישט באַלאַנגט.

— קען מען מיט מלמדים עפּעס אויספיהרען? — האָט ראַבי־נאָוויטש גאַליג געשמייכעלט. — אָט זיינען מיר פינף לעהרער... ווען מיר וואָלטען אָבער געווען אָרגאַניזירט, וואָלט צו דעם נישט געקומען, מען זאָל אין מיטען זמן איבערלאָזען אַ איד אָהן פּרנסה! מאָרגען קען דאָס טרעפען מיט יעדען איינעם פון אונז! אַז מיר זיינען אַליין שולדיג, מיר וואָלטען שוין היינט געקענט זיין אַ מאַכט, דעמאָלט וואָלט מען אַ לעהרער נישט געקענט אָפּזאָגען אַזוי — מיר נישט, דיר נישט! און שכירות וואָלטען מיר געקראָגען גרעסערע און... און...

ער האָט מיט אַמאָל גענומען רייבען איין האַנד אין דער צווייטער, זיך אויסגעצויגען ווי אַ כאַרט, ווען ער קלייבט זיך אַ שפּרונג טון, אַרויסגענומען פון בוזעם קעשענע אַ ביכעל מיט קוויטאַנציעס און זיך געווענדעט צו שוואַרצ'ן:

— יעדענפאַלס, מיסטער שווארץ, גיט מיר דעם אדרעס פון אייער סקוהל, אָדער, ווארט, כ׳וועל בעסער מיט אייך אליין ארי־בערגעהן. פאר א חודש שכירות גאראנטיר איך אייך! און איצט —האָט ער זיך געווענדעט צו די איבריגע — מאַך איך אייך אַלע פּאַר מימגלידער פון דער „אגדה“, נאַט, שרייבט אוים די קוויטאַנ־ציעס און צאָהלט איין צו פופציג סענט.

אַלע, אויסער קרוזען, האָבען זיך איינגעשריבען. שווארצ׳עס צושראָקענע אויגען, דאָס פארלירען פון דער שטעל, אַלץ האָט גע־ווירקט, אז קיינער האָט צומאָל נישט איבערגעפרעגט, וואָס איז אזוינס די „אגדה“, געפיהלט, אז דאָס איז נויטיג, ס׳איז א פארזי־כערונג. קרוזע האָט נישט געהאַלטען פון קיינע אָרגאַניזאַציעס, פיינד געקראָגען ראבינאָוויטש׳ען, ווען יענער האָט דערמאָנט, אז מען דארפט זיך אָרגאַניזירען, געזעהן אין איהם א דורכגעטריבענעם פיהרער פון א יוניאָן, א סאָציאַליסט; און סאָציאַליסטען האָט ער פיינד געהאַט תכלית שנאה. ער האָט זיך ארומגעטראָגען מיט א פּלאַן, אז אויב מען וויל באַקעמפען סאָציאַליזם, דארף מען איינ־פיהרען מען זאָל לערנען אין די שולען דאָסטאָיעווסקי׳ס „ביעסי“.

— מיר זעהען שעהן אוים, — האָט ראבינאָוויטש צוגענומען די פופציג סענטינע — א העברעאישער לעהרער האָט א שעהנעם פּנים, ס׳מאַכט נישט!

— יע, — האָבען עטליכע שטימען פארענדיגט מיט ראבי־נאָוויטש׳ען.

עס איז געוואָרען שטיל. ראבינאָוויטש איז געווען צופרידען, וואָס ער האָט געמאַכט פיער מיטגליעדער און זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהן. שווארץ האָט זיך פארגעסען, אז ער האָט נור וואָס זיך געקלאָגט, געגלויבט, אז ראבינאָוויטש וועט אַלץ פאַר איהם איינ־אָרדענען, זיין חשך׳דיג אויסזעהן איז פארשוואונדען און ווי א זיי־דענער יונגערמאַנטשיק מיט א לייכטען קאָליר אין די בלאַסע באַ־קען, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין אן עק טיש און ארויסגענומען

א פּעקעל מיט כתבים. ער האָט זיי צולעגט, געקוקט אויף זיס־קינד'ען און זיך געבעטען עפּעס מיט די אויגען.

— האָסט עפּעס אָנגעשריבען? — האָט זיסקינד איהם גע־פרעגט.

— אָנגעוואָרפען א פּאָר חרוזים, טאַקע היינט... ס'איז געווען שווער אויפ'ן הארץ... מען דארף זיי נאָך איבערשרייבען... האָב איך אָנגעשריבען א מין קינה אויף אונזער גורל... כ'מיין — האָט ער זיך געריוויטעלט ווי א מיידעל — דער רעיון האָט געדארפט זיין, ווי אזעלכע יונגע לייט, ווי מיר, מאַטערען זיך... אז ס'וואָלט געווען וואו צו דרוקען? — האָט ער פאַרענדיגט מיט א זיפץ.

— לייען, — האָט זיסקינד זיך נעהענטער צוגערוקט.

קרוזע האָט א נישט אויפגעלעגטער זיך צוריק צוגעשלעפּט צו דער קאַנאַפּע, געוואָלט דערמיט אויסדריקען זיין פּראָטעסט, אז אזא איד, ווי שווארץ, דארף נישט שרייבען, און זיך אויסגעצויגען.

די איבריגע האָבען ארומגערינגעלט שווארצ'ען, וועלכער האָט ארויסגענומען עטליכע שטיקלעך פּאַפּיער, זיי נישט געקענט איינ־לעגען, זיך נערווירט, נאָך אמאָל זיך ארומגעקוקט צי אלע הערען און אָנגעהויבען מיט א פּוילישע אויסשפּראַך:

## נגועי־הזמן.

הה! אזעק ואפעה כי לעמל יולדתי,
ואוסיף להתאונן כי בלי מטרה חונכתי,
גם כל אדם כל היום כעבד,
בזעת אפו יעבוד למען מצא זבד.
אבל אוי לאנשים כמוני לריק ייגעו
למלאכה לא למדו ידיהם ולא נגעו
גם להשכלה נפשם אותה בצלה לשבת
פנימה לא באו יוכלו דבשה רדת.
לזאת הולכים כל היום קודר כצללים

חשך משחור תארם, ראשם סחרחר כגלגלים
השקט בל ידעו נפשם פנימה
העבר יקללו, ובהוה לא ימצאו נחמה.
הורים, הקשיבו לאיש מנת כוסו רזה
הן אדע אהבתכם לבניכם כמות עזה
רק באהבתכם הפרוע בלי פלס
תדאגו לצאצאיכם הביאם לגן־עדן בעלס.
אָכן זכרו כי לא מלאכים נחנו
אשר בלא לחם בשמים יחיו ירונו
רק בני תמותה מגושי עפר ירכבון
ובאין לחם ייעפו וילאו ולמעצבה ישכבון.
לכן השיבו אל לבבכם דברי האמתים
בדמי פצעי לבבי המה כתובים וחרותים
יעידו עלימו עדים נאמנים נגועי הזמן
נמצאים בכל מקום נופלים חללים כדומן.
אל תשחיתו מפרי בטנכם רחמיכם ככה
למדום היטב, למדום תורה, למדום מלאכה
וימצאו חן ושכל בעיני אלהים ואנשים
ישבעו לחם ונפשותם אל יהיו יבשים!

בשעת שווארץ האָט געלייענט זיינען אַלע געשטאַנען איבער איהם געבויגענע און געקוקט אין די שטיקלעך פּאַפּיער מיט אָפענע מיילער. ראַבינאָוויטש האָט איהם געהאָלפען לייענען, פאַרענדיגט יעדען פערז פריהער פאַר׳ן מחבר און אַ צופרידענער געקוועטשט צו די אַרומיגע מיט די אויגען, פונקט ווי אַ איד, וואָס קוקט אַ מגיד אין מויל אַריין און אז דער מגיד הויבט אָן אַ באַקאַנטען פסוק, פאַרלויפט ער איהם דעם וועג, ענדיגט דעם פסוק און קוקט זיך אַרום, צי דער עולם באַמערקט זיינע בקיאות.

פרידקין האָט געקוקט אויף די קורצע שורות, נישט געוואוסט דעם טייטש פון פיעלע ווערטער, ווי ער וואָלט אַריינ־געקוקט אין אַ שווער שטיקעל „פיוט" און זיך געוואונדערט.

ווי ר׳נאָך דערוואקסענע מענשען, וואָס דאַרפען קלערען וועגען א תכלית, גיבען זיך אָפּ מיט אזעלכע שטות׳ערייען. ליעדער זיינען ביי איהם אין גאנצען געווען אן איבריגע זאך און זיך אָפּט גע־חדוש׳ט ווי ר׳נאָך מיושב׳דיגע מענשען, מיט וועלכע ס׳איז א פאַרגעניגען צו פאַרברייגגען, קענען ווערען מיט אמאָל אזוי קינדיש און אָנהייבען רעדען אין גראַמען. דאָס איז אן עסק פאַר א בדחן, צי פאַר א לץ! אָט איז שווארץ — זיך נור וואָס געקלאָגט, אז מען האָט איהם געקוילעט אָהן א מעסער, צוגענומען ביי איהם דאָס שטיקעל פּרנסה, און ווי צופלאָכטען ער איז מיט אמאָל געוואָרען, ווי ער וואָלט געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט! א קלייניגקייט, ער האָט אָנגעשריבען א ליעדעל און אין דער היים שטאַרבען מסתמא ס׳ווייב מיט די קינדער פאַר א שטיקעל ברויט!

קרוזע האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואנד. פון פּאַרדרוס האָט ער געשפּיגען, געשאָלטען, גערעדט צו זיך אליין. ער האָט גע־טראכט, אז מען דאַרף אזא איד, ווי שווארץ, וואָס מיינט אז פּאָעזיע באשטעהט פון מאכען גראַמען, אזוי אָנלערנען, ער זאָל פאַרזאָגען א צעהנטען נישט צו נעמען א פעדער אין דער האנד אריין! ס׳איז א פּחותת הכבוד פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור אזא איד זאָל ארומגעהן און זיך האַלטען פאַר א משורר! נו טאקע, וואָס פאַר א ליעבע און דרך ארץ קען א לעזער האָבען צו העברעאישע שרייבער, אז שווארץ איז איינער פון זיי? ער האָט נור נישט פאַרשטאַנען, ווי ר׳נאָך זיסקינד, ראַבינאָוויטש און אפילו דער אידיאָט פּרידקין, הערען זיך איין מיט אזעלכע ערנסטע פּנים׳ער, וועלען דאָך געוויס זאָגען מבינות, זיך שפּאַרען, זיך באַציהען מיט דער זעלבער ערנסט־קייט, ווי זיי וואָלטען זיך באַצויגען צו ר׳ יהודה הלוי׳ס, אָדער ביאַליק׳ס א ליעד? וואָס טוט זיך דאָ? האָט ער שוין גאָר קיין געשמאק נישט, צי זיי האָבען נישט?

שווארץ האָט געענדיגט, געבליבען זיצען מיט א טרוקענעם האלז, אן אויסגעליידיגטער, ווי אן אויסגעקאָכטער טשייניק, זיך געשעמט אויפצוהויבען די אויגען און מורא געהאַט אז ס׳געפעלט

נישט דעם עולם. ער האָט געקוקט אויף די שטיקלעך פּאַפּיער מיט נישט קיין אנגענעמען נאָך־טעם און איהם אליין האָט זיך איצט אויסגעדוכט, אז נישט דאָס האָט ער געוואָלט שרייבען, אז צום עיקר, צום תמצית איז ער גאָר נישט צוגעקומען, אז דאָס וואָס האָט איהם אזוי געקווייילט, וועה געטון, איז געבליבען ביי איהם. אויפ'ן פּאַפּיער זיינען טויטע ווערטער, א טרוקענער פּראָטאָקאָל וועגען צעריסענע שיף, וועגען ווענינ ברויט און אז ער וועט שרייען פון היינט ביז איבער א יאָהר, אז די שיף זיינען ביי איהם צעריסען, וועט איהם עמיצער גלויבען? ער האָט דערפיהלט אז קרוזע איז גערעכט — ער האָט קיין טאַלאַנט נישט! ער טויג צו גאָר־נישט — אפילו צו מלמדות! ער האָט צונויפגעקוועטשט די שטיקלעך פּאַפּיער, זיי צוקנייטשט, אריינגעשטופּט אין קעשענע. ס'האָט איהם מעהר נישט געאַרט, צי דאָס ליעד געפעלט זיי. און אז ס'וועט זיי געפעלען, טאָ וואָס? וואָס פאַרשטעהען זיי? אָט קרוזע, ווען עס געפעלט איהם... און ס'האָט איהם נאָך מעהר געקרענקט, וואָס קרוזע האלט נישט פון איהם, וואָס ער האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואַנד...

די צוהערער האָבען זיך אויסגעגלייכט, זיך איבערגעקוקט, פאַר־שטאַנען אז איצט דאַרף מען עפּעס זאָגען און יעדער האָט געוואַרט אַ צווייטער זאָל אָנהויבען פריהער.

— נישט שלעכט, — האָט ראַבינאָוויטש זיך צוגעניצט, א ציה געטון דעם אויבערשטען טייל פון קערפּער, איהם א בויג געטון, אז ער האָט זיך שיעור נישט צונויפגעגאָסען מיט'ן אונטערשטען און די אויגען האָבען ביי איהם מאָדנע געשמייכעלט — אָבער איהר ווייסט דאָך אז איך בין א פּראַקטישער מענש! די פראַגע איז, צי מען קען „מאַכען א לעבען" דערפון? כ'מיין צו די ליעדלעך בעצאָהלען זיך? צי אין אמעריקא איז דאָ א „מאַרקעט" פאַר דער סחורה? ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב איך אויך אמאָל געשריבען, כ'געדענק כ'האָב גע־שיקט שלח־מנות מיין טאַטען א שיר! די צייטען, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס מען האָט געקענט פון לעדיג געהן משוגע

ווערען, זיינען שוין לאַנג אַוועק! אין אַמעריקאַ וואו „טיים איז מאָני“, איז אויב עס בעצאָהלט זיך, איז קיין זאַך קיין חרפּה — אפילו ליידלעך! נור אויב עס בעצאָהלט זיך נישט — איז אַן עולה צו פּטר'ן די צייט...

— פיין, ראַבינאָוויטש! פיין! — האָט קרוזע זיך אַזוי צע־לאַכט אַז ער האָט זיך אַזש צוגעהאַלטען פאַר'ן בויך.

זיסקינד האָט נישט ליעב געהאַט ראַבינאָוויטש'ען, איהם גע־האַלטען פאַר אַ טרוקענעם נפש, געפיהלט אַז ער דאַרף איהם ענט־פערן, לאָז ער נישט מיינען אַז געלד האָבען הייסט רייך זיין! ער האָט געהאַט אָהן אַ שיעור פאַקטען אויף וועלכע איהם צו צושלאָגען, זיך נישט געקענט בעפרייען פון אַ נור וואָס איבערגעליינטע פראַזע, ווי פון אַ פער'עקשנ'טער פליעג — אַז אָהן ברויט קען יעדער מענש לעבען אַ טאָג, אָבער אָהן פּאָעזיע נישט — און אָבגעהוסט:

— ראַבינאָוויטש, איהר זייט אומגערעכט...

— ניין, פריינד זיסקינד, — האָט ראַבינאָוויטש איהם איבער־געהאַקט — אַ שאָד וואָס ס'איז איצט שפּעט, מיר וועלען נאָך רעדען דערפון, ביי אַ געלעגענהייט, וועט איהר זעהן אַז איך בין גערעכט— און ער האָט זיך געווענדעט צום עולם—אידען, ווער פון אייך געהט?

פרידקין און שווארץ האָבען זיך אויפגעשטעלט:

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זיסקינד זיי בעגלייט און אָנגענור־מען שוואַרצען פאַר אַ האַנד — איהר דאַרפט נישט הערען וואָס ראַ־בינאָוויטש זאָגט אייך, דאָס איז אַ סוחר, וואָס האָט זיין אייגענע נשמה פערהאַנדעלט, אויב איהר פיהלט אַז איהר האָט וואָס צו שריי־בען — שרייבט:

— איהר מיינט כ'נעם זיך צום הארצען וואָס יעדער זאָגט?— האָט שוואַרץ הארציג געדריקט זיסקינד'ס האַנד — אויב אַזוי וואָלט איך שוין לאַנג געדאַרפט אויפהערען שרייבען! מען האָט גרעסערע פּאָעטען פון מיר אַרונטערגעריסען! נו, אַ גוטע נאַכט!

— א גוטע נאַכט! קומט אַפּטער!

אין אָפענעם שלאָף־צימער, וואו זיי זיינען פערביי געגאַנגען, זיינען געלעגען זיסקינד'סביידע אינגלעך, אין ווייסע, לאַנגע נאַכט־העמדער, געשלאָפען מיט פערוואָרפענע הענטלעך, איינער אַרום דעם צווייטענס האַלז. אויף זייערע פּנים'ער איז געלעגען אַזאַ רוהיגקייט ווי זיי וואָלטען געשמייכעלט און ס'איז שווער געווען פערביייצוגעהן מען זאָל זיך נישט אָבשטעלען. צוקאָפּענס איז געזעסען די באָבע מיט'ן צופּענטען מויל, ווי אַן איינגעפאַלענער קבר, געהאַלטען אַ טלית־קטנ'דעל, דערזאָגט די לעצטע ווערטער פון „המפּיל" און זיך נישט געכאַפּט, אַז די קינדער שלאָפען שוין.

שוואַרץ איז געבליבען שטעהן אַ צושטראַהלטער, אָבגעשטעלט זיינע בעגלייטער:

— קוקט!

זיי האָבען זיך איינגעקוקט, ווי די קינדער שלאָפען, גאַרנישט געזעהן און געהויבען מיט די אַקסלען:

— וואָס איז דאָ נתפּעל צו ווערען — האָט ראַבינאָוויטש געעפענט די טהיר—ס'ערשטע מאָל זעהט איהר, ווי אַ באָבע לייענט מיט אייניקלעך קריאת־שמע?

שוואַרץ האָט ניט געענטפערט, בלויז געפיהלט ווי מען וואָלט איהם אָפּגעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער.

אַז קרוזע איז געבליבען מיט זיסקינדען האָט ער איהם געפרעגט:

— נו, ווי איז אייך געפעלען דער שיר?

— ס'איז גאָרנישט.

— טאָ פאַרוואָס האָט איהר עס איהם נישט געזאָגט?

— בין איך דאָס מחויב יעדען איינעם צו פערשאַפען עגמת־נפש? און אַז כ'וועל איהם זאָגען וועט ער אויפהערען שרייבען? אַ מענש האָט אַ שטיקעל נחת אין לעבען, דאַרף איך עס איהם נישט צושטערען!

— פון אייער שטאַנדפּונקט — האָט קרוזע זיך געבייזערט — וואָלט מען קיין קריטיק אין גאַנצען נישט געדאַרפט.

— ס'קאָן זיין אז נישט — האָט זיסקינד זיך פערקלערט — איבריגענס, האָב איך וועגען דעם קיינמאָל נישט געטראַכט.

— אויב איהר וואָלט געווען א רעדאַקטאָר, — האָט קרוזע שוין געשמייכעלט — וואָלט איהר יעדען „קרענק" געדרוקט, האָ?

זיסקינד האָט נישט געענטפערט.

— און איך — האָט קרוזע צוגעלעגט א פינגער צום האַרץ — וואָלט דעם גרעסטען אידישען שרייבער נישט געדרוקט, אויב אין זיין זאַך וואָלט געפעהלט דער אידישער בעגריף פון שעהנקייט!

— קיין נייעס, — האָט זיסקינד געשמייכעלט — אחד העם האָט עס שוין געטון פאַר דיר. כ'האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אז איהר האָט פערוואַנדעלט דאָס יודענטום אין א דאָגמע, פון רמב"ם ביז אחד־העמ'ן און מערקווירדיג אז ס'אידישע פאָלק האָט נישט געוואָלט אייער טובה, אייך תמיד גע'רודפ'ט!

— ווי איך זעה רעדען פון דיר די „ספירות" ארוים — האָט קרוזע געקוקט אויף איהם מיט א ביטול — וועסט שוין באַלד בעשאַפען א גולם אויך, האָ?

זיסקינד האָט נישט געענטפערט. עס איז געוואָרען אזוי שטיל, אז מען האָט געהערט ווי די שלאָפענדע עטהעמען אין צווייטען צימער. זיסקינד האָט געוואָלט געהן שלאָפען, אוים לאַנגווייליגקייט יעדען אבענד געבליבען זיצען מיט'ן „באָרדער", געוואוסט אז קרוזע וועט זיך קלאָגען, ער געהט שטאַרבען, ער וועט איהם טרייסטען, אין האַרצען אָבער האָט ער זיך געשראָקען, פיעל מאָל נישט געקענט איינשלאָפען, געמיינט אז קרוזע וועט זיך א וואָרף טון אויף איהם מיט זיין געפּאַלדערוועטען בויך, דעם טערמאָמעטער אין מויל און וועט איהם דערשטיקען. פון קרוזעס פּלאַן וועגען זיין העברעאישען וואָכענבלאַט, איז דער שמועס תמיד איבערגעגאַנגען אויף רעליגיע, פון רעליגיע אויף לעהרעריי, פון לעהרעריי אויף קרוזעס קרענק און אזוי אַן אָבענד נאָך אַן אָבענד.

— כ'דאַרף אויפגעבען די „היברו" — האָט קרוזע צוריק אַריינ־גענומען דעם טערמאָמעטער אין מויל — כ'טאָר זיך נישט אויפרע־גען, דאָס הרג'ט מיך אוועק!

— אַז דו טראַכטסט צופיעל פון מאָגען — האָט זיסקינד זיך אַראָפּגעלאָזט צו־פוסענס פון דער קאַנאַפּע — הער אויף טראַכטען וועסטו זיין געזונד!

— אַז ס'איז נישט בלויז דער מאָגען — האָט קרוזע זיך פער־ענטפערט.—הערט אויף דער מאָגען, טוט מיר וועה ס'האַרץ, כ'שלאָף קיין נעכט נישט, מיט איין וואָרט, כ'פיהל ווי די קרענק צעוואַקסט זיך אין מיר, ווי זי וואָלט געהאַט טויזענדער לאַפּעס. יעדע לאַפּע גראָבט זיך אַריין מיט איהרע נעגיל אין אַנאַנדער גליעדער און נאַגט, נאַגט מיר אַרוים דעם מאַרך פון די ביינער! וואָס ווייסטו? כ'פיהל אַז אויב כ'וועל נישט אויפגעבען די „היברו" איז נאָך מיר! נעכטען זיצענדיג אין סקוהל האָב איך געמיינט אַז ס'עקט זיך מיט מיר! ס'האָט מיר מיט אַמאָל גענומען שווינדלען פאַר די אויגען און כ'האָב דערזעהן ווי די קינדער אַרום מיר בלעקען אַרוים די צינג־לעך. כ'ווייס נישט וואָס ס'איז געווען מיט מיר, נור עהרען וואָרט, כ'וועל שווערען, ווי די צינגלעך האָבען גענומען וואַקסען, געוואָרען דין ווי פּלעמליך, דורכגעברענט מיר די קליידער און ווי פּיאַווקעס גענומען מיר נאַגען ביים האַרץ, אַז ס'איז מיר נישט גוט געוואָרען.

די מעשה האָט זיסקינדען דורכגעשווידערט. ער האָט מורא גע־האַט צו קוקען קרוזען אין די אויגען אַריין, זיך אָבער געמאַכט קור־ראַזש:

— אַז דו רעדסט אַזעלכע מעשיות, ביזטו דאָך אַן אמת'ער משוגע'נער!

— קיינער ווייס נישט וועמען דער שוך קוועטשט! — האָט קרוזע אָפּגעזיפצט און זיך אויסגעצויגען מיט פערוואָרפענע הענד, ווי ער וואָלט אוועקגעפאַלען.

עס איז געוואָרען נאָך שטילער. יעדער האָט געקוקט אין אַנאַנ־דער זייט, ווי זיי וואָלטען זיך נישט געוואָלט טרעפען איינער מיט'ן

צוויימענס בליק. קרוזע האָט זיך איינגעקוקט אין דעם ברודיגען מאַנזשעט וואו די ציפּערען זיינען געווען אויסגעשטעלט, פערשני־רעלט דעם שטערען און איבערגעריסען די שטילקייט:

— פון פראַנשווייגער צעטעלעך האלטסטו עפּעס?

— ס'איז אַ ראַיעלע לאָטעריע.

— ווּעסט אפשר זיין אַ שותּף צו אַ האַלבען לאָז?

— וואָס פאַר אַ נומער האָסטו?

— אַ נומער!? דאַכט זיך, באַלד — 2223.

— אויב דו קענסט קריגען ביי דיין „קאָלעקטאָר" 4545, וועל איך נעמען.

— רעכענסט דער נומער איז מעהר מזל'דיג? — האָט קרוזע געשמייכעלט.

— כ'וויים נישט — האָט זיסקינד זיך פערלוירען — כ'וויים נור אַז אויף 4545 האָט מיין טאַטע געוואונען, דערנאָך מיינער אַ פעטער, איצט מיינער אַ ברודער, דערצו איז יוד הא ואו הא בגמטריה 45, פארשטעהסט?

— זיסקינד! זיסקינד! — האָט זיך געהערט ווי בערטע רופט פון אנאנדער צימער — צייט צו מאַכען נאַכט! דער „גאַז־ביל" איז שוין אַזוי אויך גרויס!

— טאַקע שפּעט, — האָט זיך זיסקינד אויפגעשטעלט — אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זיך קרוזע אויסגעדרעהט צו דער וואַנד, געטראַכט אַז ער וועט מאָרגען אויסטוישען ס'צעטעלע, פּרו־בירען, פארגעסען אַז ער איז קראַנק, געבליבען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, נישט קיין אויסגעטוענער, גע'חלום'ט אַז 4545 האָט געוואו־נען ס'גרויסע געווינס און ער, קרוזע, גיט אַרויס אַ מאָדערנעם העב־רעאישען וואָכענבלאַט.

## 5

גרין איז געזעסען ביי זיך אין צימער און איבערגעשריבען א דרשה פון „אַמעריקאַנער רעדנער" פאר זיינ'ם א תלמיד, וואָס האָט געדאַרפט די טעג בר־מצוה ווערען.

דאָס איבערשרייבען איז איהם נמאס געוואָרען, האָט ער א שאַר געטון פון זיך דאָס פּאַפּיער, פערצווינגען א סיגאַרעט און געהאַט פערדרוס וואָס ער פּטר'ט זיינע טעג אין א „היברו־סקוהל", ווען איבער'ן גאַנצען לאַנד האַלט מען אין איין עפענען פּאָלקס־שוהלען. ער האָט געכטען געהערט ווי א קלאַס אינגלעך מיט מיידלעך האָבען געזונגען זיינ'ם א ליעד, האָט ער אַזש געציטערט פון פרייד, געווען זיכער אַז זיין ארבייט איז נישט אַרויסגעוואָרפען און די שטענדיגע ספקות צו מען דאַרף שרייבען אידיש זיינען פערשוואונדען. ער האָט אפילו געהאַט א פּלאַן ווי נאָך אידיש צו מאַכען פאַר א וועלט־שפּראַך. מען דאַרף נאָר אָנשרייבען אין אידיש א ווערק וואָס זאָל מרעיש עולם זיין, וועלען שוין גוים אויך אָנהויבען צו לערנען אידיש. ווי איינפאַך!

ער האָט א קוק געטון אויף דער איבערגעשריבענער דרשה, צוריק דערפיהלט די וואָכעדיגקייט, אַרויסגענומען דעם דינעם, שוואַרצען זייגער און זיך גע'חדוש'ט פאַרוואָס מיס שולץ קומט נישט. איהם איז סתם געפעלען וואָס אַן אַמעריקאַנער מיידעל, א געענדיגטע פון „נאָרמאַל קאַלעדזש", דרעהט זיך אַרום איהם, זעצט איבער זיינע לידער אין ענגליש, רעדט א קאָמישען אידיש, איז פאַראינטערעסירט אין די פּאָלקס־שוהלען. ער איז זיכער געווען אַז מיסטער שולץ קלויבט איהם מאַכען פאַר פּרינסיפּאַל און זיך שלעכט געפיהלט וואָס דורך איהם וועט מען צונעמען ביי פרידקינען די שטעל, כאָטש ער האָט געהאַלטען אַז די פרידקינס זיינען א קללה פאַר די אַמעריקאַנער תלמוד־תורות.

גרין האָט גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער, יעדע ווילע ארויסגענומען פון דער אויבערשטער קעשענע, פון זיין פריש גע־וואשענעם „פּאַלם־ביטש" אַנצוג א ברייטען, ווייבערשען קאַם, שטאָלץ פּעריסען דעם קאָפּ, פּארקעמט די צעוואָרפענע האָר, וואָס זיינען גלייך ווידער צעפאַלען פּאַסמעסווייז איבער'ן שטערען און אין גאַנצען האָט ער דערמאָנט אי א דענדי, אי א פריזירער.

ער האָט זעהר געוואָלט פּטור ווערען פון מאַדאַם בליאַש, א פרוי פון א יאָהר פערציג, אַן אַנגעשטעלטע אין די פרויען־שוטץ־געזעלשאַפט, וואָס דערגעהט איהם די יאָהרען מיט איהרע ליעבע־בריעף און סטראַשונקעס פאַר די לעצטע עטליכע וואָכען. ער האָט היינט ווידער ערהאַלטען פון איהר א בריעף אין וועלכען זי זידעלט איהם, רופט איהם מערדער, בעט זיך ער זאָל היינט צו איהר קומען, סטראַשעט אז זי וועט זיך סם'ען.

גרין האָט געוואוסט אז דאָס אַלץ איז א ליגען, אז זי וועט זיך נישט סם'ען, אז ווען זי שרייבט די אַלע סטראַשונקעס, שמירט און פּודערט זי זיך בעת־מעשה זי זאָל אויסזעהען יונגער.

ער האָט אויך געטראַכט פון מאַדאַם שאַפּיר, דעם אינגעל'ס מוטער, וועמען ער האָט צוגעגרייט צו בר־מצוה און געפיהלט אז מען דאַרף זיך בעפרייען פון די ווייבער.

עס האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין טיר.

גרין האָט אויף גיך בעהאַלטען מאַדאַם בליאַש'ס בריעף און צו־געגאַנגען צו דער טיר:

— ווער איז דאָס?

— איך!

— א, בעססי! הייסט עס, וואו שטעהסטו, וואו? הינטער דער טיר? — און ער האָט זי געעפענט.

פאַר איהם איז געשטאַנען מאַדאַם בליאַש אין א לייוועגטען „נאָרפאָלק" אַנצוג ביז צום טריט. אויף'ן קאָפּ האָט זי וואוילעריש געטראָגען א קליינע מענערשע פּאַנאַמא, ארומגענומען מיט א קרעם וואואַל, וואו פון הינטען האָט זי זיך נאָכלעסיג פארקניפּט און

אַראָפּגעפּאַלען איבער די פּלייצעס ווי אַ פליגעל. אַ מיש־מאַש פון פּערפומען האָבען איהם אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין.

גרין דערזעהענדיג מאַדאַם בליאַש, האָט זיך עטוואָס פערלוי־רען. ער האָט חשק געהאַט צו פערמאַכען הינטער איהר די טיר, זאָגען, אַז ער וויל זי מעהר נישט זעהן, נור ער האָט כלומרשט אַ שמייכעל געטון:

— האַללאָ, גוט וואָס איהר זייט געקומען, כ׳האָב זיך נור וואָס געקליבען געהן צו אייך.

מאַדאַם בליאַש איז אַריין, זיך אוועקגעזעצט אויף גרין׳ס בעטיל, אַראָפּגעוואָרפען די פּאַנאַמאַ, זיך פאַריכט די האָר, איינגע־צויגען די ליפּען און אַרויסגעבלעזעלט:

— טאַקע — — — און וואו וואָלט איהר בעססי׳ן געלאָזט?

— וואָס הייסט? — האָט גרין פון דער זייט אַ קוק געטון אויף איהר און געפּיהלט ווי דער צונג פּלאָנטערט זיך ביי איהם — כ׳וואָלט זי מיטגענומען.

— איהר ווייסט דאָך אַז איך האָב פּיינד „בייבעס“, ביי מיר איז נישט קיין קינדער גאַרטען — האָט זי גאַליג צונויפגעדרעהט די ליפּען ווי אַ שנוק, זיך אויפגעשטעלט און מיט פּערלענגטע הענד אויף אַ הינטען גענומען געהן איבער׳ן צימער.

זי האָט פּאַנאַנדערגעקנעפּעלט דעם זשאַקעט, פערבייגעהענדיג אַריינגעלאָזט אַ האַנד אין זיינע פּאַסמעס האָר און ווייך גערעדט, כמעט זיך געפּיעשטשעט:

— קומט, גרין, לאָמיר צופאָהרען צום ים. ס׳איז אַזאַ היץ...

גרין האָט דערפיהלט ווי שווערע נעבלען פערפיום הילען איהם איין, געשראָקען בעססי זאָל יעדע ווייליע נישט אָנקומען, לייכט אַרויסגעדרעהט דעם קאָפּ פון איהר האַנד און זיך געבעטען ביי איהר:

— כ׳קען איצט נישט פאָהרען, כ׳בין זעהר פערנומען. איהר זעהט — האָט ער איהר געוויזען אויף דער איבערגעשריבענער דרשה — כ׳מוז דאָס פאַרטיג מאַכען אין אַ שעה אַרום.

— הייסט עס, מען דאַרף אייך לאָזען אַליין, — האָט מאַדאַם

בליאש אויסגעשטרעקט דעם קאפ, ווי זי וואלט זיך איינגעהערט. געזעהן, אז גרין ענטפערט נישט, האט זי זיך אויסגעגלייכט און א צישע געטאן מיט די ציין. — שרעקט נישט, כ'וועל אייער בעסי'ן נישט קאליע מאכען, אונשולדיגע מיידלעך שלעפען זיך נישט ארום ביז האלבע נאכט אין "טשאיניטאון"! וואס איך קאן איהר יא זאגען איז, אז זי זאל זיך אויסוואשען דעם קאפ!

— אבער צו וואס די אלע רייד? — האט גרין א זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש אריין, — איך בעט אייך, לאזט מיך איצט אליין!

— וואס מיינט איהר, וואס? איהר וועט דאס מיך טרעטען מיט די פיס, מיין בלוט מיר צאפען לעבעדיגערהייט? — האט מאדאם בליאש פון כעס צושפרייט די הענד, אויסגעבויגען די פינגער מיט די פערשארפטע, מעניקיורטע נעגעל, וואס האבען געפינקעלט ווי ביי א קאץ. — אזוי בעהאנדעלט מען דאך ניט קיין... פאדליעץ! ניין, כ'גע איצט נישט ארוים פון דאנען! איהר זייט א דאן־זשואן, א „יובאטשניק", און אייער סמארקאטשקע וועל איך די אויגען אויסדראפען!

עס האט זיך געהערט, ווי עמיצער לויפט איבער די טרעפען, באלד נאכדעם א קלאפ אין טהיר.

גרין אין איבער א רגע געבליבען זיצען א צוטומעלטער, ווי ער וואלט נישט געוואוסט וואס צו טון און א בלאסער געפענט די טהיר. בעסי איז אריין מיט צוויי טונקעל־בארדע טוליפאנען אין דער האנד. די אויבערשטע ליפ איז געווען אזוי בע'טעמ'ט פער־שארצט, די עטליכע ציין האבען פון צופיעל ווייסקייט אזש ארויס־געבלענדט פון מאטען פנים, אז יעדער פערבייגעהער, ווער עס האט זי נור באמערקט, האט איהר געמוזט נאכאמאל ארייננקוקען אין פנים אריין. זי האט זיך געוואלט ארומכאפען מיט גרינ'ען, נור דערזעהענדיג מאדאם בליאש, איז איהר אויבערשטער טהייל פון קערפער געבליבען אין א פאזע פון נישט קיין פארענדיגטע בא־

ווענונג. מאַדאַם בליאַש האָט זיך מיט איהר באַגריסט ווי אַלטע, גוטע פריינד.

— האַללאָו, בעסי דאַרלינג! וואָס מאַכט איהר? איהר זעהט זעהר גוט אויס! אָ, גוט וואָס איהר זייט געקומען, — האָט מאַדאַם בליאַש זיך גענומען צורעכט מאַכען די פריזורע. — כ'אַרבייט שוין מיט גרינ'ען איבער אַ שעה, ער זאָל קומען פאַרלעזען אויפ'ן ליטעראַרישען אָבענד פון די סטרייקענדע דרעס־מייקערינס, און עס געהט נישט. איך רעכען, אַז איהר וועט געווים ביי איהם פועל'ן!

— מיסטער גרין, פאַרוואָס זאָלט איהר טאַקע נישט געהן?

— האָט בעסי זיך ביי איהם געבעטען.

גרין האָט געשמייכעלט, צוגעשטעקט ס'פּנים צו די טוליפּאַנען און זיך אַ קרום געטאָן:

— דאַכט זיך זעהר אַ שעהנע בלום און שמעקט נישט.

— מען זאָגט דאָך: טוליפּאַנען זיינען ווי שעהנע מיידלעך,— האָט מאַדאַם בליאַש אַריינגעוואָרפען, — וואָס שעהנער — אַלץ פוסטער!

— מיסטער גרין, זאָגט איהר מיר צו? — איז בעסי צוגעשטאַנען צו איהם.

— וואָס איז שייך, — האָט גרין אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ און די האָר זיינען איהם אַריין אין די אויגען — אַז מיס שולץ הייסט, מוז מען! כ'האָב טאַקע אַ נייע ליעד היינט אָנגעשריבען, כ'האַלט עס פאַר אַ מייסטערווערק, די בעסטע זאַך, וואָס איך האָב ווען געשריבען!

— אָ, מיסטער גרין... — האָבעןביידע מיט אַמאָל גענומען זיך פּיעסטשען, — לעזט עס פאָר, פּליעז!

גרין האָט גענומען דאָס בויגען פּאַפּיר מיט דער בר־מצוה דרשה, זיך געשטעלט אין מיטען צימער און מיט פּאַטאָס געזאָגט:

— „ווערטהער פאַטער, טהייערע מוטער, פריינדע און געעהרטעס פובליקום!

„איך ביו האָיטע דרייצעהן יאָהר אַלט געוואָרען...“

מאדאם בליאש האָט זיך געקוויקעלט פון געלעכטער. מיס שולץ האָט נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, נור זעהענדיג ווי מאדאם בליאש לאַכט, האָט זי אויך געלאַכט, זיך געבעטען ביי גרינ׳ען ער זאָל איהר זאָגען וואָס דאָס איז.

דערווייל האָט זיך מאדאם בליאש אוועקגעזעצט שרייבען א בריעוועל גרינ׳ען. זי האָט איהם געוויזען, אַז זי שטעהט העכער פון אַלע קליינליכקייטען, לאָז ער נישט מיינען, אַז זי איז עפּעס א יענטע, זי קען אימער פארבויגען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען איהר, און איהם עטליכע מאָל געבעטען, ער זאָל למען השם נישט פארגעסען צו זיין היינט ביי איהר.

זי איז אויפגעשפּרונגען כלומרשט א צופרידענע, זיך וואוילע־ריש אָנגעטון די פּאַנאַמא, אריבערגעבויגען די וואוּאַל פון פּאָרענט און געכאַפּט א קוק אין שפּיגעל.

— איצט פּאַק איך זיך שוין! גוד־באַי, בעסי, פערבלאָנדזשעט אמאָל! און איהר, — האָט זי זיך אויסגעדרעהט צו גרינ׳ען, — פארגעסט נישט צו זיין איבער אכט טאָג זונטאָג, פּונקט אכט אוהר אין אָוונד און אייער „מייסטערווערק“, — האָט זי זיך צולאַכט, — לאָזט אין דער היים!

— ווי דען, ווי דען... — האָט גרין אונטערגעברומט, זי ארויס־בעגלייט און געדאַנקט גאָט וואָס ער ווערט זי שוין פּטור.

ביי דער טהיר האָט זי איהם אריינגעשטעקט אין דער האַנד דאָס בריוועל.

---

אַז זיי זיינען געבליבען אליין, האָבען זיי זיך דערפריהלט פרייער און זיך צושמייכעלט. בעסי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און איידער גרין האָט זיך געכאַפּט וואָס זי טוט, האָט זי שוין געהאַט איבערגעלעגט יעדעס פּאַפּירעל, יעדעס בוך און אויפ׳ן טיש איז אויסגעוואַקסען א באַרג מיט שמות, ווי אָנגעגרייט ארויסצור־וואַרפען.

— מיס שולץ, גאָט איז מיט אייך, — האָט גרין ארויפגעלעגט

א האנד אויף די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירען, — וואָס ווילט איהר פון מיינע כתבים?

— אָ, ענטשולדיגט, מיסטער גרין, — האָט בעסי זיך געכאַפּט, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטון, געהאָלפען גרינ'ען צוריק אַריינלעגען די פּאַפּירען און גיך אַ פרעג געטון: — ווען געהען מיר אין גרינוויטש־ווילעדזש?

— אין אָבענד. איצט איז נאָך צו פריה.

— ווייסט איהר גאָר וואָס? — האָט בעסי איהם אָנגעכאַפּט פאַר א האנד, — קומט צו אונז, וועלען מיר עסען צוזאַמען אָבענד־ברויט און דערנאָך וועלען מיר צופאָהרען, גוט?

גרין האָט געקנייטשט א ווייַלע דעם שטערען, ווי ער וואָלט געוואָלט געוועזען אין א פאַרלעגענהייט און אָנגעהויבען שטאַמלען:

— צו וואָס געהט איהר איצט א היים? בלייבט דאָ. און אויב ס'הונגערט אייך, וועלען מיר צוגעהן אין א רעסטאָראַנט!

— נאָו, מיסטער גרין, — האָט בעסי פערשאַרצט די אויבער־שטע ליפּ און געשמייכעלט מיט צוויי ציין, — כ'האָב צוגעזאָגט אַהיימצוקומען! איהר האָט פאַרגעסען, אַז היינט איז פרייטאָג־צו־נאַכט? קומט, מיין מוטער קאָכט אַזעלכע גוטע פיש, זיסע, ווי איהר האָט ליעב. קומט מיט, איך בעט אייך!

גרין האָט נישט געענטפערט, זיך געוואונדערט, ווי ר'נאָך איז איהם מיט אַמאָל פרידקין געקומען אויפ'ן זינען, זיך דערמאָנט אָן די זיסע פיש און זיך צושמייכעלט.

— כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיס שולץ, כ'האָב זיך שוין אַזוי אָפּגעוואוינט פון א פאַמיליע, אַז כ'פיהל זיך נישט גוט צווישען עלטערע מענשען...

— אָ, קומט, — האָט בעסי זיך געפּיעשטשעט, נישט איינ־געשטאַנען אויף אָן אָרט און דערמאָנט א קעצעל, ווען ס'לאַשטשעט זיך. — איהר וועט זיך גוט פיהלען, איהר וועט זעהן! איהר דאַרפט שוין קענען מיין פאָטער, ער איז דאָך אַזא גוטער און כ'וועל אייך פערטרויען א סוד, — האָט זי זיך צולאַכט, געוואַרט א ווייַלע, אַבי

איהם צו פּערזאינטערעסירען, — מיין מוטער גלייכט אייך, זאָגט אז איהר מוזט זיין זעהר א קלוגער...

— טאַקע? — האָט זיך גרין עטוואָס פערלוירען.

זי האָט א כאַפּ געטון זיין שטרויענעם העט, איהם אָנגעטון גרינ'ען איבער אַן אויער, איהם בעטראַכט פון אַלע זייטען, ווי א מאָדעל, און זיך געבויגען פון געלעכטער.

גרין האָט מיטגעלאַכט, אָנגענומען מיס שולץ פאַר די הענד, געקוקט איהר אין די אויגען האָט זי נישט אויסגעהאַלטען, זיך ארויסגעדרעהט און אַן עפּען געטון די טהיר:

— קומט!

איבער די קליינע הילצערנע הייזלעך, נישט ווייט פון באָטאַ־נישען גאָרטען, האָט זיך געצויגען א בלויער הימעל, דורכגעשפּרייט מיט בלוטיגע פּאַסען. ערטערוייז זיינען די פּאַסען געווען צו־דריוועלט און די פעדים האָבען זיך צעצווייגט אין דער בלויקייט ווי שטיקלעך רעגענבויגען. די פּאַסען זיינען געוואָרען טונקעלער, בריי־טער, זיך צונויפגעגאָסען און איבער'ן הימעל זיינען געשוואומען קאָ־לירטע בערג, טייכען און חיות.

זיי זיינען געגאַנגען געאָרעמט, געקוקט ווי די זון פאַרגעהט און געשוויגען. פון ביידע זייטען וועג, אויף די גרינע לאָנקעס, האָבען מיידלעך געשפּיעלט אין טענים, אין פּילקע, געלעגען שורות־ווייז אויפ'ן גראָז, געזונגען, געגודערט און מיט זייערע קאָלירטע, פלי־הענדע קליידער, לייכטע טריט, האָבען זיי פול געמאַכט די לופט און אויסגעזעהן פון דער ווייטענס ווי מען וואָלט פונאַנדערגעלאָזט אַלע פויגעל פון זאָאָלאָגישען גאָרטען.

גרין איז געווען גוט געשטימט, געקוקט יעדע מיידעל, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, אין די אויגען, און אַלע האָבען דעמאָלט ביי איהם אויסגעזעהן שעהן.

זיי זיינען אריין אין א קאַר. די קאַר האָט זיך אויפגעהויבען בארג־ארויף — איז פאַר די אויגען געלעגען א שטיק פון באָטאַני־שען גאָרטען. קליינע נאָדעל־בוימלעך, ווי קאַרליקעס, זיינען געי־יען

אויסגעזעצט שורות־ווייז ווי ווייט ס'אויג האט געקענט כאפען. צווישען די בוימלעך, אין א קליין שטעהענדיג וואסער, האבען זיך געטוקט עטליכע ווייסע קאטשקעס און אויסגעזעהן ווי שטיקלעך דורכזיכטיגע וואלקען.

גרין האט פארגעסען וואו ער איז, געקוקט אויף די קארליקלעך־בוימלעך, אויפ'ן וואסערעל, געפיהלט אין זיך די בלויע שטילקייט וואס ארום, און געוועזן זיכער, אז באלד וועט פון ערגעץ וואו זיך בעווייזען א פרינץ מיט א פרינצעסין, אויך קארליקלעך.

די קאר האט זיך אפגעשטעלט. ס'איז ביי איהם קיין ספק נישט געווען, אז מיס שולץ טראכט דאס זעלבע וואס ער, ווי אנדערש האט ניט געקענט זיין, האט ער געוויזען מיט דער האנד אויף די קליינע בוימלעך און זיך געווענדעט צו איהר:

— ס'פעהלט נור א פרינץ מיט א פרינצעסין, אמת?

זי האט צועפענט א פאר אויגען, איהם אנגעקוקט ווי א פערריקטען און זיך צולאכט:

— אז כ'וויים נישט וואס איהר מיינט? רעדט מיט מיר פראזע!

גרין האט זיך געכאפט, זיך עטוואס פארלוירען און איהר איבערגעגעבען וואס ער האט געמיינט.

די קאר איז אראפ פון בארג און מיט א קלינגעריי זיך אריינגעשניטען אין א שמוציגער גאס. פון ביידע זייטען גאס האבען אהן און ענד זיך געצויגען שורות מיט וועגעלעך. צעווארענע איטאליענערינס אין טיכלעך, ווי קליינשטעדטעלדיגע אידישע ווייבער, ארומגערינגעלט פאר די קליידער מיט קליינע איטאליענערלעך, זיינען געגאנגען פון איין וועגעלע צום צווייטען, זיך געדונגען, געארבייט מיט די הענד, געקויפט מציאות. זייערע געשרייען האבען טויב געמאכט, זיך געהויבען איבער די קעפ, געקרעלט אין האלז. די רויטע בייטשען קרעלען, די לאנגע גאלדענע אוירינגלעך, די שרייענדע זייד־דענע קליידער, די פערסישע שאל־טיכער, די קופקעס ווייבער מיט קינדער ארום יעדער טרעפ, זייער גודערען, די וועגעלעך מיט גרינס

וואס נור איטאליענער עסען, די בארעלס מיסט אויף טריט און שריט — אלץ האט עדות געזאגט, אז די גאס איז א שטעדטעל פאר זיך אין דעם גרויסען ניו־יארק.

— ווי געפעהלט אייך עפעס דאס איטאליענישע שטעדטעל?

— האט גרין זיך געווענדעט צו מיס שולץ, — תמיד ווען כ'בין אין די מקומות דאכט זיך מיר, אז ס'איז גאר קיין ניו־יארק נישטא! ס'זיינען בלויז פאראן גאליציאנער שטעדטלאך, אונגארישע, סלאַ־ווישע, כינעזישע...

— און די פינפטע עוועניו? — האט איהם בעסי איבערגע־האקט.

— וואס, איהר מיינט טאקע, אז פינפטע עוועניו האט צו טון מיט אמעריקא? — האט גרין געשמייכעלט, — גלויבט מיר, אז די אידישע העסטער סטריט איז אינערליך מעהר אמעריקאניש ווי די פינפטע עוועניו.

אן עלטערער איד, א פעדלער, בעלאדען מיט קאשיקלעך ווייַן אין ארייַן אין קאר. ער איז געבליבען שטעהן אן א זייט, געווארפען מיט די אויגען, ווי אן איבערגעשראקענער האז, אויסגעמיטען צו טרעפען זיך מיט עמיצענס בליק און יעדעס מאל וואס די קאר האט זיך א טרייסעל געטון, האבען די קאשיקלעך, וואס האבען אראפ־געהאנגען פון זיינע אקסלען, איהם אנגעהאקט די זייטען. די פא־סאזשירען האבען געלאכט פון דעם איינגעהויקערטען איד, מיט דער אריינגעמאכטער בארד אין וועסטעל, ווי זיי בעטראכטען א כינעזער, זיך געוויצעלט אויף זיין חשבון און גרין האט געהערט ווי זיין שכן, א ניגער, האט געגעבען צו פארשטעהן דער ניגערטע, מיט וועלכער ער איז געזעסען, אז דער פעדלער איז א „קעטאליק דזשו" און יענע אידען וואס ארבייטען שבת, גאלען די בערד, זיינען „פראטעסטענט־דזשוס". גרין האט פונ'ם ניגערס אויסטייטשונג זיך אזוי פונאנדערגעלאכט, אז די גאנצע קאר מענשען האבען איהם אנגעקוקט. ער האט זיך אויפגעשטעלט און געלאזט דעם איד זיך זעצען. דער פעדלער איז געווארען דרייסטער, אפנים זיך דער־

פיהלט זיכערער אין שכנות מיט א איד און א שטופּ געטון גרינ׳ען אין דער קניע, ווי אַז אַלטען בעקאַנטען:

— לאַנג אין לאַנד?

גרין האָט זיך איבערגעקוקט מיט מיס שולץ, געשמייכעלט און געענטפערט:

— נישט לאַנג.

— ס׳אַרא לאַנדסמאַן?

— א פּוילישער.

— כ׳בין דאָך אויך א פּוילישער! — האָט דער פּעדלער ארויס־געשלעפּט פאַר שמחה די באָרד פון וועסטעל, געוויזען מיט׳ן גראָבען פינגער פון דער פערמאַכטער האַנד אויף מיס שולץ — אייער ווייב?

ער האָט געזעהן, אַז מיס שולץ האַלט זיך פאַר די זייטען פון לאַכען, האָט ער זיך געכאַפּט, פערשאַצט דעם שוואַרצען, שטרויענעם קאַפּעליוש, וואָס איז איהם געפאַלען איבער די אויגען און נאַאיוו א פרעג געטון:

— אודאי א כלה?

ער האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, ארויסגענומען דעם זייגער, אפּנים געשראָקען ער זאָל נישט ארייַנפאָהרען אין שבת אריין, געזעהן ווי עס ווערט טונקעל, האָט ער פון עגמת־נפש פאַר־קוועטשט די ליפּען און גערעדט ווי צו זיך.

— ווי אויף צו להכעים, שלעפּט זיך היינט די קאַר!

— מאַכט איהר כאָטש ביזנעס? — האָט גרין איהם געפרעגט.

— געלויבט השם יתברך, נישט צו פערזינדיגען, — איז דאָס אידעל געוואָרען ערנסט. — אביסעל מאַך איך, אביסעל די קינדער, מען קומט דורך!

— און אהיים, נאָך פּוילען מיין איך, בענקט זיך גאָרנישט?

— און אַז ס׳בענקט זיך? איך וועל שוין אהיים נישט פאָה־רען. די קינדער זיינען אַלע דאָ, כ׳האָב דאָרט קיינעם נישט. מען קען נישט זאָגען, אין דער היים איז ס׳לעבען געווען בע׳טעמ׳טער. צי כ׳וואָלט איצט געקענט דאָרט זיין, ווייס איך נישט, נור גלויבט

מיר, ווי כ'בין אַן אָרימאַן, וואָלט איך זיך פונדעסטוועגן געלאָזט קאָסטען א פּופּציגער, כ'זאָל זיך איינמאָל דורכשפּאַצירען איבער'ן שטעדטעל.

דער איד האָט אָפּגעזיפצט, זיך פערטראַכט א ווײלע און גע־ענדיגט:

— מען זאָגט, כ'וואָלט עס נישט דערקענט, אַזוי האָט עס זיך פאַר די לעצטע יאָהרען אויסגעבויט.

די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיס שולץ האָט אָנגעכאַפּט גרינ'ען פאַר א האַנד און זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג:

— אָט זיינען מיר!

זיי זיינען אריין אין שטוב. מיסטער שולץ איז זיי אַנטקעגען געקומען. ער האָט הארציג באַגריסט גרינ'ען, איהם אריינגעפיהרט אין זאַל און א געשריי געטון מען זאָל אריינברענגען טהעע. א שבת'דיגער ריח פון געקאָכטע פיש האָט זיך געטראָגען פון קיך.

— פון וואַן געהט איהר? — האָט דער פאָטער כלאחר יד א פרעג געטון.

— כ'האָב געטראָפען מיסטער גרינ'ען נישט ווייט פון אונזער הויז, — האָט בעסי נישט טראַכטענדיג געענטפערט, — האָב איך איהם ארויפגעבעטען.

— גוט, מיין טאָכטער!

גרינ'ען האָט בעסי'ס ליגען א גרילץ געטון אין די אויערען. ער האָט זיך דערמאָנט אַן מאַדאַם בליאַש און זיך געטראַכט, אַז אין די הינזיכטען זיינען אַלע פרויען גלייך.

מיסטער שולץ האָט ארויסגענומען פון א לעדערנעם שייטעל א פּאָר ברילען, זיי אויסגעווישט מיט א פּאַפּירענעם דאָלאַר, זיי אָנגעטון, צועפענט איבער'ן טיש א אידישע צייטונג און גענומען לייענען.

---

מיסטער שולץ איז אריבערגעקומען נאָך אמעריקא צו אכצעהן יאָהר. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך א פּעקעל מיט העברעאישע כתבים, גע'חלומ'ט צו ווערען א משורר, זיך באַלד ארומגעזעהן, אַז

קיינער דאַרף עס אין אַמעריקאַ נישט און ווי טויזענד אַנדערע אי־מיגראַנטען, איז ער אַרוים אויף דער גאַס פּעדלען. צום יאָהר האָט ער געעפענט מיט אַ שותף אַ קליינעם פּלאַץ, שולץ ענד קאָ. אָנגע־הויבען צו אַרבייטען זעהר אַ ביליגע ליין הויזען און דער ערשטער גענומען פונאַנדערשיקען אַרום ניו־יאָרק פּעדלערס מיט פּעק סחורה, וואו סלאַווען און איטאַליענער האָבען געאַרבייט. מיסטער שולץ האָט אָנגעהויבען זיך אַרויפצואַרבייטען, גענומען קאָנקורירען מיט אַלטע פירמעס און וואָס גרעסער די אימיגראַציע איז געוואָרען, אַלץ שנעלער איז ער געוואַקסען. גרינע אידען, וואָס האָבען נישט גע־וואָלט אַרבייטען אום שבת, זיינען אָנגעקומען צו איהם, געווען צופריעדען וויפיעל זיי האָבען געקראָגען, געאַרבייט אַזעלכע לאַנגע שטונדען ווי אין דער היים. דער פּלאַץ האָט דערוייל געהאַלטען אין איין פאַרגרעסערען זיך, אויסגעוואַקסען אין אַ קורצער צייט אין אַ זעקס־שטאָקיגער געביידע, וואָס איז נור מעגליך געווען אַ דאַנק דער ריזיגער אימיגראַציע, און וואו אידישע פּעדלערס זיינען נור געווען בנמצא, האָבען הונדערטער דאָלאַר געהאַלטען אין איין שטראָמען צו שולצ׳ען.

אַז די געשעפטען האָבען זיך שוין אַליין געפיהרט, האָט שולץ זיך אָנגעהויבען צו פאַרזאָרגען מיט אַ ביסעל עולם־הבא. ער האָט געקויפט די שוהל „מחזיקי־תורה", וואו ער איז געווען פּרעזידענט, געעפענט די תלמוד תורה, זיך אָפּגעגעבען מיט קהל׳שע זאַכען, מקרב געווען לומדים און געהאָפט, אַז זיין הויז וועט ווערען אַ „בית ועד לחכמים".

אויסערליך האָט ער זיך כמעט אין גאַנצען נישט געביטען, פיעלע פון זיינע עלטערע אַרבייטער, צומיינסטען בן־תורה׳ס, זיינען ביי איהם געווען איינגעהער, געקומען אַ שבת ראש־חודש, אַ יום־טוב טרינקען אַ גלעזעל ווייַן. ער האָט פאַרנומען אַ געוועהנליכען „פלעט" אין זיין אייגען הויז און האָט זיך געפיהרט ווי אַ היימישער רייכער בעל־הבית.

בעסי האָט אריינגעבראכט צוויי גלעזער טהעע, אונטערגע־טראָגען איינם דעם פאָטער, דאָס צווייטע גרינ׳ען, אליין האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויבען אָן, געגומען די אידישע צייטונג און אָנגע־הויבען אזוי קאָמיש ארויסצורעדען די ווערטער, אז אלע האָבען זיך צולאכט.

— אז דאָס רעדט ווי א גוי אידיש ! — האָט דער פאָטער א זופּ געטון דעם טהעע און זיך אויסגעדרעהט צו גרינ׳ען. — איהר ווייסט, כ׳האָב בעשלאָסען צו מאכען פרידקינ׳ען פאר אוים פּרינ־סיפּעל, איהר זייט גערעכט, דער מענש פּאסט לחלוטין נישט פאר דער שטעל !

— דאָס האָט איהר שוין לאנג געדארפט טון !

— ווייסט איהר עפּעס פון א פּרינסיפּעל ?

— גראָדע איצט נישט, נור איהר דארפט נישט דאגה׳ן, איהר וועט קריגען !

— וואָלט איהר אפשר געוואָלט אָננעמען די שטעל ? — האָט מיסטער שולץ א שמייכעל געטון און געקוקט וואָס פאר אן איינדרוק עס וועט אויף גרינ׳ען מאכען.

— כ׳וואָלט אָנגענומען, — האָט גרין זיך געקווענקעלט.

— וואָס מיינט איהר — כ׳וואָלט ?

— כ׳וועל אייך זאָגען דעם אמת, — ס׳וועט אויסקומען, אז איך האָב פרידקינ׳ען ארויסגעשטופּט.

— פרידקין וועט בלייבען, — האָט איהם שולץ בערוהיגט, — ער וועט אפילו קריגען ביז ענדע זמן די זעלבע שכירות, נור פּרינ־סיפּעל וועט ער מעהר נישט זיין ! און אויף ווינטער וועט מען איהם הייסען זוכען אן אנדער שטעל ! נו, וואָס זאָגט איהר ?

גרין האָט גלייך נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך גע׳ישוב׳ט, נישט געוואָלט ארויסווייזען, אז ער איז שטארק צופרידען און גע־זאָגט—כלומרש א גלייכגילטיגער :

— גוט !

מאדאם שולץ האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ :

— צייט ליכט בענשען, האַ?

זי האָט דערזעהן גרינ'ען, זיס אַ שמייכעל געטון און זיך גע־ווענדעט צו איהם:

— האַללאָו מיסטער גרין, איהר וועט מיטהאַלטען מיט אונז! נו, נו, קיינע תירוצים!

שולץ האָט אויסגעטון די ברילען, זיי געלאָזט ליגען אויפ'ן טיש, אריין אין אַ צווייטען צימער און מען האָט געהערט ווי ער איז מקבל־שבת.

— כ'האָב מורא, — האָט גרין זיך געווענדעט צו מיס שולץ, אייער פאָטער וועט אייך נישט לאָזען געהן אין גרינוויטש־ווילעדזש?

— ער דאַרף נישט וויסען!

— און אז ער וועט פרעגען, וואו איהר זייט אַזוי שפּעט גע־ווען?

— ער וועט נישט פרעגען, — ער געהט באַלד נאָכ'ן עסען שלאָפען.

— און די מוטער?

— די מוטער געהט אויך שלאָפען!

— בעסי, בעסי, — האָט זיך געהערט פון עס־צימער דער מוטער'ס קול, — זיי אַזוי גוט און נעם אַרויס פון דער „סייף" די לייכטערס!

בעסי האָט זיך גענומען פּאַרען ביי דער אייזערנער קאַסע, גרויס ווי אַ האַלבע וואַנד, געדרעהט ביים קעפּעל פון שלאָס, צו־נויפגעשטעלט ווי אַ פאַרמעל די ציפערען און זי געעפענט. זי האָט אַרויסגענומען דריי פּאָר זילבערנע לייכטער, אַ זילבערנע קאַנדי־ליאַברע, ווי אַ מנורה, אַ שמייכעל געטון צו גרינ'ען און אַרויס פון צימער.

גרינ'ען איז געוואָרען אונהיימליך. ווען ער וואָלט נישט גע־ווען קיין בן־בית ביי בעסי'ס עלטערען, וואָלט איהם קיין זאַך נישט געאַרט, אַזוי אָבער האָט ער געהאַט דאָס געפיהל, ווי ער נוצט אויס

די מענשען, בענוצט זיך מיט זייער צוטרוי צו איהם, טאָ מיט וואָס איז ער בעסער פאר פרידקינ׳ען ?

אז מיסטער שולץ האָט אָפּגעדאַוונט, זיינען אַלע אריין אין עס־צימער. דער צימער איז געווען אזוי בעלויכטען, אז ס׳האָט אזש געבלענדט די אויגען. ביי א וויים־געדעקטען טיש איז גע־זעסען די גאנצע משפחה אויסגעזעצט לויט דער עלטער. דער בעל־הבית האָט אָנגעגאָסען א גלאָז וויין, זיך אויפגעשטעלט מאכען קדוש און געקוקט צו דער טיר, ווי ער וואָלט געווארט אויף עמיצען. א איד האָט אריינגעשטופּט אַן אויסגעבעט וועגעלע, וואו שולצעס פאָטער, א פּאַראַליזירטער זקן, איז געלעגען. אַלע זיינען אזוי גע־וואוינט געווען מיט׳ן זיידע, אז קיינער האָט זיך צומאָל אויף איהם נישט אומגעקוקט. דער זיידע, א צוקנייטשטער, מיט א פּאָר אויגען, וואָס האָבען געקוקט אין איין ריכטונג, האָט געהאַלטען אין איין עפענען און צומאכען דאָס איינגעפאַלענע מויל, ווי א פיש ווען ער טרינקט וואסער. גרין האָט זיך באגעגענט מיט׳ן אַלטענ׳ס שטאַ־רען בליק, דערפיהלט קאַלטע דרעשטשעס און זיך אויסגעדרעהט. נאָך׳ן קדוש האָט דער איד ארויסגעפיהרט ס׳וועגעלע, קיינער האָט וועגען זיידען א וואָרט נישט דערמאָהנט, ווי ער וואָלט גאָרנישט גע־ווען אין שטוב. די בעל־הבית׳טע איז געזעסען נעבען מאַן, אויס־געטיילט פּאָרציעס פיש און אז א האלבער טיש האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסען, האָט זי זיך איצט געמאכט פּלאַץ, זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש מיטביידע עלענבויגענס, געזעסען איבער א שיסעל מיט פיש און גרויס הנאה געהאַט פון עסען.

— נו, מיסטער גרין, ווי שמעקען אייך מיינע פיש ? געגנוג זיס ? — האָט די בעל־הבית׳טע איהם געפרעגט.

— כ׳האָב שוין לאַנג אזא שטיקעל פיש נישט געגעסען, מיט אַן אמת ! — האָט גרין געענטפערט.

— ווייסט, — האָט שולץ א שטופּ געטון דעם ווייב מיט׳ן עלענבויגען — א לעבעדיג פישעל איז טאקע געשמאַקער !

— זיי רייסען אָבער א הויט, די גנבים ! — האָט ס׳ווייב גע־

ענטפּערט — ווייסען שוין אַליין נישט וויפיעל זיי זאָלען נעמען פאַר א פונט פיש, נו, איז עס נישט קיין רציחה, ביזט א מבין וויפיעל כ׳האָב געצאָהלט? זעכציג סענט א פונט!

שולץ האָט גענומען נאָך די פיש א ביסעל בראַנפען, צוגערוקט די פלאַש צו גרינען און איינגעשטילט ס׳ווייב:

— אידען דאַרפען פרנסה, נעמען זיי, נו פטור, פטור!

— חכם, — האָט ס׳ווייב געקלאַפּט מיט׳ן גאָפּעל אָן טעלער — גוט אז גאָט האָט דיר געהאָלפען און דו קענסט! וויפיעל מיינסטו קענען צאָהלען אזא פרייז?

— הויבט זיך אָן! — האָט שולץ אויסגעצויגען די פיס אויף א שטוהל און זיך פערטיעפט אין דער צייטונג.

פון איין געריכט צום צווייטען האָט אזוי לאַנג גענומען אז די קלענערע קינדער זיינען דערווייל אפּגעגאַנגען פון טיש, זיך צו־לעגט אויף דער פּליושענער אָטאָמאַנע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער און איינציגווייז איינגעשלאָפען.

ס׳איז קיין חדוש נישט, — האָט די מאַדאַם זיך פאַרענטפערט פאַר גרינען וואָס די קינדער שלאָפען איין אין מיטען עסען — וואָס זיי צוארבייטען א טאָג! אז דאָס רוהט א מינוט נישט!

גרינען האָט געלאַנגווייליגט, ער האָט שוין געוואָלט זיין אויף דער גאַס. בעססי האָט עס באַמערקט, אָנגעריהרט מיט איהר שוך זיין פוס, האָט ער זיך א כאַפּ געטון, זיך באַגעגענט מיט איהר בליק און ביידע האָבען זיך צושמייכעלט.

ביים צימעס האָט זיך מיסטער שולץ א פערשלאָפענער אויפ־געהויבען פון טיש, זיך ענטשולדיגט פאַר גרינען, אז ער איז נישט עפּעס מיט אַלעמען און זיך געבעטען:

— קינדער, בעטס מיר!

מיסעס שולץ האָט אויסגעטרונקען א גלאָז טהעע, זיך אַריינ־געזעצט אין א וויעג־שטוהל, זיך א ווייַלע איינגעהערט וואָס בעססי דערצעהלט, ביסלעכווייז פעריסען דעם קאָפּ, געעפענט א מויל און זיך געלאָזט הערען איבער׳ן צימער.

— מאַ, פּליעז, מאַ — — — האָט בעססי זי אָנגענומען ביי אַ האַנד.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון, ווי מען וואָלט זי אָפּגעגאָסען מיט קאַלט וואַסער, פערלוירען גע׳טענה׳ט אַז זי שלאָפט נישט, זיך אויפגעשטעלט און זיך פאַרענטפערט:

— די היץ מאַטערט אויס! אַ גוטע נאַכט מיסטער גרין.

— אַ גוטע נאַכט!

ביי דער טיר האָט זי זיך דערמאָהנט אָן די קינדער וואָס זיינען געשלאָפען אויף דער אָטאָמאַנע און זיך אַ ריס געטון:

— לאָ׳מיך, בעססי, כ׳וועל לעגען די קינדער!

— איך וועל זיי שוין לעגען — האָט בעססי צוגעהאַלטען די מוטער — געה שלאָפען, כ׳בעט דיך!

— אָל־רייט!

די ליכט האָבען געהאַלטען ביים אויסגעהן, געקנאַקט ווי מען וואָלט אויף זיי געשאָטען זאַלץ און אָנגעפילט דעם עס־צימער מיט אַנגעברענטס. די צורוקטע שטוהלען, די שירים אויף׳ן טיש, די אויסגעגאַנגענע ליכט, אַלץ האָט געמאַכט די לופט געדיכטער און אָנגעיאָגט אויף גרינען דאָס בענקעניש פון אַ היימישען פרייטאָג־צו־נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע שלאָפען שוין און אַליין דרעהסטו זיך אויף׳ן געלעגער, ווייסט נישט וואָס דו ווילסט און אַלץ אין דיר וויל אַ געשריי טון.

— וואָס איז? וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערטראַכט? — איז בעסי לייכט אריין אָן אָנגעטאָנענע — קומט, איך בין גרייט!

## 6

אין דער „גרינער־לאַפּע“ האָט זיך געטומעלט. די קליינע, נידריגע צימערלעך, פון אַ שמאָלער, צוויי שטאָקיגער געביידע, וואָס האָט אויסגעזעהן פון דערווייטענס ווי אַ פּויעריש הייזעל, זיינען פול געווען מיט מענשען. אַ הילצערנע, נישט קיין געפאַרבטע, טרעפּ, ווי אַ לייטער, מיט אַ פּאָרענטש, וואָס האָט אונטער דער קלענסטער משא זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און קרעכצען, ווי זי וואָלט גע־האַלטען ביים איבערברעכען זיך, האָט געפיהרט אין דעם רעסטאָ־ראַנט. נאַפּט און ליכט לאַמטערנען האָבען קוים בעלויכטען דעם קאָרידאָר, וואו אויף די טירען זיינען געווען אויסגעמאָלט גרינע לאַפּעס פון חיות און פויגעל און דערמאָנט אָן כשוף׳מאַכעריי. די צימערלעך זיינען געווען געפּאַקט מיט מענשען וואָס מען זעהט זעל־טען אין ניו יאָרקער גאַסען. די מענער נאַכלעסיג אָנגעטון, מיט פערזאָרגטע פּנימ׳ער אַפילו ווען זיי לאַכען; די פרויען אין האַלב־מענערשע קליידער, מיט ארומגעשוירענע קעפּלעך האָר, סיגאַרעטס אין מויל, האָבען געמאַכט ביים ערשטען בליק דעם איינדרוק פון איבערגעטוענע אינגלעך. און ס׳האָט זיך געדאַכט די אַלע מענשען שלאָפען ביי טאָג און מיט דער נאַכט ווען דאָס געזעץ דרעמעלט איין אינטער׳ן שלאָף פון איהרע געהאָרכזאַמע קינדער, קריכען זיי אַרויס פון זייערע שלאָף־צימערלעך, שאַרען זיך אונבאַמערקט אַרום די ווענד פון די טענעמענט הייזער און איילען זיך אין „ווילעדזש“ אַריין.

ביי גרין געפאַרבטע טישען זיינען געזעסען יונגע־לייט מיט מיידלעך, געטרונקען, געראויכערט און דער טומעל איז געשטאַנען איבער אַלעמענס קעפּ ווי אַ פּאַרע און געקרעלט אין האַלז. אויף די ווענד האָבען געהאָנגען נישט קיין אויסגעגלייזטע קריגלעך, טעפּ־

לעך מיט לאַנגע העלזער, ליימענע טעפּ, וואָס דערמאָהנען אין אויס־געגראָבענע אַנטיקען.

דער בעל־הבית פון פּלאַץ א נידריגער, א ברייטבייניגער, אָנ־געטון, איין גאָט ווייס פאַרוואָס, אין א נאַציאָנאַלע אונגאַרישע קאַ־פּאָטע, ארומגענומען ארום בויך מיט א ברייטען גרינעם גאַרטעל, וואָס האָט זיך אין דער רעכטער זייט פערבונדען אין א קניפּ און פון צווישען די פראַנזען האָט ארויסגעקוקט א האַלב־קיילעכדיגער ציבעק, באַציערט מיט קאָלירטע קרעלען, איז געלאָפען פון איין טי־שעל צום צווייטען, נאַכלעסיג געהאַלטען אין עק מויל א קליין פּיפּ־קעלע, געגומען באַשטעלונגען און מיט יעדען איינעם גערעדט אויף זיין לשון.

זיין ווייב, אַן עלטערע ברונעטקע, אָנגעטון אין לויזע, שרייענדע קליידער, וואו גאַנצע שנורען מטבעות האָבען געלומפּערט ארום האַלז, ארום די בלויזע הענד, האָט אויסגעזעהען ווי א שפּאַנישע גאַ־סען זינגערין. איהר שוואַרצע ארומגעשווירענע האָר, דורכגענומען מיט א שוואַרץ סאַמעטיל, זיינען געפאַלען איבער די באַקען און זי געמאַכט יונגער. זי האָט זיך יעדע ווייַלע צוגעזעצט צו אַנאַנדער טישעל, מיטגעטרונקען, גענומען געלד און עס אריינגעשאָטען אין די פאַלדען פון איהר קלייד, ווי אין א קעשענע.

ביי א לאַנגען טיש זיינען געזעסען א חברה יונגע־לייט מיט מיידלעך און געזונגען „טהע יענקס אַר קאַמינג" מיט'ן ניגון פון „מה קא משמע לן, דער רעגען". עטליכע גוים וואָס זיינען געזעסען דערנעבען האָבען מיטגעהאָלפען.

קעגענאיבער ביי א טישעל איז געזעסען א יונגער־גוי מיט א דאַמע.ביידע מיט פערלאָפענע אויגען. דער גוי האָט סקיצירט אויף דער וואַנד דער דאַמעס בילד. פון גרויס בעגייסטערונג האָט זי געכאַפּט זיין האַנד און איהם א קוש געטון. דער גוי איז אויפגע־שפּרונגען, קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס, נישט געקענט אָבער דערלאָזען א דאַמע זאָל איהם קושען די האַנד. צוגעפאַלען מיט די ליפּען צו איהרער און געשטאַמעלט:

— יו מאָס׳נט... עי ליידי מאָס׳נט...

— אָ, — האָט די דאַמע אוועקגענומען די האַנד פון האַרץ, אויסגעשניטען מיט איהר א ברייטען זשעסט און איהם נאָכאמאָל א קוש געטון — אזא האַנד איז אַן עהרע צו קושען!

דער גוי איז געפאַלען דער דאַמע צו די פיס, בעהאַלטען זיינע הענד, זי זאָל זיי ניט געפינען און געקושט איהר קלייד. די דאַמע האָט דוקא געזוכט זיינע הענד, זיך געאַמפּערט מיט איהם און ביידע זיינען געבליבען ליגען איינער אין צווייטענס אָרעמס.

דער ארומיגער עולם האָט זיך צומאָל ניט ארומגעקוקט.

אין א ווינקעל אויף א מאַטראַץ איז געזעסען דער רעדאַקטאָר פון „געצענדיענער“, ארומגערינגעלט מיט זיינע מיטאַרבייטער און געלייענט קאָרעקטורען.

ביי׳ם אריינקומען איז בעססי געבליבען שטעהן מיט א צור־עפענט מויל, און יעדער ווער עס האָט זי נור אָנגעקוקט, ווי זי וואַרפט מיט די אויגען אין אַלע זייטען, האָט דערקענט, אז דאָס מיידעל איז דאָ צום ערשטען מאָל.

עמיצער האָט באַמערקט גרינ׳ען. דער גאַנצער טיש האָט זיך א הויב געטון, גענומען אפּלאָדירען און געזונגען מיט׳ן אידישען ניגון — טהע יענקס אַר קאַמינג, קאַמינג, קאַמינג...

א מאַן פון א יאָהר עטליכע און פערציג, מיט איינגעפאַלענע באַקען, פינקעלדיגע אויגען און א קליין קיילעכדיג פּליכעל, ווי א טעל־לער׳ל, האָט פון דער זייט א וואָרף געטון אַן אויג אויף בעססי׳ן, זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט פּלאַץ, אויסגעשטעקט א האַנד צו גרינ׳ען און געקוקט אויף׳ן מיידעל:

— האַללאָ גרין! וואס באַקענט איהר מיך ניט מיט אייער לעדי?

— אז איהר ניט מיר ניט קיין געלעגענהייט — האָט גרין זיך פאַרענטפערט און זיך אויסגעדרעהט צו בעססי׳ן — באַקענט אייך: שלמה מאַנדעל, מיס שולץ!

מאַנדעל האָט געהאַלטען א ווײַלע מיס שולץ׳ס האַנד אין

זיינער, דורכגענומען דאָס מיידעל מיט זיינע עטוואָס שוין פֿער־לאָפֿענע אויגען, געוואָלט וויסען וואָס פאר'א איינדרוק זיין נאָ־מען וועט מאַכען אויף איהר און ווען חברה לצים וואָלטען ניט ביי'ם טיש געזעסען, וואָלט ער אליין דעם מיידעל, וואָס האָט זיין נאָמען צו'ם ערשטען מאָל געהערט, פערטרויט, אז דאָס האָט מען איהר פֿאָרגעשטעלט דעם גרעסטען אידישען ראָמאַניסט.

דער עולם ארום טיש איז א ווײַלע אנשווייגען געוואָרען. מאַנ־דעל איז געוואָרען אויפגערוימט וואָס א מיידעל זיצט נעבען איהם, זיך איבערגעקוקט מיט'ן עולם און א שטופּ געטון גרינ'ען:

— פארוואָס באקענט איהר זי ניט מיט די איבריגע?

און איידער גרין האָט צייט געהאט איהם עפּיס צו ענט־פערן, האָט שוין מאנדעל געהאלטען בעססי'ן אונטער'ן אָרעם און אָנגעהויבען אימיטירען א פּאָרזיצענדען:

— דאָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי אונזער גרויסער, אפשר דער גרעסטער הומאָריסט — משה חוזק; איצט וועל איך אייך פֿאָרשטעלען דעם זאָ־גענאַנטען, גרויסען אידישען ראָמאַניסט — זאלקינד.

— פארוואָס נישט דער גרעסטער? — האָט זיך עמיצער אָנ־גערופען.

— ווייל איך בין דער גרעסטער! — האָט מאַנדעל געענט־פערט, זיך צולאכט פון דער אייגענער חכמה און ווייטער פאָר־געשטעלט — ביג, ביג — א מאהלער, זיינע בילדער בעציערען די ווענד פון דער „גרינער לאָפּע"; וויים — דער גרעסטער אידישער קריטיקער.

— אז וויים איז דער גרעסטער, טו וואָס בין איך? — האָט א בחור מיט א קאָפּ בלאָנדע האָר זיך אויפגעשטעלט.

— אז כ'וועל האַלטען ביי דיר וועסטו זיין דער גרעסטער! — האָט מאַנדעל זיך אזוי צולאכט, אז ער האָט זיך אזש אָוועקגעזעצט.

דער עולם האָט מיטגעלאכט. בעססי, וואָס איז צו'ם ערש־טען מאָל געווען צווישען אזא עולם, האָט זיך געפיהלט גליקליך,

ביי יעדער געלעגענהייט ארויסגעצייגט ווי דאַנקבאַר זי איז גרינגען. זי האָט געקוקט אויף די עטליכע דאַמען וואָס זיינען געזעסען אַרום טיש, בעטראַכט זייערע קליידער, ווי זיי האַלטען זיך און געוועזן ביי זיך זיכער, אַז זי קען מיט זיי אַלע קאָנקורירען.

מאַנדעל האָט גענומען קלימפּערען מיט די הענד אין די הויזען־קעשענעס:

— אידען, לאָמיר שטעלען אביסעל וויין!

באַלד האָבען אָנגעהויבען צו פליהען זילבערנע מטבעות. א בלאָסער בחור מיט א שוואַרץ בערדיל, ווי א גרימירטס, האָט צו־נויפגענומען דאָס געלד און מאַנדעל האָט אויפ׳ן קול גענומען רופען דעם בעל־הבית.

— פּעטער, קומט נור אהער!

דער איינגענטהימער האָט זיך ניט געמאַכט הערען, אפנים ניט אָנגעשטאַנען וואָס מען רעדט צו איהם אידיש, און זיך געדרעהט ביי אַנדערע טישלעך. מאַנדעל האָט צוגערופען די איינענטימערין מיט א פינגער:

— איהר רעדט דאָך אידיש?

— כ׳האָב זיך דאָ אויסגעלערענט.

— וואו, אין „ווילעדזש"?

זי האָט זיך צולאַכט.

— אָבער איהר רעדט אידיש? — האָט מאַנדעל איהר גע־גלעט די האַנד און די אויגען זיינען ביי איהם געוואָרען שמאַלציג.

— יעס.

— ווי הייסט איהר?

— רעגינאַ.

— כ׳מיין אין אידיש?

— רעגינאַ! — האָט זי א ציה געטון מיט די אַקסלען, און די שנורען־מטבעות האָבען זיך צוקלימפּערט.

— אין אידיש הייסט איהר נישט רעגינאַ — האָט ער זי

ארומגענומען מיט א האנד — אין אידיש הייסט איהר רייזעל, הא?
נו, רייזעלע, וואס הערט זיך מכח א גלעזיל וויין?

זי האט זיך ארויסגעדרעהט פון מאנדעלס הענד און צוגע־לאפען צו א צווייט טישעל, וואו דער עולם האט אנגעהויבען ארויסצוגעהן.

דער אייגענטימער האט צוגעטראגען עטליכע קריגלעך וויין, גלעזער, און דער עולם האט אנגעהויבען צו טרינקען, געווארען אלץ לעבעדיגער. אין מיטען זינגען האבען די בענקלעך זיך גערוקט און די מענער האבען זיך געדרעהט ארום די צושטראהלטע דאמען, ווי פליגעלעך ארום א פלאם.

גרין האט דערפיהלט ווי בעססי'ס פינגער פלעכטען זיך אין זיינע, בויגען זיך און זי רוימט איהם איין אין אויער:

— ס'איז א אידיש פלאץ?

— ווי דען?

— און ווער איז דער וואס זיצט אויפ'ן מאטראץ?

— דאס איז דער רעדאקטאר פון „געצענדיענער".

— פון וואס?

— ס'איז א מאנאט־זשורנאל, ס'הייסט „געצענדיענער".

— וואס איז ער, אן אינדיאנער?

— וואס פאלט דיר איין? — האט זיך גרין צולאכט.

— כ'ווייס, אינדיאנער זיינען געצענדיענער — האט זיך בעססי פערלוירען.

— נא, ס'איז א איד, מיר אידען האנדלען מיט אלץ! — האט ער איהר שטארקער געדריקט די האנד.

הינטער גרינ'ען ביי א קליין טישעל איז געזעסען אן עלטערער מאן, כמעט גרוי, מיט א לאנג־האריגען אידען, א געבווירענער באהעם וואס קיינער ווייס ניט פון וואנען ער קומט, וואס איז זיין שפראך. גרין האט באמערקט ווי דער אייגענטימער פון פלאץ האט זיך אויך צוגעזעצט, זיך איינגעהערט ווי דער גראהער מאן האט גערעדט וועגען ענגלישען קעניג, עדווארדען, ווי וועגען זיינ'ס

א בעקאַנטען. און אַז ער האָט אַרויסגענומען א גאָלדען זייגער׳ל און געוויזען אַז דאָס איז א מתנה פון קעניג, האָט דער בעל־הבית פערבויגען זיין נאַציאָנאַלע אונגאַרישע קאפּאָטע, א ווינק געטון מיט אַן אויג צו׳ם לאַנג־האָריגען איד און אַריינגעוואָרפען אויף אידיש:

— ער האָט געטראָפען א יאָלד מען זאָל איהם גלויבען!

גרין האָט געוויזען בעססי׳ן אויפ׳ן גראָהען מאַן:

— זעהסט, דער אַלטער ביי׳ם טישעל, דאָס איז דער „דזשענטעלמען" וועגען וועמען אָסקאַר ווייַלד רעדט אין זיין „דע־פּראָפּונדיס". אַז מען האָט ווילדען געפיהרט א געשמידטען אין תפיסה און דער עולם האָט איהם אויסגעפייפט און באַשפּיגען, איז דער אַלטער מאַן געווען דער איינציגער וואָס האָט געצויגען דעם צילינדער און איהם בעגריסט.

א מאַן איז געבליבען שטעהן אין דער טהיר, געזוכט מיט די אויגען, זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן יונגען גוי מיט דער דאַמע, וואָס זיינען געזעסען געאַרעמט. דער גוי האָט דערפיהלט אַז מען קוקט אויף איהם, האָט ער א דרעהה געטון מיט׳ן קאָפּ, געוואָרען געל ווי קיט און זיך אַרויסגעדרעהט פון דער דאַמעס הענד. דער מאַן האָט געמאַכט עטליכע טריט, זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט צו דער דאַמע:

— לוסי, כ׳בעט דיך, געה אהיים, ס׳קינד וויינט!

זי האָט ניט געענטפערט. מיט איין ציה, ווי א חיה, איז ער געשטאַנען ביי׳ם יונגען גוי, איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַלז, אַראָפּגעלאָזט איהם א פּאַטש אַז יענער האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען פון גומע, און דורכגעזייעט דורך די ציין:

— טכויער! וואָס האָסטו מיר צוגענומען ס׳ווייב?

גרין האָט געזעהן ווי דער גרויער מאַן האָט זיי צונומען, געפּועל׳ט ביי דער דאַמע זי זאָל אהיים געהן, געטרייסט דעם יונגען גוי, וואָס איז געזעסען און געבליפּעט, צי דערפאַר וואָס מען

האָט איהם געשלאָגען, צי דערפאר וואָס די דאמע איז אוועק און זיך דערמאָהנט:

Men have gone to heaven for smaller things than that.

א יונג בחור'ל, נישט קיין ראַזירטער, איז אריינגעקומען פון קיך. יעדער האָט גרייט געהאט א שמייכעל, געוואָלט כאפּען דעם בחור'לס בליק, איהם בעגריסען. נישט קוקענדיג אויף קיינעם, האָט ער דורכגעוואָרפען אלעמען, זיך צוגעשאַרט צו מאַנדעלען און זיך אוועקגעזעצט. ביי'ם טיש איז געוואָרען לעבעדיגער. אלע האָבען געוואוסט אז איצט קען מען בעטען אויפ'ן בחור'לס חשבון וואָס ס'הארץ גלוסט. דער בעל־הבית מיט'ן ווייב זיינען געשטאַנען הינ־טער זיינע פּלייצעס, גענומען באשטעלונגען און געהאַלטען אין איין מאכען קאָמפּלימענטען. דאָס בחור'ל, א מיעדער, האָט קיי־נעם נישט באמערקט, אָפּגעשטופּט די בעלי־בתים פון זיך און געהאַלטען אין איין טענה'ן צו מאַנדעלען, וועלכער האָט איהם קוים פערשטאַנען:

— נישט גוט צו זיין א זוהן פון א גרויסען מענשען! נישט גוט!

— ערפינדעט מען אליין א טעלעפאָן! — האָט מאַנדעל איהם גענעבען צו פארשטעהן האלב אין אידיש.

— ס'וועט נישט העלפען! — האָט דאָס בחור'ל איהם ארי־גערעדט אין אויער אריין — מען וועט סיי־ווי־סיי נישט רופען ביי'ם נאָמען, מען וועט אלץ הייסען דעם טאַטענס א זוהן!

— איהר ווילט ווערען באריהמט? — האָט מאַנדעל איהם אָנגענומען פאר א האנד — איך האָב פאר אייך א פּלאַן!

— וואָס פאר א פּלאַן?

— דאָס טעאַטער — האָט מאַנדעל אָנגעהויבען — קען אייך נישט מאכען בעריהמט. ס'איז קיין נייעס נישט אין אמעריקא! איך האָב פאר אייך עפּיס אנדערש! פאָלגט מיך און גיט ארויס א אידיש וואָכענבלאַט, איהר שמייכעלט?

— וועט מען זאָגען, אז כ'פּטר דעם טאַטענ'ס געלד! —

האָט דאָס בחור'ל אָנגעשפּאַרט די פויסטען אָן טיש און אויף זיי אַרויפגעלעגט די גאָמבע.

איבער אַלעמענס קעפּ האָט זיך געטראָגען אַ וואַלס. אויפ'ן צווייטען שטאָק האָט מען געטאַנצט. די דינע סטעליע האָט זיך אַזש געבויגען אונטער'ן וואַלס און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז איין גוטער שפּרונג און די ברעטער וועלען זיך נעמען שיטען איבער אַלעמענס קעפּ. דער עולם איז נישט איינגעזעסען, זיך געהויבען צו'ם טאַקט און יעדער האָט געזוכט אַ דאַמע מיט וועלכער צו כאַפּען אַ טאַנץ.

גרין האָט אַ כאַפּ געטון בעסי'ן מיט אַ האַנד אַרום דער טאַליע. אַ צושטראַהלטע האָט זי זיך צוגעטוליעט צו איהם, נישט געפרעגט וואוהין ער פיהרט זי און אַרויפגעלאָפען מיט איהם אויפ'ן צווייטען שטאָק.

אין אַ גרויסען האַלב־פינסטערען זאַל, איבער אַ גלאַנציגער פּאָדלאָגע, האָבען זיך געדרעהט עטליכע פּאָרלעך אונטער'ן טאַקט פון אַ וואַלס. אַ הויכער, דאַרער מאַן איז געזעסען ביי אַ פּיאַנאָ און געשפּיעלט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

גרין איז געשוואומען מיט בעססי'ן, נישט געפיהלט ווי זי לעגט זיך איהם אויף די הענד, אַזוי לייכט האָט זי זיך איהם אויס־געדרוכט. ער האָט זיך געדרעהט, געלאָפען מיט איהר פון איין ווינקעל אין צווייטען און וואו ער האָט דערזעהן אַ לעדיגע באַנק, זיך אַ לאָז געטון צו איהר, איז יעדעס מאָל אויסגעוואַקסען אַ פּאָרעל, פערנומען די באַנק און ער האָט זיך ווייטער געדרעהט.

זיי זיינען שטעהן געבליבען, זיך אָנגעקוקט, זיך צושמייכעלט און גליקליכע זיך צוגעזעצט. ביידע האָבען געפיהלט איינער דעם צווייטען עפּעס צו זאָגען, זיך פערשטאַנען אויפ'ן בליק און גרין אַרויפלעגענדיג זיין האַנד אויף איהרער האָט סתם אַ פרעג גע־טון:

— נו, ווי טאַנץ איך?

— פיין, זעהר פיין!

א יונגער מאן מיט א מיידלישע טאליע איז אונטערגעקומען מיט א דאמע:

— האללא, גרין!

— האללא, ליפשיץ!

ליפשיץ האט צוגעפיהרט זיין דאמע עטוואס נעהנטער און אנגעצייגט אויף גרינען:

— באקענט אייך. מיסטער גרין, א אידישער דיכטער און דאס איז מיס מאער.

— זעהר אנגענעם — האט מיס מאער עטליכע מאל איבער־געח׳זר׳ט און זיך אוועקגעזעצט נעבען גרינען — ס׳ערשטע מאל וואס כ׳באקען זיך מיט א אידישען דיכטער.

גרין איז געווען בייז אויף זיך פארוואס ער האט זיך פער־לוירען פאר דער דאמעס נאמען, כאטש ער איז נישט געווען זיכער צי דאס איז דעם מיליאנער מאער׳ס א טאכטער. ער האט פארגעשטעלט בעססי׳ן, באמערקט אז זי האט זיך אויך פערלוי־רען, חשק געהאט עפיס צו זאגען מיס מאער, אז זי זאל זיך בע־ליידיגען און געבליבען אנשוויגען.

— ווי כ׳זעה, זייט איהר דא ס׳ערשטע מאל. — האט ליפ־שיץ זיך וואוילעריש געקלאפט איבער דער קניע מיט א זיידענער הענטשקע און אויסגעזעהן צו זיין צופרידען מיט זיך.

— פארוואס זייט איהר אזוי זיכער? — האט בעססי איהם א קוק אן געטון און געפיהלט ווי זי ווערט רויט.

— פשוט דערפאר ווייל כ׳זעה אייך דא ס׳ערשטע מאל — האט ער זיך צולאכט און די פולע באקען האבען זיך ביי איהם נערוויטעלט, ווי ביי אן אפגעמאלט מיידעל.

— איהר קענט דען אלעמען וואס קומען דא אהער? — האט בעססי קוים געשמייכעלט.

— כמעט — האט ער זיך איינגעקוקט אינ׳ם זייגעריל וואס האט ביי איהם געשטעקט אין א לעדערנעם בראסלעט, פער־שנאלט ארום דער האנד — כ׳קום דא דריי מאל א טאג פאר די

לעצטע צעהן יאָהר. פינף בעלי־בתים האָבען זיך שוין געטווישט דורך דער צייט און דער עולם, פארשטעהט איהר מיך, איז א געקליבענער, ווארפט זיך א נייע פנים גלייך אין די אויגען! אָט ווייז איך אייך, כ'בין איצט דורכגעגאנגען מיט מיס מאער — ער האָט זיך בשעת־מעשה צוגעבויגען צו בעססי'ן, צוגעלעגט א האנד צום מויל, גערעדט שטילער — דאָס איז דעם מיליאָנער מאער'ס יונגסטע טאָכטער — האָט יעדער איינער אונז נאָכגעקוקט. גלייך דערקענט, אז זי איז נישט פון „ווילעדזש". יעס, מיך קען דאָ יעדער. צומיינסטען ווייסען צו מאָל נישט, אז כ'היים ליפשיץ, אלע רופען מיך ביטהאָווען.

— איהר זייט דען א קאָמפּאָזיטאָר? — האָט בעססי איהם געפרעגט.

— נאָ, — האָט ער געמאכט א מינע ווי א פארשעמט מיידעל — איך בין אַ קריטיקער! אויב איהר אינטערעסירט זיך מיט מוזיק און לייענט „די צייט", דארף איך מיין נאָמען זיין בעקאנט. כ'שרייב צוויי מאָל א וואָך אונטער'ן נאָמען „ליאָ".

בעססי האָט זיך געפיהלט שולדיג וואָס זי האָט אזא נאָמען קיינמאָל ניט געהערט, איז רויט געוואָרען, זיך פערלוירען וואָס זי איז רויט געוואָרען און געשטאָמעלט:

— געלייענט, אודאי געלייענט! זייט איהר דאָס? אָ, זעהר אנגענעם!

ליפשיץ, א צושמאָלצענער פון נחת, האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבען, געגעבען בעססי'ן די האנד, מעשה ספּאָרט, פון אויבען אראָפּ און אין גאנצען האָט ער אויסגעזעהן ווי א יונג מיידעל, וואָס קריגט דעם ערשטען קאָמפּלימענט. ביי איהם אין מח האָט זיך עפּיס אָנגעהויבען פּלאָנטערען פון א מיט, ווי ביי א קנויל, וואו מען קען קיין אָנהויב געפינען, געזעהן, אז דאָס שווייגען פארציהט זיך שוין א ביסעל צו לאנג און אז דאָס קען שטערען מיס מאער דעם שמועס מיט גרינען, האָט ער אָנגעהויבען וואָס ס'איז איהם געקומען אין קאָפּ אריין:

— יעס, מיט גרינגן זיינען מיר אַלטע פריינד! כ'בין אויך אַמאָל מיט יאָהרען צוריק געווען אַן העברעאישער לעהרער, גוט אָבער וואָס כ'בין עס פּטור געוואָרען! כ'פאַרשטעה טאַקע נישט ווי ר'נאָך כ'האָב דעמאָלט געלעבט? אַז אויף סיגאַרעטס געהט מיר היינט מעהר אוועק וויפיעל כ'האָב דעמאָלט פערדינט! טענה איך מיט גרינגן — וואָס דאַרפסטו עס? גרין איז אַ טאַלאַנט־פולער מענש און איך האָב אַ גרויס בעקאַנטשאַפט, איז ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ איינגעשפּאַרטער, וואָלט איך שוין פאַר איהם עפּיס געקראָגען! דען לאָמיר זיך נישט נאַרען, ווען איך רייס זיך נישט בעצייטענס אַרויס פון דער איסט־סייד, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרען? אַ געגאַסע! פּונקט אַזאַ תּכלית, ווי פון טויזענד אַנדערע, וואָס גיבען אוועק זייערע בעסטע יאָהרען, פּטר'ן קאַריערעס, אָבי אַ פּאָר דעמאַגאָגען, זייערע פאַרשטעהער, זאָלען קענען לעבען ווי די גראַפען!

— לויט אייך, מיסטער ליפשיץ — האָט בעססי איהם איי־בערגעריסען — זיינען גאָר קיין אָרענטליכע מענשען נישט פאַראַן!

— פאַראַן, אָבער נישט צווישען פיהרער פון פאַרטייען. יע־דער פיהרער, כמעט אָהן אויסנאַם, איז אַ דעמאַגאָג! איך בין איי־בערצייגט, אַז די אמת'טע, אינטערעסאַנטסטע מענשען זיינען טרעמפּס און מיליאָנערען.ביידע דאַרפען קיינעם נישט חנפ'ע־נען, דאַרפען קיינעם'ס טובה נישט... יעס, וואָס האָב איך געוואָלט אויספיהרען? — האָט ליפשיץ איינגעקנייטשט דעם שטערען — יע, לעצטע וואָך בין איך געווען פאַרבעטען צו הילדהיימען אויף אָבענד־ברויט — דאָס איז דער אינגסטער ברודער פון די קופּער־מאַגנאַטען. ביים עסען האָט ער מיר פאָרגעלייענט ליעדער פון אַ יונגען סערבישען דיכטער, גאַנץ טשיקאַווע לידער, האָב איך גראַדע געהאַט ביי זיך גרינ'ס לעצטע סעריע און זי איהם פאָר־געלייענט. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז מען זאָל אין אידיש קענען שרייבען אַזעלכע לידער און מיך זעהר געבעטען כ'זאָל גרינגן ברענגען צו איהם. דאַכט

זיך גוט,, הא? דארף מען א בעסערע געלעגענהייט? טענה'ט גרין, אז הילדענהיים וויל איהם זעהן, לאָז ער קומען צו איהם, ער האָט אויך אַן אדרעס. זאָג איך אייך אז דאָס איז פון איהם א משוגעת! איך, וואָלט פאר איין לעזער ווי הילדהיים אוועקגעגעבען די פּאָר הונדערט לעזער פון דער איסט־סייד! נור גאָרנישט — האָט ליפּשיץ געשמייכעלט — גרינען דארף מען אלץ מוחל זיין! איהר ווייסט אז ער איז א גרויסער דיכטער?

— אודאי ווייס איך! — האָט בעססי שטאָלץ געענטפערט און זיך פעררויטעלט.

— איך שרייב אויך פּאָעזיע — האָט ליפּשיץ ארייגגעוואָרפען ווי ער וואָלט גאָרנישט אויסען געוועזען — אזוי פאר זיך, כ'דרוק אָבער נישט, יעס, האָט איהר מאָרגען צייט?

— וואָס איז דען?

— מאָרגען אבענד זינגט קארוזא אין לא־באָהעם.

— כ'ווייס. ער זינגט אין סטאַדיום פון סיטי קאלעדזש. כ'האָב אבער קיין בילעט מעהר נישט געקענט קריגען.

— אויב איהר האָט נישט דאַגעגען — האָט זיך ליפּשיץ עט־וואָס אונטערגעהויבען און זיך פערנויגט — קען איך אייך מיט־נעמען אין מיין לאָזשע.

— אין געגענטייל — האָט בעססי איהם געדאנקט, געוואָלט ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איהר, בייז געווען וואָס גרין האָט זיך אזוי פארעדט מיט דעם מיליאָנערס טאָכטער, אז ער האָט אָן איהר אין גאנצען פארגעסען און געטראכט ווי ר'נאָך איהם געבען אָנצוהערען אז זי וויל געהן אהיים.

— טאָ וואו ווען איך אייך באַגעגענען מאָרגען? — האָט ליפּ־שיץ זי געפרעגט.

— וואָס? — האָט זיך בעססי א כאַפּ געטון — וואו איהר וועט מיך טרעפען? קומט אריבער נאָך מיר אום זיבען אוהר, באלד — גוט, קומט אום זיבען, וועט איהר קומען?

— וואָס פאר א פראגע? — האָט ליפשיץ ארויסגענומען א נאָטיץ־ביכעל — וואו וואוינט איהר?

— גיט ס'ביכעל, וועל איך אייך פערשרייבען.

מיס מאער האָט זיך דערווייל אויפגעשטעלט, זיך געזעגענט מיט גרינען און אויסגעשטעקט א האנד צו בעססי'ן:

— אייער בעקאנטשאפט איז מיר זעהר אנגענעם! צום ווי־דערזעהן!

אז מיס מאוער מיט ליפשיץ'ען זיינען אוועק, איז בעססי גע־בליבען זיצען אָן אנגעצויגענע מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען. גרין האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס זאָל בעדייטען און זיך צוגערוקט צו איהר:

— וואָס איז, בעססי? ביזט ברוגז?

— אודאי בין איך ברוגז!

— אויף מיר?

— אויף דיר!

— פארוואָס?

— פאר.. דו ווייסט...

— אסור — האָט ער זי אָנגענומען פאר דער גאָמבע.

— דו לאָזט מיך זיצען אזוי לאנג, גען!

— ביזט דאָך געזעסען מיט ליפשיצען?

— ער איז א נאר!

— ביזטו טאקע ברוגז?

— אודאי בין איך ברוגז! — האָט זי אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אָן איהם — כ'וויים נישט וואָס דו האסט געהאט צו רעדען אזוי פיעל מיט מיס מאער? זי איז דאָך דיר א ווילד־פרעמדע?

— ווייל זי איז א פרעמדע איז דאָ וואָס צו רעדען — האָט גרין געשמייכעלט.

— ווען זי וואָלט נישט געווען א מיליאָנער'ס א טאָכטער...

— וואָס? — האָט גרין איהר איבערגעשלאָגען די רייד.

— גאָרנישט...

— שעהם זיך, בעססי! געה, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנד און זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איהר.

ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז ער איז געפּענטעט, חשק געהאַט אין דער זעלבער רגע אויסצורייסען אַלץ מיט'ן וואָרצעל, קיין זאַך נישט צו דערלאָזען, אַבי ער זאָל בלייבען פריי. בעססי האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט אַ האַנד, פערשאַרצט די אויבערשטע ליפּ און געביסען מיט די צוויי ציין די אונטערשטע. די אויגען זיינען ביי איהר פאַרלאָפען און טרערען האָבען זיך געקייקעלט איבער די באַקען. גרין האָט נישט געקענט זעהן קיין טרערען, געפיהלט ווי דער כעס לאָזט נאָך און זיך צוריק צו־גערוקט צו איהר.

— נו, בעססי, באַרוהיג זיך!

— אַז כ'האָב דיך ליעב!

— זאָג נישט, קינד מיינס!

— פאַרוואָס?

— ווייל דיין טאַטע וועט נישט נעמען אַ מלמד פאַר אַן איידעם!

— ער וועט יאָ נעמען!

— ער וועט נישט נעמען!

— וועל איך קומען צו דיר, גוט?

— גוט!

— מיין גרוים אינגעל! ווייסט, ליפּשיץ האָט מיך איינגע־לאַדען כ'זאָל מאָרגען געהן מיט איהם אין סטאַדיום, קאַרוזאָ זינגט, זאָל איך געהן?

— געה, פאַרוואָס נישט?

— און דיך וועט נישט אַרען?

— פאַרוואָס זאָל מיך אַרען?

— און איך וויל ס'זאָל דיך אַרען!

— ביזט אַ נאַרעלע!

— טאָ פאַרוואָס וואָלט מיך געאַרט ווען דו געהסט מיט אַ צווייטער?

— ווייל ביזט אַ נאַרעלע!

— מיין אינגעלע! ווייסט, כ׳האָב זיך טאַקע שטענדיג פאַרגע־שטעלט אַז אַ דיכטער איז אַנאַנדער מענש, טוט נישט די אַלע מיאוסע זאַכען וואָס מיר טון, אמת? הער איין, וואָס איז ליפשיץ, אַ קריטיקער?

— ער איז אַ גאָרנישט!

— וואָס מיינסטו?

— כ׳מיין — האָט גרינען באַנג געטון צו וואָס ער האָט זיך ארויסגערעדט און עס געוואָלט צוריקכאַפּען — ער איז אַ גאַנץ פּע־היגער יונגערמאַן... שרייבט איבער מוזיק... שרייבט לידער אויך, וואָס ווילסטו נאָך?

— ניין — האָט זי זיך געטוליעט צו גרינען — כ׳וועל נישט געהן מיט איהם.

— אַז דו וועסט נישט געהן, וועל איך מיט דיר זיין ברוגז! — האָט גרין זי ארומגענומען.

— כ׳וועל אסור געהן! — האָט זי זיך געפּיעשטשעט.

ער האָט זיך צולאַכט, זי ארומגעכאַפּט, געקושט וואו ער האָט נור געטראָפען. גליקליכע זיינען זיי געזעסען אין דעם האַלב־לעדי־גען זאַל, ביי אַן אָפען פענסטער, נישט באַמערקט ווי פאַרלעך האָבען יעדע ווייל פערבייגעטאַנצט, נישט געזעהען ווי די נאַכט האָט געשפּונען, געשפּונען, פאַרענדיגט דעם שוואַרצען געוועב און דער פריהמאָרגען האָט דאָ און דאָרט זיך גענומען ארויסדריוולען אין העלע שטרייפען.

דער אייגענטימער, אַ פערשלאָפענער, אין אַ לויזען כאַלאַט, האָט יעדע ווייל ארייגעשטעקט דעם קאָפּ, געקוקט צי מען קען שוין פערמאַכען און גערעדט עפּיס צו זיך.

מיט׳ן טאָג זיינען זיי ארוים אויף דער גאַס. ס׳איז געווען שטיל. זיי זיינען געגאַנגען געאַרעמט, מיט פעריסענע קעפּ. אַ

מיטעל־יעהריגער איטאַליענער וואָס האָט צוגענומען די בארעלם מיסט, האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגען, זיי נאָכגעקוקט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּים דערמאָנט, האסטיג אויסגע־לעדיגט א בארעל מיסט אין וואגען אריין, א טרייב געטון ס'פערד און זיך פונאנדערגעפייפט.

## 7.

פרידקין האָט געשפּרייזט איבער'ן חדר און זיך איינגעהערט ווי זיינע תּלמידים זאָגען עברי. און אז די קינדער האָבען זיך צוזונגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, האָט זיך פרידקין אוועקגעזעצט אויף זיין שמאָל און הויך בענקעל און מיט הנאה בעטראכט ווי די חברה מאכען „פּיסקעס“. איהם פלעגט זיך דאכטען, אז דער ברייטביינינגער דזשייק'על, מיט די הערעלעך ביז דעם האלבען שטערען, זעהט פּונקט אויס ווי א ביקעל, און אז ער זאָגט נישט נור ער שלינגט; סעם בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיק, שפּריצט, און אז ס'קומט צו בן בג־בג“, דאכט זיך, אז ער שפּייט אויס די ווערטער; פיליפּ האָט א פּנים ווי א פויגעל מיט אזא לאַנג, דאַר נעזעל און דאָס אינגעל שמייכעלט תּמיד. פרידקינען פאַלט איין, אז ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו מאכען דעם אינגעל וויינען — עס האָט זיך איהם געוואָלט וויסען צי זיין פּנים וועט דעמאָלט אויך שמייכלען. ער האָט גענומען שפּרייזען מיט דער ווירע אין דער האנד און מיט אמאָל זי אראָפּגעלאָזט איבער פּיליפּ'ס הענטיל.

פיליפּ האָט א צאַפּעל געטון, אויסגעשריען „אאוטש“, געכאפּט זיין הענטיל צום מויל און בלאָזענדיג האָט ער זיך צעוויינט. דער גאַנצער קלאַס האָט אויפגעהערט זאָגען און אַלע האָבען מיט הנאה געקוקט, ווי דאָס אינגעל וויינט. פרידקין איז געשטאַנען און בעטראכט פיליפּען. ער האָט געוויינט, זיך פערגאַנגען אַלץ העכער און אין צווייטען צימער האָט דער לעהרער אויך אויפגעהערט צו זאָגען מיט די קינדער — האָט זיך פרידקין עטוואָס דערשראָקען, אז דער פּרעזידענט וואָס האָט זיך געדרעהט אין קאָרידאָר זאָל נישט דערהערען — האָט ער געהייסען אַלעמען

זאָגען מיט אמאָל, אזוי, אז מען זאָל איבערשרייען דעם קינד'ס שטימע. אליין האָט ער צוגעקלאפּט צו'ם טאקט מיט דער ווירע אין טיש, געגלעט פיליפּ'ען ביז ער איז טאקע אנשוויגען געוואָרען.

פרידקינען איז מיט אמאָל איינגעפאלען, אז ער איז א קאָ־מאנדיר און די ג[illegible]ע מזמרים — זיינע זעלנער, מוזען איהם פאָלגען, אָט:

— בי קוויעט! — און דער גאנצער קלאס איז געבליבען שטיל.

— גאָ אהעד! — און אלע זאָגען!

ער האָט געשפּרייזט אַ צופרידענער איבער'ן חדר, געקלאפּט מיט דער ווירע און געזונגען מיט אַ סקאַרבאָווען ניגון:

„— — — מאין באת? מטפה סרוחה! ולאן אתה הולך? למקום עפר, רמה ותולעה!"

און די קולות זיינען געוואָרען אלץ שטארקער, זיך געריסען פון די קינדער'ס מיילער, אָפּגעהילכט אין ענגען צימער און אז מען האָט זיך לאנג איינגעקוקט האָט זיך געדאכט אז פון די גע־שרייען הענגט איבער די קינדער'ס קעפּ אַ שטויביגער נעפּעל.

סידני, אַ בחור'ל פון אַ יאָהר דרייצען, איז געזעסען מיט אַן אָפען מויל, געשאָקעלט מיט די ליפּען, הפּנים אָפּצונארען דעם לעה־רער, אז ער זאָגט, בשעת מעשה געמאכט קייקעלעך פון פּאפּיר, זיי גענעצט אין מויל און געשאָסען אין אנדערע אינגלעך.

פרידקין האָט עס באמערקט, זיך געמאכט נישט זעהענדיג און הינטערווייל'עכס איהם אראָפּגעלאָזט די ווירע איבער די פּלייצעס. דאָס אינגעל איז אויפגעשפּרונגען, אַ געשריי געטון צום לעה־רער: „גראַרי־היר!" — און זיך צעוויינט.

די חברה זיינען מיט אמאָל שטיל געוואָרען, אויפגעשפּרונגען אויף זייערע פּלעצער, ברייט צועפּענט די נייגעריגע אויגעלעך און געמורמעלט:

— קים הים, טיטשער, קים הים!

פרידקין איז געוואָרען ווי פערטויבט פון דער פלוצלונגער

שטילקייט. ער האט זיך פארשעמט פאר'ן קלאס און מיט כעס גענומען שלאגען דעם אינגעל. סידני האט זיך צעקוויטשעט, ארויס פון דער באנק, איינגעקוועטשט די פויסטען, זיך געשטעלט אין א פאזע פון א „פייטער" און זיך פארמאסטען אויפ'ן לעהרער.

פרידקינען האט דאס בלוט א שלאג געטון אין פנים אריין. ער האט געכאפט דאס בחור'ל, איהם אויפגעהויבען, מכבד געווען מיט עטליכע „בענקלעך" אין געזעס אריין, געעפענט די טהיר און מיט איהם ארויס אין קארידאר.

דער גאנצער קלאס איז ארויף אויף די בענק און מיט א ווילדען „הורדא" בעגלייט דעם לעהרער מיט'ן תלמיד.

פרידקין איז צוריק אריין א בלאסער. ער האט חשק געהאט צו צורייסען דעם גאנצען קלאס, געזוכט מיט די אויגען אויף וועמען אויסצולאזען זיין כעס.

די חברה האבען אינסטינקטיוו פארשטאנען, אז איצט איז א געפאהר אנצוהויבען מיט'ן לעהרער, זיינען זיי אלע געזעסען מיט אראפגעלאזטע אויגען און זיך געשטיקט פון געלעכטער. פרידקין האט א קלאפ געטון מיט דער ווירע אין טיש און דער קלאס האט זיך ווידער צושריען.

איהם איז מיט אמאל אלץ נמאס געווארען. דער ענגער קלאס, די שמוציגע פנים'ער פון די קינדער און זייערע ווילדע קולות... ער האט זיך נישט איינגעהערט וואס זיי זאגען, בלויז געפיהלט ווי די קולות מישען זיך אויס, ווי עס גרילצט אין די אויערען, ווי די הייטלעך ציהען זיך אן ביז צום פלאצען — — — און דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער פאר די לעצטע צוועלף יאהר. ער האט פון כעס א רוק ארויף געטון דאס פענסטער, דערזעהן עטליכע יונגע־לייט וואס קוקען מיט ערשטוינטע אויגען ארויף צו איהם, וואונדערען זיך וואס דארט קומט פאר — האט זיך פרידקין פארשעמט, צוגעהאקט דאס פענסטער און אוועק אין א ווינקעל. ער האט געפיהלט ווי די קולות פערטויבען איהם, יאגען אן א שווערע מיעדקייט איבער אלע זיינע גלידער און ער האט זיך צוגעזעצט.

איהם איז מיט אמאָל איינגעפאַלען אז ער איז א מאַראָקער רבי, טראָגט א טורבאַן, זיצט אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך, האַלט א יאַמבוס אין דער האַנד און שרייט, ממית'ט די תלמידים. עס האָט זיך איהם נישט געגלויבט אז דאָס קומט פאָר אין אמעריקא, אז פרידקין מאַכט דאָ אזעלכע קולות, שלאָגט צום טויט די קינדער.

ער האָט דערפיהלט אין קאַרק ווי א פּאָר אויגען קוקען אויף איהם, א ציטער געטון און זיך אויסגעדרעהט. פאַר איהם איז געשטאַנען מיסטער טורש, איינער פון די גרינדער פון דער „היברו־סקוהל". מיסטער טורש, א איד א גביר, איז תמיד געגאַנגען מיט פּאַרלעגטע הענד פון הינטען. ער איז אריין לייכט מיט א פאַררי־סענעם קאָפּ, א שאָקעל געטון צום לעהרער מיט זיין לאַנגער גרוי־ליכער באָרד אזוי קונציג, אז דאָס פּנים האָט זיך נישט בעוואויגען און זיך איינגעהערט ווי די אינגלעך זאָגען, פאַרקוועטשענדיג איין אויג:

— קינדער, „דאָנט קעטש"! — האָט ער זיך געווענדעט צום קלאַס און אליין גענומען מיטזינגען — טראַ — טאַ — טאַ — טאַ. טראַ — טאַ — טאַ — טאַ! — און צוגעקנאַקט מיט א פינגער.

ער האָט געפרעגט א אינגעל די ברכה פאַר „פלוימען־צימעס", געבעטען פרידקינען ער זאָל יעדען טאָג זאָגען מיט די קינדער „ברכות־הנהנין", מעהר אכטונג געבען אויף די „שוא נע און שוא נח'ס" — און געקוואַלען ווי די חברה זאָגען עברי.

פרידקין איז געשטאַנען אין דרייען א געבויגענער, געהאַלטען אויף'ן אויג יעדעם אינגעל, זיך געווישט דעם נאַסען שטערען און געטראַכט אז מען דאַרף עפּעס אריינוואַרפען א וואָרט, לאָז ער נישט מיינען אז פרידקין איז א תם. ער האָט געוואַרט מיסטער טורש זאָל א קוק טאָן אויף איהם, האָט ער געוויזען מיט דער האַנד אויף זיין נאַסען שטערען און הכנעה'דיג א שמייכעל געטון:

— א חמימה — — — —

— האַ, האַ, האַ, — האָט זיך טורש הילכיג צולאַכט — ס'איז קיין עין־הרע דאָ וואָס ס'זאָל וואַרמען! מה־דאָך — האָט ער

אָנגעהויבען מיט א ניגון — די גמרא זאָגט אז פון בלויזען הויך פון קינדער וואָס לערנען ווערט שוין ווארעם, על אחת כמה וכמה — — —

דאָ האָט זיך טורש צופינטעלט, נישט געוואוסט ווי צו ענדיגען די „תורה", א קלאפּ געטון פרידקינען אין דער פּלייצע, זיך פונאנ־דערגעלאַכט און גענומען ארויסגעהן. ביי דער טיר האָט ער זיך א כאַפּ געטון, ווי ער וואָלט עפּיס פארגעסען, זיך אויסגעדרעהט, געשטעלט א טריט און זיך געווענדעט צו פרידקינען:

— מיסטער פרידקין — — —

פרידקין איז אונטערגעלאָפען, מאָדנע געשמייכעלט, ווי ער וואָלט געזאָגט: — איהר דארפט זיך נישט מטריח זיין, מיסטער טורש, אט בין איך!

— מיר האָבען דאָך היינט עפּעס א שטיקעל „מיטינג". דער וועד עמי־הארצים — האָט טורש זיך א כאַפּ געטון מיט דער האנד פאר׳ן מויל, זיך ארומגעקוקט און געשמייכעלט פון דער אייגענער חכמה — כ׳מיין דער ועד־החנוך וויל זיך דורכרעדען מיט די לעה־רער. איהר ווייסט — איז טורש געוואָרען מיט אמאָל ערנסט — מיר געפעלט עס אין גאנצען נישט! וואָס וויל ער, מיסטער שולץ? דער „סיסטעם" געפעלט איהם נישט?

— דאָס זאָג איך דאָך — האָט פרידקין אָנגעהויבען צו שטאמ־לען — אונזער „היברו" איז פּונקט אזוי גוט, ווי „עני" סקול אין „גרייטער־ניו־יאָרק, אלא־מה? עפּעס א לעהרער גרין, וואָס שרייבט ליעדלעך אין די אידישע צייטונגען — — —

— וואָס שרייבט ער? — האָט טורש צוגעלעגט א האנד צום אויער ער זאָל בעסער הערען.

— ליעדלעך שרייבט ער — איז פרידקין געוואָרען דרייס־טער — ער שרייבט אידישע „סאָנגס", וויל ער איינפיהרען מען זאָל לערנען זשארגאָן, ווי כ׳בין א איד!

— טע, טע, טע — האָט טורש פארקוועטשט דאָס רעכטע

אויג און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — אזוי גאָר? נו, מיר וועלען זעהן!

אז טורש איז ארוים האָט פרידקין לייכטער אָפּגעעטהעמט. איהם האָט הנאה געטאָן וואָס ער האָט גרינגען אונטערגעשטעלט א פיסעל. ער האָט זיך אוועקגעזעצט, זיך נישט איינגעהערט וואָס די קינדער זאָגען, עטליכע מאָל פּרובירט א טראַכט צו טון וואָס גרינגען צו ענטפּערען, גאָרנישט געקענט צוטראַכטען און א מיעדער איז איהם אויף'ן זינען געקומען דעם סעקרעטאר'ס טאָכטער, מים קליין. ווער וויים, פיליכט איז עס טאַקע פּאר איהם א שידוך? מען דארף געבען אָנצוהערען דעם סעקרעטאר אז ער וועט זיין ביי איהם אין אבענד, זאָל ער מיינען — — — דערווייל קען ער ביים „מיטינג" אריינוואַרפען א וואָרט, שאָדען קען עס נישט!

פרידקין האָט זיך ארומגעקוקט. דער קלאַס איז נישט גע־ווען רוהיג. טייל אינגלעך זיינען געשטאַנען, זיך געשפּיגען איינער דעם צווייטען אין די פּנים'ער, אַנדערע האָבען זיך געשלאָגען. ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער ווירע און ארויסגערופען א צושראָ־קען, אויסגעשמירט אינגעל, וואָס איז געשטאַנען אויף א באַנק.

— גיב א האנד!

ס'אינגעל האָט געקוקט אויף'ן לעהרער, אויף די קינדער, אויסגעשטרעקט א טרייסלענדע האנד, געצאַטעוועט פרידקין זאָל איהם נישט א קלאַפּ טון און געהאַלטען אין איין כאַפּען די האנד צו זיך.

— וויפעל ווירעם ווילסטו?

דאָס אינגעל האָט צושראָקען געשמייכעלט און געענטפערט:

— גאָרנישט.

פרידקין האָט איהם דערלאַנגט מיט דער ווירע איבער דער האנד און איהם אָנגענומען פּאר אַן אויער:

— וויפיעל צאָהלסטו א וואָך?

— כ'צאָהל נישט.

— ביזט א יתום?

— יעם־מעם!

אלע האבען זיך צולאכט.

— נו פרעג איך דיך — האט פרידקין אנגענומען דעם אינ־געל פאר דער גאמבע — א אינגעל וואס האט נישט קיין טאטע, א יתום, וואס צאהלט ניט קיין שכר־למוד, זאל זיין אזוי שלעכט? ווייסטו אז יעדע מינוט ווען דו ביזט נור שלעכט, ווארפט מען דיין טאטען מיט א שטאפעל נידריגער, אז דיין טוידטער טאטע ליידט איבער דיר, קען נישט ליגען אין קבר, ווייסטו עס?

ס'אינגעל האט זיך פארשעמט און מיט פערלאפענע אויגען ווי א שולדיגער געענטפערט:

— איך זאג יעדען טאג קדיש!

— דאס איז וועניג — האט זיך פרידקין אויסגעגלייכט, הנאה געהאט וואס ער האט איבערגעשראקען דעם אינגעל — אויב דו ווילסט נישט דיין טאטע זאל זיין אין גי־הנום, זיי גוט, טשעפע זיך מיט קיינעם נישט, פאלג דיין לעהרער, דען אז מען האט קיין טאטע, איז דער לעהרער דער טאטע, אז נישט וועט מען איהם בראטען און ברענען — — —

דער קלאס איז געווארען רוהיג. די אינגלעך האבען זיך איינגעהערט און יעדען איז אויפ'ן זינען געקומען אנאנדער מעשה וועגען טוידט, וואס ער האט געהערט פון זיין מוטער. אלע האבען געקוקט אויף'ן אינגעל, רחמנות געקראגען וואס ער האט קיין טאטע, און זיך געשושקעט.

א צופרידענער וואס ער האט אזוי איבערגעשראקען דעם קלאס, האט פרידקין זיך צוגעזעצט, ארויסגענומען דאס זייגעריל — נאך א פיערטעל שעה.

די טיר האט זיך פלוצלונג אויפגעפראלט און א דארע, שוואר־צע אידענע, ווי א שד, איז אריין. נאך איהר האט זיך נאכגע־שארט, אונטערשפרינגענדיג אויף איין פיסעל, דער געלער סידני מיט א לאכענדיג, גנבה'יש אויגעל.

די אידענע האט אראפגערוקט דאס טיכעל פון קאפ, גענומען

איהר גע̄ל בחור'ל פאַר דער האַנד און זיך געווענדעט צו פרידקינען מיט אַ מענה־לשון:

— דו ביזט דאָס זיין רבי? דו ווערסט דאָס שלאָגען מיין קינד, אַזאַ שוואַך קינד, אַז דערשלאָגען זאָלסטו ווערען? זעה נור, זעה, אין אַמעריטשקע ווערט דאָס אַ מלמד?! אַזאַ יון! אַזאַ גאַלע־מאָרדע! אַ גליק וואָס „מיינער" איז נישט אין דער היים, אַז נישט וואָלסטו זיך אַ וויסט יאָהר אויסגעריכט!

פרידקין איז געשטאַנען אַ צוטראָגענער, נישט געוואוסט וואָס צו טון, געקוקט אויף דער דאַרער אידענע, אויף איהר שמד'לניק סידני'ן, ווי ער האָט אונטערגעוואונקען צו דער חברה מיט אַן אויגעל — — —

און די אידענע האָט ווייטער געשריען:

— אַ חטא, סידני האָט נישט געוואוסט וואו ער האַלט! וועט ער נישט זיין קיין רבי, בין איך ווייטער בדלות! מען שלאָגט נישט היינטיגע צייטען, ס'איז נישט יוראָפּ!

פרידקין איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען, זיך געטריי־סעלט:

— אַרויס פון דאַנען, מכשפה!

באַלד איז אַריין דער סעקרעטאַר און אַלע זיינען אַרויס פון קלאַס.

אַז פרידקין איז צוריק אַריין, זיינען שוין די קינדער נישט גע־ווען. ער האָט דערזעהן אויפ'ן ברעט, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנד, אַן אויסגעמאָלטען מענש מיט אַ שישקע אויף דער נאָז. אונטער'ן מענש איז געשטאַנען אויפגעשריבען: „פּראָפעסאָר פריד־קין". פרידקין האָט אַ ביטערען שמייכעל געטון, אָפּגעמעקט זיין נאָמען, גענומען דעם שטעקען און איז אַראָפּ אין שוהל צום „מי־טינג".

## — 8 —

אַז פרידקין איז געקומען צום מיטינג זיינען שוין אַלע געווען אין שוהל. די שוהל איז געווען קוים בעלויכטען. בלויז צוויי גאַז־רעהרען האָבען געברענט אויף דער מזרח־וואַנט, וואו דער „ועד־החינוך" מיט די לעהרער זיינען געזעסען און געוואַרט אויף פרידקין'ען. די קליינע שוהל, מיט דער ווייסער געוואַשענער פאָדלאָגע, וואָס האָט אַזש געפינקעלט פון ווייסקייט, מיט די לעדיגע, שטומע בענק, ווי אויף זיי וואָלט קיינמאָל קיינער ניט געזעסען, אַלץ האָט געווירקט, אַז יעדער איינער, ווער ס'איז אריינגעקומען אין דער שוהל, האָט גענומען געהן פּאַמעליכער, גערעדט שטילער, זיך איינגעהערט אין זיין אייגען קול, אַזוי פרעמד האָט עס אָפּגעקלונגען.

פרידקין האָט זיך פערלוירען, עפּעס אַ שאָקעל געטון צום פּרעזידענט מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט איהם באַגריסט און זיך געזעצט אויפ'ן ערשטען לעדיגען אָרט.

— אויף וואָס וואַרט איהר, רבותי? — האָט טורש מיט אַ שמייכעל צונומען זיין לאַנגע באָרד.

— טאַקע אויף וואָס? — האָט גאַנז, אַן עלעגאַנט אידעל, געהאַלטען אין איין דרעהען זיין בריליאַנטען פינגעריל, וואָס האָט זיך געצונדען אין גרין־בלויע רויט, — מיר קענען דאָך אָנהויבען!

דער פּרעזידענט האָט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט וויסען צי אַלע זיינען שוין דאָ, זיך פערלוירען און געוואָרען בלאַס, ווי איינער וואָס געהט ס'ערשטע מאָל רעדען פאַר אַ פּובליקום. ער האָט זיך אַ וויש געטון מיט אַ טיכעל דאָס מויל און אָפּגעהוסט:

— כ'מיין — — אַלע ווייסען צו וואָס מיר זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען... מיר, דער „ועד־החנוך" — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנד און געוויזען אויף טורשען און גאַנזען — זעהען

איין אַז אונזער סקול פיהרט זיך נישט ווי עס בעדאַרף צו זיין — — — איך וויל דאָ חס וחלילה קיינעם נישט בעשולדיגען, איך מיין מיר דאַרפען זיך דורכשמועסען און טאַקע פרעגען ביי די לעהרערס, זיי פאַרשטעהען זיך אויף „חנוך" בעסער ווי מיר און צו־זאַמען אויסאַרבייטען עפּיס אַ נייעם „סיסטעם", וואָס זאָל בעסער־אַרבייטען.

דער פּרעזידענט האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערען, ווי ער וואָלט אָפּגעטון אַ שווער שטיקעל אַרבייט און געוואַרט עמיצער זאָל זיך אָנרופען. עס איז געוואָרען שטיל. די לעהרער זיינען געזעסען ערנסטע, געטראַכט וואָס צו זאָגען. ס'האָט זיך בלויז גע־הערט דאָס קלאַפּען פון וואַנד־זייגער, וואו פון דער שויב האָבען אַ מתנה פון פּרעזידענט נאָך זיין פערשטאָרבענער מוטער.

— נו, מיסטער פרידקין — האָט טורש זיך געווענדעט צום פּרינסיפּעל — וואָס שווייגט איהר?

— מיסטער פרידקין איז דאָ לענגער פאַר אונז אַלעמען, — האָט גרין זיך אָנגערופען — איז טאַקע אינטערעסאַנט צו הערען זיין מיינונג!

— איך — האָט פרידקין גענומען שטאַמלען און געבלאָזען די באַקען ווי ער וואָלט עפּיס געקייעט — כ'ווייס נישט פאַרוואָס איהר האָט אַלע מיט אַמאָל געוואָרפען אַן אומ'חן אויף אונזער אָראָפּגעקוקט גרויסע גאָלדענע אותיות: מרת חיה שולץ, נ"ע, סקול — — — —

— הייסט עס מיסטער פרידקין איז צופרידען מיט דער סקול ווי זי איז — און דער פּרעזידענט האָט זיך געווענדעט צו וואַקס־מאַנען — וואָס זאָגט איהר?

וואַקסמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אַן אָנגעלאָדענער, גרייט אויסצושיסען. דער שטייפער קאַפּעליוש פערשאַרצט און די קורץ־געשוירענע האָר האָבען זיך ביי איהם אויפגעשטעלט, ווי זיי וואָלטען געווען עלעקטריזירט. גלייך ווי ער האָט דערהערט זיין נאָמען, האָט ער אַ רוק געטאָן דעם קאַפּעליוש, אויסגעצויגען

דעם דאָרען האָלז, ווי ביי אַן אָפּגעצופּטען האָהן, אויסגעמיטען אַלע־מענס בליקען און אריינגערעדט אין פּרוכת:

— ווי די סקול פיהרט זיך איצט, איז זי אַ דורכפאַל, פּונקט אַזאַ דורכפאַל ווי הונדערט אַנדערע סקולס איבער׳ן גאַנצען לאַנד! אונזער סקול איז אַ נאָכקרימעניש נאָך די אַסימילאַטאָרישע סקולס. דאָרט לערנט מען קאַטעכיזם, ביי אונז — ברכות, אַ שטיקעל חומש און אין דעם באַשטעהט דאָס גאַנצע ביסעל אידישקייט!

ער האָט זיך פאַרקרעקט. עס האָט אויסגעזעהן ווי אַלע גע־דאַנקען האָבען זיך ביי איהם מיט אַמאָל אַ שפּאַר געטון אין האַלז אריין און איהם נישט געלאָזט ווייטער רעדען. ער האָט אַ פינטעל געטון מיט די אויגען און פאַרטגעזעצט:

— וואָס דאַרפט איהר מעהר? אונזער סקול עקזיסטירט שוין איבער צוואַנציג יאָהר און איך וועל געבען פינף דאָלאַר אויפ׳ן נאַציאָנאַל פאַנד, אויב איהר וועט געפינען אַ אינגעל אַ יאָהר נאָכ׳ן ענדיגען, וואָס זאָל קענען, נישט קיין סך, בלויז אַ פּרשה חומש! איהר וועט עס נישט געפינען! טאָ צו וואָס, פרעגט זיך, דאַרפען מיר די „היברו־סקול"? עס איז דאָך אַרויסגעוואָרפען אייער צייט, אייער מיה, — האָט וואַקסמאַן געטייטעלט מיט אַ פינגער אויפ׳ן „ועד־החנוך" — אַ שאָד אידיש געלד און דער עיקר — האָט ער געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין אַ צופּעטענטער האַנד, געשני־רעלט דעם שטערען, אָפּנים געזוכט אַ פּאַסיג וואָרט — איהר וועט עס דאָך תמיד האָבען אויף אייער געוויסען, וואָס איהר האָט גע־מאַכט פון אידישע קינדער גוים!

וואַקסמאַן איז געבליבען שטעהן אַן אויסגעלעדיגטער, ווי ער וואָלט אַלץ פון זיך אַרויסגעשאָטען, נישט געוועזן צופרידען וואָס דער געדאַנק איז ביי איהם פערלאָפען אויף אַ פריהער און געזוכט איהם צוריקצוכאַפּען.

בשעת וואַקסמאַן האָט זיך געקאָכט, האָט טורש צונומען די באָרד מיט די פינף פינגער פון זיין לינקער האַנד און געשמייכעלט:

— טאָ וואָס איז אייער עצה?

— מיין עצה — האָט וואַקסמאַן איבערגע׳חזר׳ט די צוויי ווערטער עטליכע מאָל — יעס, מיר דאַרפֿען אין גאַנצען אויפגעבען דעם אַלטען פּראָגראַם און אָנהייבען צו לערנען „עברית-בעברית". ווען אַ אינגעל וועט פאַרשטעהן וואָס ער זאָגט, וועט ער שוין במילא קענען „עברי", וועט ליעב קריגען זיין שפּראַך, וויסען וואָס אַ איד איז און אַז ער וועט ענדיגען די סקול וועט ער אין אַ חודש אַרום נישט פאַרגעסען וואָס ער האָט געלערנט. נאָך אַמאָל, מיין פּלאַן איז מען זאָל איינפיהרען אין אַלע קלאַסען פון ערשטען ביז דעם לעצטען „עברית-בעברית".

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, געפּיהלט, אַז ער האָט אַ הונדערטסטעל נישט אַרויסגעזאָגט, אַז די געדאַנקען האָבען זיך ביי איהם אויסגעמישט און דעם עיקר האָט ער דורכגעלאָזט. אַן אויסגעמאַטערטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, אַ קוק געטון אויף זיינע צוויי חברים — ראָזען און מיללער — געזעהן ווי זיי זיינען צופרידען מיט איהם, האָט ער זיך אַביסעל בערוהיגט. בשעת וואַקסמאַן האָט גערעדט האָבען ראָזען מיט מיללערן אָנגעקוואָלען און געקוקט פון איין פּנים אויף׳ן צווייטען צו זעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳מאַכען אַזעלכע קלאָרע, קלוגע רייד, ווי זייער חבר רעדט. זיי האָבען זיך יעדע ווייַלע אָנגעשטויסען מיט די עלענבויגענס, זיך איבערגעקוקט און מען האָט געזעהן בחוש, אַז די צוויי בחורים ווערען ברייטער פון פרייד, אַזוי צופרידען זיינען זיי געווען וואָס וואַקסמאַן רעדט. און אַז ער האָט זיך אויסגערעדט פאַר עברית-בעברית זיינען זיי אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— יאַ, יאַ, וואַקסמאַן איז גערעכט!

— הייסט עס — האָט דער פּרעזידענט רעזומירט וואַקסמאַנס דרשה — איהר זייט דערפאַר מען זאָל לערנען „עברית בעברית" — און ער האָט זיך געווענדעט צום סעקרעטאַר, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך גע׳חדוש׳ט, וואָס אַ יונגערמאַן ווי וואַקסמאַן זאָל זיין אין אַמעריקאַ אַזוי פאַנאַטיש און ווילען ריידען לשון קודש — מיסטער קליין, פאַרשרייבט וואָס וואַקסמאַן זאָגט!

— מיר שיינט — האָט גאַנז זיך אָנגערופען אַן אונגעדול־דיגער — אַז מילער און ראָזען זיינען איינשטימיג מיט וואַקס־מאַנען.

— דאָס הייסט — האָבען זיך ביידע מיט אַמאָל אויפגע־שטעלט און גענומען רעדען צוזאַמען — נישט אין אַלע פּרטים גלייכען מיר זיך אוים, נור ס'מאַכט נישט, איהר מעגט פאַרשרייבען אַז מיר זיינען איינשטימיג מיט איהם.

— און איהר, מיסטער גרין — האָט דער פּרעזידענט ליעבליך אַ שמייכעל געטון — זייט איהר איינשטימיג מיט מיסטער וואַקס־מאַנ'ס פּלאַן ?

גרין האָט זיך געביסען די נעגעל, כמעט זיך נישט איינגעהערט וואָס זיינע קאָלעגען רעדען, געוואוסט אַלע זייערע טענות אויף אויס־ווענינ און געטראַכט ווער ס'איז שעדליכער פאַר די תלמוד־תורות: צי די פּרידקינס, צי די וואַקסמאַנס ? ער האָט זיך איינגעקוקט אין פּרעזידענט און געענטפערט:

— איך בין נישט איינשטימיג מיט וואַקסמאַנען !

— וואָס איז אייער פּלאַן ? — איז גאַנז אריין אין דער מיט.

— כ'בין זיכער, אַז איהר וועט מיין פּלאַן נישט אָננעמען, — האָט גרין געלאַסען אָנגעהויבען און פאַרלעגט אַ פוס אויף אַ פוס. — פונדעסטוועגען וועל איך אייך בעטען, איהר זאָלט מיך אויסהערען.

— בכבוד גדול, רעדט ! — האָבען זיך עטליכע מיט אַמאָל אָנגערופען.

גרין האָט עטליכע מאָל זיך אַ ביס געטון אין דער אויבערשטער ליפּ, ווי ער וואָלט אַזוי ר'נאָך זיך געוואָלט דעם ענין קלאָרער מא־כען און פאָרטגעזעצט:

— אַז דאָ האַנדעלט זיך נישט צי מען וועט לערנען עברית־בעברית, צי עברית־באנגלית, די צרה ליגט טיעפער ! די קינדער האָבען פיינט די „היברו סקול" ! ס'איז ביי זיי אַן אָפּקומעניש ! זיי געהען אהינצו, ווייל זיי האָבען מורא פאַר די עלטערען. די גאַס, די פּאָבליק־סקול, אַלץ ארום איז געגען אידישקייט, פּרעגט זיך,

וואָס האָבען די „היברוס" געטון אום צו קענען קאָנקורירען מיט
דער אמעריקאַנער גאַס, מיט דער אמעריקאַנער פּאָבליק־סקול? איך
זעה, איהר שמייכעלט, נו טאַקע, ס'איז דאָך אפילו שווער זיך פאַר־
צושטעלען די „היברו" זאָל קאָנקורירען מיט דער גרויסער אמערי־
קאַנער פּאָבליק־סקול, מיט דער רוישענדער גאַס, וואָס בלענדט,
שלינגט איין פאַר אונזערע אויגען הונדערטער מענשען יעדען טאָג,
טוט זיי איבער, קראַצט זיי אָרום, גיט יעדען א שטיקעל גומע צו
קייען און שפּייט אויס פאַרטיגע אמעריקאַנער. די זאַך איז אָבער
נישט אזוי. ווען איהר וועט זיך צוקוקען אביסעל טיעפער, וועט
איהר באמערקען, אז די גאַס האָט אונז אלעמען פאַרבלענדט. אי־
בער נאַכט קען מען פון דער אייגענער הויט נישט אַרויס. אפילו
איינער, וואָס איז דאָ געבאָרען געוואָרען, דורכגעמאַכט פּאָבליק־
סקול, איז נאָך נישט אַן אמעריקאַנער! ס'מוז נעמען דורות אז א
איד זאָל זיך פאָלשטענדיג אמעריקאַניזירען! הייסט עס, אז די
גאַס, די פּאָבליק־סקול ווירקען אויסערליך. ס'איז אַן אויסערליכער
דרוק און א געגענזייטיגער דרוק וואָלט איהם לייכט געקענט באַ־
זייטיגען. און דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס די „היברוס" דאַרפען
אויפטון, איינפלאַנצען אין די קינדער ליעבע צו אלעס וואָס איז
אידיש! וואָס זאָג איך, איינפלאַנצען, דאָס האָבען שוין די מוטערס
געטון. מען דאַרף די ליעבע צו אידישקייט ענטוויקלען, זעהן זי
זאָל נישט אָפּשטאַרבען. די היברו סקול האָט געדאַרפט זיין די
קייט, וואָס פאַרבינדט די עלטערען מיט'ן קינד — דערווייטערט זי
נאָך דאָס קינד פון די עלטערן. אין אלע „היברוס", כמעט אָהן אויס־
נאַם, שעהמען זיך די קינדער מיט אידיש, מיט א אידישען נאָמען;
הערט מען דאָס וואָרט „משה", לאַכט מען פּונקט אזוי אין די פּויס־
טען און מען קרומט איבער, ווי פּאָליאַקען, ווען זיי דערהערען דאָס
וואָרט „מאָשעק". פרעגט זיך, וואָס האָבען די „היברוס" געטון זיי
זאָלען די אלע מכשולים אוועקנעמען, זיי זאָלען דערנעהנטערען דאָס
קינד צו די עלטערען? גאָרנישט! מיט זייער שלעכטען ענגליש
האָבען זיי דאָס לעצטע שטריקעל איבערגעריסען, אוועקגענומען ביי

די קינדער דעם רעספּעקט צו די עלטערען, וואָס רעדען נישט קיין ענגליש (און דאָס זיינען דאָך כמעט אַלע טאַטעס, וואָס שיקען זייערע קינדער אין די „היברוס“), און דער סוף איז, אז זיי, די קינדער, וואַקסען קיין גוים אויך נישט, ס'וואַקסט עפּעס א הויקער אויפ'ן אידישען קערפּער, א קאַלטון, וועלכען מיר האָבען נאָך קיינמאָל ניט געהאַט.

גרין האָט אָפּגעווישט די בלעזלעך פון די ליפּען און ווייטער גערעדט:

כ'וועל אייך דערצעהלען א פאַל, און אזעלכע פעלע וועט איהר געפינען יעדען טאָג אין יעדער „היברו־סקול“, וועט איהר זעהן, אז אונזערע סקולס זיינען געגען אידישקייט. איך האָב עס אליין בייגעוואוינט. פאַר פסח, ווען מען לערענט די פיער־קשיות אין ענגליש, איז געקומען א אינגעל צום לעהרער און געבעטען ער זאָל מיט איהם לערנען די פיער קשיות אויף אידיש. זיין פאָטער — האָט ער גע'טענה'ט, — פארשטעהט נישט קיין ענגליש. דער לעהרער האָט נישט געענטפערט. און אז ס'איז געקומען דאָס אינגעל זאָל זאָגען די פיער קשיות, האָט ער א באַליידיגטער געענטפערט, אז ער וועט נישט זאָגען. ער וויל נישט לערנען די פיער קשיות אויף ענגליש, ער וויל אויף אידיש. — האָט דער לעהרער מיט'ן פּרינסיפּאַל דעם אינגעל גוט צושלאָגען. און וואָס מיינט איהר איז געווען דער סוף? ס'אינגעל האָט נישט געזאָגט, געווען זעהר אַן איינגעשפּאַרטער. פרעגט זיך—וואָס טראַכט זיך אזא אינגעל, ווען דער כעס געהט איהם איבער? אז זיין פאָטער איז עפּעס א ווילדער מענש, רעדט א לשון וואָס אַלע שעהמען זיך דערמיט. דערצו געהאַט מסתמא א פארשטערטען יום־טוב. ביים סדר האָט ער זיך געווים דערמאָנט אָן די קלעפּ, זיין מח'ל האָט ניט באַגריפען פאַר וואָס מען האָט איהם געשלאָגען און מעהר ווי א שנאה צו דער „היברו“ האָט ביי איהם נישט געקענט בלייבען. אזא זאַך — האָט גרין זיך געקלאָגט — וואָלט נאָר געקאָנט פּאַסירען אין

פּאָזען, וואו דייטשען לאָזען נישט די פּוילישע קינדער אפילו דעם קאַטעכיזם לערנען אויף פּויליש!

גרין איז אַנשווייגען געוואָרען. אַלע האָבען געמיינט אַז ער האָט געענדיגט. וואָקסמאַן האָט געהויבען מיט די אַקסלען, אָנגעקוקט די חברים און זיך אַ פרעג געטון:

— און וואָס איז מכוח העברעאיש?

— איך בין געגען עברית־בעברית — האָט גרין געענטפערט —ווייל ס'אידיש לעבען דאָ איז געגען דעם. אין ארץ ישראל איז פיליייכט אַ פּלאַץ דערפאַר, נאָר דאָ, איז עס אַ דורכפאַל. דער בעסטער בעווייז איז, אַז אין די עטליכע ניו יאָרקער „עברית־בעברית" שוהלען ענדיגען יעהרליך גאַנצע פינף קינדער און דאָס זיינען כמעט אַלע קינדער פון „כלי־קודש", וואָס וואָלטען אָהן די שוהלען אויך געלערענט העברעאיש.

דאָס איז אַ פאַקט, אַז וואו מען לערנט נישט קיין אידיש, הערט מען במילא אויף צו לערנען העברעאיש און וואו מען האָט פאַרביטען אידיש אויף דער לאַנד־שפּראַך, איז פון העברעאיש און אידישקייט קיין זכר געבליבען. מיר דאַרפען לערנען מיט די קינדער אידיש. יעדעם אינגעל וואָס קומט אין דער „היברו" קען אידיש, פאַרשטעהט וואָס מען דערצעהלט איהם. די מוטער האָט איהם איינגעוויגט אין אידיש, איהם געקושט און געשלאָגען אין אידיש, איהם דערצעהלט פון זיידען און עלטער־זיידען אין אידיש... מאָדנע, כמעט יעדעס אידיש קינד אַז ס'קומט אָן אין דער „היברו" איז עס אָנגעזאָפּט מיט פאָלק־לאָר, גלייך ווי ער הערט שלמה'ס נאָמען, ווייס ער אַלע מעשות, וואָס זיין מוטער האָט וועגען איהם געלייענט אין טייטש־חומש און אין דער „היברו" פאַרגעסט ער עס. ווען די לעהרער וואָלטען מיט איהם געלערענט אידיש, וואָלט ער עס במילא ליעב באַקומען, דען ס'איז דאָך אין זיין בלוט און וואָלט זיך נישט נאָר געשעמט מיט זיין טאַטע־מאַמע, נאָר...

דאָ האָט זיך גרין אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט

ווי צו ענדיגען, געקלערט א ווײַלע און א מאך געטון מיט דער האנד:

— אין קורצען, איך מיין מען זאָל לערנען דאַווענען, ברכות, קדיש אין העברעאיש און אויב אפילו דאָס קינד פאַרשטעהט נישט, מאַכט אויך נישט אויס, דאָס איז ביי אונז א קולט, פּונקט ווי קרבנות אַמאָל ביי אידען! מען האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס מען ברענגט קרבנות, דער זין איז געווען דעם עולם פרעמד, ס׳האָט אָבער גאַנץ געמאַכט דאָס אידישע לעבען, איהם געגעבען אַן אינהאַלט. די איבריגע צייט דאַרף מען אָפּגעבען אויף אַנדערע לימודים און אַלע זאַלען ווערען געלערנט אין אידיש.

גרין האָט זיך אַוועקגעזעצט. טורש און גאַנז האָבען די אויגען נישט אַראָפּגעלאָזט פון איהם און ס׳איז שווער געווען צו זאָגען צו זיי זיינען איינשטימיג מיט איהם, צי זיי קוקען איהם אַן ווי א משוגענעם. וואקסמאַן האָט אויפגעהויבען א האנד — געהייסען האָט עס ער פאַרלאַנגט א וואָרט. אז דער סעקרעטאַר האָט פאַרשריבען גרין׳ס פאָרשלאַג האָט דער פּרעזידענט זיך אַנגערופען:

— מיסטער וואקסמאַן האָט ס׳וואָרט!

וואקסמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, קרענקליך געשמייכעלט און ס׳האָט אויסגעזעהן אז מיט׳ן שמייכעל אליין וויל ער מבטל מאַכען גרין׳ס טענות. דאָס מאָל האָט ער געקוקט אויף גרינען, עטליכע מאָל אָפּגעהוסט און אָנגעהויבען:

— ס׳וואונדערט מיך, ווי מיסטער גרין האָט גאָר געקענט מאַכען אזא פאָרשלאַג? אונזער יחוס איז אביסעל עלטער פון טייטש־חומש! צי וואָס אָנהויבען מיט׳ן „צאינה־וראינה״, אז מען קען אָנהויבען מיט אברהם אבינו?

— גוט, גוט! — זיינען מיללער מיט ראָזענען אויפגעשפּרונגען, שטאַרק צופרידען מיט וואקסמאַן׳ס פאַרגלייך און הנאה געהאַט וואָס דער „ועד החנוך״ שמייכעלט.

— מיסטער גרין טענה׳ט — האָט וואקסמאַן א צופרידענער פאָרטגעזעצט—אז זשאַרגאָן וועט דערנעהנטערן ס׳קינד צום פאָטער,

אויב אַזוי, איז אין לדבר סוף! וועט שפּאַנאָליש דערנעהנטערן דעם ספּרד׳ישען קינד מיט זיינע עלטערען, ענגליש — דאָס ענגלישע און אַזוי ווייטער. פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָל עפּעס זשאַרגאָן האָבען די בכורה? מיסטער גרין וויים פּונקט אַזוי ווי איך דאָס צייט מיר זיינען אין גלות, האָבען מיר שוין נישט אויף איין שפּראַך גערעדט און זיי אַלע זיינען פאַרגעסען געוואָרען, פּונקט אַזוי וועט מיט דער צייט פאַרגעסען ווערען זשאַרגאָן! וואָס רעד איך, אין אַמעריקאַ איז זי שוין טוידט! די גאַנצע יוגענד רעדט נישט און שעמט זיך מיט זשאַרגאָן.

— דאָס טענה איך דאָך — האָט זיך גרין אָנגערופען.

— אָט דאָס זעהט איהר, יאָ — האָט וואַקסמאַן זיך נישט אָפּגעשטעלט — די אַלע אוצרות וואָס אידען האָבען געשאַפען אין פרעמדע שפּראַכען און דער נאָך זיי איבערגעטראָגען אין העברעאיש... דאָס וועט פיליכט זיין מיט זשאַרגאָן אויך, כאָטש כ׳זעה נישט ס׳זאָל זיין וואָס איבערצוטראָגען? — האָט ער אַ שמייכעל געטון — אָבער נעמען זשאַרגאָן פאַר אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, דאָס איז אַן אונזין! דאָס ווידער, וואָס מיסטער גרין שלאָגט פאָר, מען זאָל לערנען דאַוונען און ברכות אין העבראַיש, פאַרשטעה איך נישט וואָס ער מיינט דערמיט.

ווען וואַקסמאַן האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָבען אַלע געקוקט אויף גרינען, געוואַוען זיכער, אַז ער וועט איהם ענטפערען. גרין איז געזעסען, די פּערלענטע הענד אָנגעשפּאַרט אָן די קניהען, כמעט זיך נישט צוגעהערט וואָס וואַקסמאַן האָט גערעדט און געטראַכט אַז מען דאַרף איהם נישט ענטפערען, די רייד זיינען אַרויסגעוואָרפען. עס רעדט אַ מענש וואָס זעהט לחלוטין נישט וואָס עס טוט זיך אונטער זיין נאָז, חלום׳ט וועגען די אַלטע העברעער וואָס האָבען איינגענומען יריחו מיט שופר׳ס. נישט נאָר מיר — איז גרינען איינגעפאַלען — נאָר אפילו די חכמי התלמוד האָבען שוין מיט די אַלטע העברעער קיין שיכות געהאַט. עס איז איהם מיט אַמאָל שטאַרק אומעטיג געוואָרען. ער האָט זיך געוואונדערט ווי נאָך האָט ער

א מינוט צוריק געקענט רעדן מיט אזא זיכערקייט וועגן אידיש? ער האָט דאָך פּונקט אזוי פיינט געהאַט אידישיסטן, ווי ער האָט פיינט געהאַט העברעער, געוואוסט, אז אין אמעריקא איז עס א „ביזנעס". סיי דער אידישיסט, סיי דער העברעער האָבן ניט קיין ליעבע צו דער זאַך, האַנדלען מיט זייערע אידעאַלען ווי מיט צוגעלעגענע באַנאַנעס. אין אמעריקא שפּיעלט דער יחיד קיין ראָליע נישט. קומען זיך צונויף צעהן מענשען גרינדעט מען א סאָסייעטי, א יוניאָן, א פּאַרטיי, מען פּאַרטרעט עמיצען! פּונקט אזא מסחר געהט דאָ אָן מיט העברעאיש און אידיש. מעהר נאָך מיט העברעאיש. אין נאָמען פון אידענטום קאָנקורירט מען איינער מיט'ן צווייטען, מען שטעלט זיך ניט אָפּ פאר קיין זאַך, אַלץ איז כשר, מעג אפילו דאָס אידענטום אונטערגעהן, אבי א פּאָר כלל־פּאַרזאָרגערס זאָלען זיך ארויסשטופּען אין דער עפענטליכקייט. ער האָט געקוקט אויפ'ן „ועד החנוך". דער פּרעזידענט — א געוועזענער משכיל, אליין געשריבען „שירים", איצט א ביזנעסמאַן, די געשעפטען געהען גוט, בעקאַנטע זיינען ציוניסטען, גיבען זיך אָפּ מיט „חנוך", דאַרף מען אויך באַלאַנגען אהין. גאַנז — אַן אמעריקאַניזירטער, רעדט מעהרסטען ענגליש, וויים אז מען דאַרף דאָס אידענטום רעפּאָרמירען, אידיש איז עפּעס א פּרעמדע מכה, וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים און כמעט אַלץ וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט טויג נישט, דאַרפען מיר זעהן איבערטוישען אידיש אויף ענגליש. גרין האָט געקוקט אויף גאַנזען ווי ער איז אומגעדולדיג, האַלט אין איין דרייען דאָס בריליאַנטענע פינגעריל, קוקט מיט בטול אויף די לעהרער און איהם איז איינגעפאַלען אז אין דער היים וואָרט מען מסתמא אויף איהם מיט'ן „פּאָקער". בלויז דער אַלטער טורש איז גרינגען געפעלען. א פּשוט'ער איד, איז אין כעס וואָס אידען פאַרדרעהען זייערע נעמען, בעגרייפט נישט אז אידיש איז א פּרעמדע שפּראַך. וואָס הייסט זיין געגען אידיש? אמת, העברעאיש איז ביי איהם הייליג, וועגן אידיש אָבער טראַכט ער נישט, פּונקט ווי ער טראַכט נישט וועגן זיין געזונטען מאָגען, ס'איז אין איהם,

ס'איז אַ שטיק פון זיין לעבען. גרינען איז אַ רחמנות געווען אויף'ן גרויען איד, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט, נישט פאַרשטאַנען זיינע, גרינ'ס טענות און נאָך וועניגער פאַרשטאַנען וואָס וואַקסמאַן האָט גערעדט.

— איהר ווילט אַ וואָרט? — האָט דער פּרעזידענט זיך גע־ווענדעט צו פרידקינען וואָס האָט געהאַלטען איין פינגער אין דער לופטען.

— כ'וויל באַמערקען — האָט פרידקין זיך פאַרלוירען — אַז אויב אַפילו מיסטער גרין'ס פּלאַן זאָל זיין אַ גוטער, אין וואָס כ'בין איבערצייגט אַז נישט...

— מיט וואָס זייט איהר איבערצייגט? — האָט איהם גרין איבערגעהאַקט די רייד, באַלד חרטה געהאַט קוקענדיג אויף זיין אי־דיאָטיש פּנים, געהאַט פאַראיבעל אויף זיך אליין, צי וואָס ער האָט זיך נאַריש געמאַכט און פאַרמישט מיט זיין פּלאַן אַזאַ קאַשע.

פרידקין האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, איהם אָנגע־קוקט און אָנגעהויבען צו שטאַמלען:

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? אַז מען האָט מיר איבער־געהאַקט די רייד! יאָ. כ'מיין דער פּלאַן וועט נישט קענען אָנגע־ווענדט ווערען אין דער פּראַקטיק. די קינדער וועלען די „טיטשערס" די קעפּ אָראָפּדרעהען, ווען זיי וועלען הערען אַז מען לערענט חומש אין זשאַרגאָן. אַזוי איז אויך שווער צו האַלטען אַ קלאַס, ווי נאָך ווען מען וועט פאַרטייטשען אין זשאַרגאָן?

— ווער איז אייך שולדיג אַז איהר קענט נישט האַלטען אַ קלאַס? — איז טורש איהם אַריין אין די רייד — מען האָט אונז אויך פאַרטייטשט דעם חומש אויף אידיש, נו, דעריבער? כ'פאַר־זיכער אייך אַז מיר האָבען מעהר דרך ארץ געהאַט פאַר'ן אַלטען מלמד, ווי די קינדער דאָ האָבען דרך־ארץ פאַר אייער ענגליש.

פרידקין האָט זיך פאַרשעהמט און אָוועקגעזעצט. דער עולם האָט געשמייכעלט.

מיסטער גאנז האט ארויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער, א שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ און אונטערגעטראָגען דעם זייגער דעם פּרעזידענט.

— טאַקע שפּעט! — האט דער פּרעזידענט מעכאניש אויך א קוק געטון אויף זיין אייגענעם זייגער און זיך געווענדעט צו גרינען —כ'וועל אייך זאָגען, ביי מיר האט איהר אפילו געפּועלט, מיסטער גרין. אייער פּלאַן איז נישט קרום. כ'פארשטעה אז אידיש לערנען וואלט דערנענטערט דאָס קינד צו די עלטערען, כ'מיין אז מען זאָל פאַרטייטשען דעם חומש אויף אידיש, נאָר איהר ווייסט דאָך אז מיר זיינען נישט די איינציגע בעלי־בתים, פאראַן נאָך דירעקטאָרען וואָס שטיצען די סקול, און אז זיי וועלען עס הערען, וועט ווערען א גיצעקו. פּיעל, בין איך זיכער, וועלען זיך אפּזאָגען פון דער סקול, מען דאַרף אַלץ נעמען אין אנבעטראכט, נישט געאיילט זיך — האט דער פּרעזידענט געצויגען די ווערטער און זיך געווענדעט צו גאַנזען — וואָס זאָגט איהר, מיסטער גאַנז?

גאנז האט זיך אויפגעשטעלט, ווי צום געהן, פארריכט דעם לאַנגען שניפּס, פארקנעפּעלט דעם ראָק אויפ'ן אונטערשטען קנעפּעל און איהם גלייך צוריק אויפגעקנעפּעלט און גערעדט סתם אזוי — איך בין געגען זשארגאָן. זעהט, וואקסמאן'ס פּאָרשלאָג טאָר מען נישט אוועקמאכען מיט דער האנד, מען דאַרף איהם אויפנעמען. ביים צווייטען „מיטינג", זונטאג אבענד, דאכט זיך, האָבען מיר דעם „נעקסטען מיטינג", הא? — האט ער זיך אויסגעדרעהט צום סעקרעטאַר, געוואָרט ביז יענער וועט א שאָקעל טון מיט'ן קאָפּ אויף יאָ און ווייטער גערעדט — וועלען מיר זיך באקאָנען מיט דער פראגע גרינדליך און באשטימען וואָס מיר האָבען צו טון, נישט וואהר?

— מען דאַרף זיך נישט איינרייסען מיט מיסטער גרין — האָט דער פּרעזידענט געשמייכעלט — מאָרגען קען ער באשרייבען אונזער „מיטינג" אין די „פּייפּערס".

— וואָס מיינט איהר? — האָט איהם גאַנז איבערגעפרעגט.

— איהר ווייסט גאָרנישט? — האָט זיך דער פּרעזידענט גע־חדוש׳ט — מיסטער גרין איז דאָך אַ שרייבער, ער האָט נעכטען אויך געהאַט אַ „שטיקעל“ — זיך בשעת־מעשה אויסגעדרעהט צו גרינען — און אַ גוט שטיקעל, כאַ, כאַ, כאַ!

גאַנז האָט אָפּגעמאָסטען גרינען פון אויבען אַראָפּ און ס׳איז שווער געווען צו זאָגען צי דער קוק איז געווען ביטול, צי דרך־ארץ ווייל ער שרייבט אין די „פּייפּערס“.

גרין האָט זיך פאַרלוירען, זיך געפיהלט באַליידיגט, געזעהן אין גאַנז׳ן לייכטען שמייכעל אַז ער האַלט נישט שטאַרק פון אידישע שרייבער, טראַכט מסתמא ווען ער וואָלט געהאַט אַ רוהיגען קאָפּ, וואָלט ער אויך עפּעס אָנגעשריבען. אַ קונץ צו שרייבען אין איד־דיש! ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגען גאַנז׳ס זאַטען פּנים און זיך פערנייגט:

— אַ גוטע נאַכט!

— מיר געהן אויך — האָט וואַקסמאַן איהם נאָכגעשריען — וואָס איילט איהר זיך אַזוי?

די לעהרער זיינען אַרויס פון שול, לייכטער אָפּגעאָטעמט און געבליבען שטעהן.

— ס׳געהט עמיצער פון אייך אין קאַפע? — האָט גרין זיך אַ פרעג געטון.

— לאָמיר געהן — האָט זיך עמיצער אָנגערופען.

אַלע האָבען זיך אַ שאָט געטון אין מיטען דער גאַס, געגאַנגען אין אַ ברייטע שורה און געשוויגען.

וואַקסמאַן האָט אין מיטען געהן אַרויפגעלעגט אַ האַנד אויף גרינען:

— נו, דאַרף מען פאַר זיי שרייבען? גאַנז, דאַכט זיך, אַ באַ־לעזענער איד און ווייס נישט אַז גרין איז אַ אידישער שרייבער! פאָלגט מיך און שרייבט העברעאיש, דאָרט וועט איהר האָבען אמת׳ע פאַרהערער און דערצו עולם־הבא!

— געוויס, געוויס — האָט מיללער מיט ראָזענען אונטערגע־כאַפּט — מיט אייער אַרט שרייבען וואָלט איהר אין העברעאיש גע־מאַכט אַ „היט״!

גרין האָט געפיהלט אַז מען דאַרף זיי צושלאָגען, מאַכען לע־כערליך און דאָס איז דאָך אַזוי גרינג! ער האָט אָבער קיין חשק נישט געהאַט. איהם האָט געערגערט פאַרוואָס דאָס אידישע פאָלק האָט קיין באַדערפניש פאַר שרייבער. דער אַלטער מחבר מיט׳ן פּעקעל אונטער׳ן אָרעם, וואָס איז פאַרשוואונדען פון דער אידישער גאַס געפעהלט זיי נישט און אויף אַ שרייבער קוקט מען ווי אויף אַ הפקר מענש, אַ קונדעס מיט אַ גרינגען קאָפּ, וואָס באַשרייבט יעדע נאַרישקייט. איהם זיינען אויפ׳ן זינען געקומען פיעלע פון זיינע באַקאַנטע. כמעט אַלע אַז זיי רעדען מיט איהם זאָגען די זעלבע אויסגעדראָשענע ווערטער: „אַי, מיסטער גרין, אַ שאָד וואָס איהר זייט דאָרט נישט געווען, איהר וואָלט געהאַט וואָס צו באַשרייבען!״ די ווערטער פלעגען איהם תמיד דענערווירען. ווי זיין עובדה אין לעבען וואָלט געווען צו באַשרייבען יעדע קרינגעריי און רכילות!

ראָזען מיט מילערען האָבען אריינגענומען פרידקינען אין דער מיט.

— איהר געהט דאָך מיט אונז, האַ? — האָט מיללער זיך אָנגע־רופען.

— מען זאָגט דאָרט זיינען פאַראַן שעהנע מיידלאַך, כאַ, כאַ, כאַ — האָט זיך פרידקין צולאַכט ווי אַ בהמה.

— איהר זייט נאָך קיינמאָל נישט געווען אין וועקסלערס קאַפע? — האָט זיך ראָזען אָנגערופען.

— נאָ!

— גוט, מיסטער פרידקין, כ'וועל אייך באַקאַנען מיט די שעהנסטע מיידלאַך — האָט ראָזען איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און א קיצעל געטון.

— וואָס מיינט איהר? — האָט פרידקין וואוילעריש א זאָג געטון — ס'פעהלען מיר מיידלאַך? אָט יאָגט מיך דער סעקרעטאַר ארום שוין עטליכע וואָכען, וויל מיר געבען זיין טאָכטער!

— נו, אין וואָס געהט עס?

— נישט קיין מיאוס מיידעל — האָט פרידקין ערנסט געזאָגט —מיט קאָלירען אין פנים, ווי זי וואָלט איצט געקומען פון יוראָפּ, נאָר די צרה איז, וואָס זי איז א גאַליציאַנער, ס'הארץ לאָזט מיר עפּעס נישט!

— אויב זי געפעהלט אייך — האָט מיללער זיך אָנגערופען — ווי זאָגט די גמרא: „כל הפיות שוות", מען נעמט און מען האָט חתונה, גאַליציאַנער מוידען זיינען נאָך בעסער ווי ליטוואַטשקעס, ווי כ'בין א איד — און ער האָט איהם עפּעס איינגערוימט אויפ'ן אויער.

פרידקין האָט זיך געבויגען פון לאַכען, אָנגעכאַפּט ראָזענען, איהם עס איבערדערצעהלט, געוויזען אויף מיללערען און געשריען:

— אַי, איז דאָס א חזיר!

ער איז געווען גוט אויפגעלעגט וואָס גרינס פּלאַן איז דורכגעפאַלען, זיך געפיהלט לייכט און וואו די לעהרער וואָלטען איהם נישט גערופען וואָלט ער מיטגעגאַנגען.

גרין האָט זיך נישט איינגעהערט, ווי די מענשען ארום איהם וואָלטען געווען פרעמדע. ער האָט געשפּרייזט מיט פּאַרקוועטשטע פויסטען, עטליכע מאָל זיך אָנגעשלאָגען אָן א דורכגעהער, זיך נישט ענטשולדיגט און געגאַנגען ווייטער. זיי זיינען אריין אין קאַנאַל

סטריט. עס איז שוין געווען פינסטערלאַך. צוויי גרויע פּאַסען ליכט האָבען דורכגעשניטען די פינסטערניש, געצייכענט צעשוואומענע סילועטען איינעם העכער פונ'ם צווייטען און פון דער ריעזיגער וואולוואירט געביידע, האָט אַ בלאַס קיילעכדיג ליכט, ווי אַ מאַטע לבנה, געקוקט ווי פון אַ טונקעלען שלייער, אויסגעשניטען אין דער נאַכט אריין צוויי פּאַסען, ווי פון מאַטען זילבערנעם שטויב, זיי דורכגקרייצט ווי אַ דריי־עק, באַלויכטען די שטאָלענע פּאָרענטשעס פון דער הענג־בריק, וואָס האָבען פון דערווייטענס אויסגעזעהן ווי ריזיגע הארפען, איז אויפ'ן הארצען מיט אמאָל געוואָרען אזוי שווער. אַלע האָבען זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף די גרויע פּאַסען ליכט, אויף די ריעזיגע הארפען, ווי פון פּיאַלעט, אויפ'ן בלייכען שטיק פייער, וואָס האָט געהאָנגען איבער קאַנעל סטריט, ווי אַ באהאַלטען אויג פון דעם גאָט פון שטאָהל און אייזען, האָבען זיך אַלע מיט אמאָל איבערגעקוקט, פערגאפטע ארויסגעלאָזט אַן „אה ה" און שטומע זיך געשלעפּט אין קאַפע אריין.

## — 9 —

דער קיילעכדיגער טיש, וואו גרין מיט זיינע חברים האָבען זיך אוועקגעזעצט, איז באַלד געוואָרען פאַרנומען. פון אַלע זייטען האָבען באַקאַנטע געשלעפּט בענקלאַך און זיך אַרומגעזעצט. די קאַפּע איז געווען געפּאַקט. מענשען אָהן רעק זיינען געזעסען איבער גלעזער טהעע, איבער קאַפּע, הויך געשמועסט, כמעט געשריען און ווען אַ פרעמדער וואָלט אַריינגעקומען, וואָלט איהם אויסגעדאַכט אַז מען קריגט זיך.

גרין האָט געזופּט אַ גלאָז קאַפּע און געמיטליך זיך איינגעהערט, ווי זיין קאָלעגאַ קאַץ, אַ פאַרזעהעניש מיט אַ משופּע׳דיג פּנים, וואָס מאַכט דעם איינדרוק אַז אַט, אַט צעוויינט ער זיך, האָט איהם דערצעהלט זיין בריה׳שקייט אין „הלכות־נשים“. גרין האָט געוואוסט אַז קאַץ זאָגט קיין איין אמת וואָרט ניט, אַז דער בחור פערלירט זיך איינגאַנצען אין געגענוואַרט פון אַ פרוי, ווערט שטום, די אויערען צופלאַמען זיך ביי איהם און אין גאַנצען זעהט ער אויס ווי אַ צומעקעט קאַלב. ער האָט זיך מעהר ניט איינגעהערט וואָס קאַץ האָט דערצעהלט, דערזופּט די קאַפּע און זיך געוואונדערט ווי מענשען ווערט ניט דערעסען צו רעדען אַלץ דאָס זעלבע.

וואַקסמאַן האָט צוריק אַרויפגעבראַכט די פראַגע וועגען אידיש און העברעאיש. דער עולם אַרום טיש האָט זיך געהיצט, געריסען און ס׳האָט אויסגעזעהן אַז די מענשען באַלאַנגען צו צוויי פאַרשידענע ראַסען. דאָ האָט מען קיין זאַך ניט געשוינט. טאַטע־מאַמע, אַלץ איז פאַרשוואונדען און מיט שוים אויף די ליפּען, מיט פאַרקוועטשטע פויסטען האָבען די העברעער געוואָלט מאַכען צו נישט די אידישע ליטעראַטור און פאַרקעהרט — די אידישיסטען האָבען דאָס זעלבע געטון מיט דער העברעאישער.

— און מענדעלע? איז אַ בחור אויפגעשפּרונגען און ס'האָט אויסגעזעהן אַז ער פּליהט וואַקסמאַנען אין די אויגען אריין — די העברעער האָבען ניט אַזאַ ריעז ווי מענדעלע!

קרוזע וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען אַן אַ זייט איבער אַ צוריבענעם טאָמייטאָ־הערינג מיט ציבעלעס, ווי די דעבאַטע וואָלט איהם ניט אָנגעגאַנגען, געקייט דעם הערינג און שטיל אריינגעטענה'ט אין אַ יונגען־מאַן די נויטווענדיגקייט דאָ אין אַמעריקאַ פון אַ גוטען העברעאישען וואָכענבלאַט, איז מיט אַמאָל אריין דעם בחור אין די רייד:

— מענדעלע האָט דאָך געשאַפען אַ נייעם סטיל אין העברעאיש! ער האָט ניט איבערגעזעצט, ער האָט איבערגעשריבען אַלע זיינע ווערק אויף דאָס נייע און יעדער מיט אַביסעל געשמאַק וועט זאָגען אַז אין העברעאיש זיינען זיי פיעל בעסער!

— פונקט מענדעלע?—איז ראָזען מיט די אָפּגעגעסענע ציין אריין קרוזען אין דער מיט — די בעסערע שרייבער האָבען דאָך אַלע געשריבען העברעאיש! נעמט פּרץ'ן, נאָמבערגען, כ'וויים — נאָר די וואָס קענען ניט קיין העברעאיש זיינען געגען! האָבען זיי אַ שניאור, אַ טשרניכאָווסקען? כ'רעד שוין ניט פון קיין ביאַליק!

— זעה נאָר ווי זיי נעמען זיך איבער מיט'ן העברעאיש? — האָט אַ יונגער מאַן מיט עפּעס פויגלישעם אין פּנים אַרויסגענומען די פּיפּקע פון מויל און אויסגעשפּיגען — און ווי מיינט איהר איז באַשאַפען געוואָרען די פּוילישע ליטעראַטור? זיי האָבען אויך געהאַט זייער „העברעאיש" — געשריבען אין לאַטיין. און דער ערשטער פּוילישער שרייבער וואָס האָט ניט געקענט קיין לאַטיין און געשריבען אין פּויליש, איז געווען דער פאָטער פון דער פּוילישער ליטעראַטור.

— אַז כ'וויים? — האָט זיך עמיצער אָנגערופען — האָבען זיי אַ שלום־עליכם? איין אַש שאָקעלט אַלעמען אויס פון אַרבעל! אַז העברעאיש איז גאָרניט מסוגל צו האָבען אַזעלכע, העברעאיש

איז געגען לעבען! אויף העברעאיש קענט איהר האָבען אַזעלכע „בלאָפערס" ווי שניאור, קינה־זאַגערס, ווי ביאַליק, אָבער אַ שרייבער וואָס זאָל זיך ביי איהם אָפּשפּיגלען דאָס אמת'ע אידישע לעבען, דאָס וועט איהר ניט האָבען!

די טענות האָבען גרינען געגרילצט אין די אויערען. ער האָט אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ, געזוכט אַנאַנדער טישעל, וואו זיך אוועק־צוזעצען. פון דער קיך האָט זיך געהערט אַ ריח פון געפּרעגעלטע פיש, וואָס האָט געאיבעלט און געקרעלט אין האַלז. גרינען זיינען מיט אַמאָל נמאס געוואָרען אַלע ארום טיש, די גאַנצע קאַפּע. ער האָט זיך גע'חדוש'ט ווי מענשען קענען טאָג איין, טאָג אויס איבער'חזר'ן די זעלבע רייד, דערביי זיך נאָך קאָכען און הנאה האָבען. ער האָט זיך איינגעקוקט אין סאָניען, אַן עלטער מיידעל, וואָס זיצט תמיד אין קאַפּע, טראָגט פּאַרזיכטיג צו דאָס סיגאַרעטעל צו די ליפּען, איז איהם איינגעפאַלען אַז זי האָט מסתמא קיין הנאה ניט פון'ם רוי־כערען, ס'איז ביי איהר אַן אָפּקומעניש, טוט עס בלויז, מען זאָל זי האַלטען פאַר אַ פּאָרטגעשריטענע.

ער האָט געזעהן ווי סאָניע האָט אויסגעצויגען דאָס דאַרע העל־זעל, ווי אַ יונג העהנדיל, געהאַלטען דאָס רויכענדע סיגאַרעטעל צווישען צוויי פינגער און איינגע'טענה'ט אין שושנה'ן, אַן ארץ־ישראל מיידעל מיט אַ מאַנסבילש פּנים, אַז העברעער זיינען די אמת'ע אסימילאַטאָרען. שושנה האָט סאָניען ניט געלאָזט ענדי־גען, זיך איבערגעבויגען צו איהר און וואָס סאָניע האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט, אַלץ מעהר האָט זי זיך גערוקט צו איהר, בים־לעבוויין אויסגעשטרעקט אַ האַנד, דעם גאַנצען קערפּער, זיך געצאַ־טעוועט ווי אַ קאַץ, ווען זי געהט כאַפּען אַ מויז. זי האָט מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט סאָניען פאַרביידע הענד, אָפּגעאָטעמט און מיט אַ הייזעריגען באַס זי גענומען איבערצייגען אַז די אידישיסטען זיי־נען מה־יפית אידען.

גרינן האָט זיך אויסגעבויגען מיט'ן בענקעל און געוועזן זיכער,

אַז ערגעץ אין אַ ווינקעל זיצען בלויזע אידישיסטען אַרום אַ טישעל און מיט דער זעלבער התפעלות, מיט דער זעלבער שנאה קריגט מען זיך ווער עס האָט מעהר בייגעטראָגען צו דער אידישער ליטעראַ־טור—ליטווישע, פּוילישע, צי גאַליציאַנער אידען. און ווער וויים? מעגליך, אַז צווישען ליטווישע און גאַליציאַנער אידישיסטען איז די שנאה אפשר גרעסער, ווי צווישען העברעער און אידישיסטען? און צו וואָס דאַרף מען דאָ די אויסגעדאַרטע סאָניע מיט די סיגאַ־רעטלאַך? די צעיאָוירענע מוידען פון „שרון“, וואָס גיבען אין נדן אַריין דעם „ש ל ו ם“?

אַן אַלטער בחור אין פּענסנע, אויף אַ דין שטאָלען קייטעלע, איז אונטערגעקומען מיט קאָרעקטורען אין די קעשענעס און מיט אַ פּעקעל כתבים אונטער'ן אָרעם. ער איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטען מיט אַ „שלום“, אונטערגעטראָגען עטליכע יונגע־לייט דעם לעצטען „השלח“, געפיהרט חשבונות. ער האָט געזעהן ווי קרוזע עסט „טאָמייטאָ־העריננ“ איז ער געוואָרען אַ צושטראַלטער און גענומען דערצעהלען דעם עולם אַז פאַר אַ „טאָמייטאָ־העריננ“ איז צוגעקומען אין העברעאיש אַ נייע וואָרט און ווי דאָס קלינגט עכט ביבליש!

גרין האָט דעם בחור ליעב געהאַט, זיך בלויז געוואונדערט ווי אַ מענש קען אַלץ מקריב זיין צוליעב אַ שפּראַך. געהט שוין אַזוי אַרום יאָהרען איבער ניו יאָרקער גאַסען און קומט אומעטום דורך מיט דער „חברה הספרדות“, שטעלט יעדען שבת אָפּ דעם רב־הכולל, מוסר'ט איהם, פאַרוואָס ער רעדט ניט קיין העברעאיש און דער רב, אַן אַלטער, קלוגער יוד, טרייבט איהם ניט פון זיך, ענט־פערט אויף'ן „שבתא טבא“ מיט אַ ברייטען „גוט־שבת, מיסטער ראַפּסקי“! גרין האָט געוואוסט אַז ראַפּסקי גיט אוועק זיין גאַנץ פאַרדינסט אויף העברעאישע אויסגאַבען, זאַמעלט, געהט תמיד אַרום מיט אַ פּושקע, רייסט פון טויטע און לעבעדיגע און שיקט דאָס געלד נאָך פּאַלעסטינא, נאָך רוסלאַנד, שטיצט העברעאישע אויס־

גאַבען, פּלאַנעוועט דאָ מיט קרוזען אַרויסצוגעבען אַ וואָכענבלאַט און געטראַכט פאַרוואָס האָט אידיש ניט אַזעלכע „פּאַולס“.

— שלום, מר. ראַפּסקי — האָט גרין זיך געווענדעט צו איהם אויף העברעאיש.

— שלום, שלום — האָט ראַפּסקי איהם אַריינגעשטעקט צוויי פינגער, אַראָפּגענומען דעם העט וואו דער קאָפּ איז געווען אָפּגע־גאָלט און דערמאָנט אָן „עלה קרח“ — האָט איהר שוין געזעהן דעם לעצטען „השלח“? איהר מעגט לייענען, שניאור האָט דאָ אַ וואונדערבאַר ליעד!

גרין האָט ביי איהם גענומען דעם „השלח“, איבערגעקוקט דעם אינהאַלט, געוויזען מיט דער האַנד ראַפּסקי זאָל זיך זעצען און שטיל געזאָגט:

—בלויז מירביידע זיינען אויף צרות!

— וואָס מיינט איהר?

— כ׳מיין דער עולם האָט חתונה!

— יע, דער עולם האָט חתונה — האָט ראַפּסקי איבערגע׳חזר׳ט גרין׳ס ווערטער.

— נו?

— וואָס נו?

— און איהר ראַפּסקי?

— איך וועל אויך חתונה האָבען — האָט ראַפּסקי גוטמוטיג געענטפערט — קאָרג מיידלאַך זיינען פאַראַן? מען דאַרף זיך נאָר פריהער איינאָרדענען, איצט גראַדע בין איך אַביסעל פערדרעהט, מען דאַרף אוועקשיקען נאָך ירושלים אַ צוויי הונדערט דאָלאַר, מען דאַרף האָבען טויזענד דאָלאַר דאָ אַרויסצוגעבען אַ וואָכענבלאַט...

— האַלאָ, מיסטער גרין — איז מאַדאַם בליאש אונטערגעקו־מען פון אַ זייט און איהם אַריינגערוקט אַ האַנד — ווי געהטס? קומט צו אונזער טישעל!

— כ׳דאַרף דאָ זעהן עמיצען — האָט גרין זיך געוואָלט אַרויס־

דרעהען פון איהר און זיך אומגעקוקט צו ראפּסקי שטעהט נאָך.

ראפּסקי איז שוין ניט געווען, בלויז זיין „שלום" האָט זיך גע־הערט פון אַנאַנדער טישעל.

— וועט איהר צוקומען? — האָט זי איהם אַ דריק געטון די האנד.

— יע.

אין טיר פון קאפע האָט זיך באוויזען דער ראָמאַנען שרייבער העלד. ער איז אריין ווי א רוח, מיט צופלויגענע פּאָלעס פון צוקנע־פּעלטען ראָק, מיט ברייט צועפענטע אויגען, געלאָפען פון איין טי־שעל צום צווייטען און עפּעס געזוכט. ער איז צו צו גרין'ס טישעל, עפּעס א ברום געטון, דערזעהן מאַדאם בליאש, א שווים געטון צו איהר, זיך ווארעם באגריסט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט דערנעבען, אראָפּגעוואָרפען דעם קאַפּעליוש און א קוטשמע שווארצע האָר ווי דראטפעס, האָבען זיך צושאָטען ביז איבער די אויגען.

ער האָט גענומען רופען מיט אמאָל אַלע קעלנערס. באשטעלט וועגעטאַריאַנער מאכלים, זיך געזידעלט.

גרין האָט איהם ניט געקענט פארטראָגען און בייז געווען אויף זיך פארוואָס ער פארגינט איהם ניט מאַדאם בליאש.

מיט א ווילדען, „האַלאָ, גרויסע מענשען" איז אריין אין קאפע דער דיכטער קליין, א ברייטביינינער בחור מיט א פול מויל צונג. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען שמאָלען דורכגאנג פון קאפע. זיך ניט איינגעהערט וואָס די חברה רעדען, גענומען שלעפּען פון די קעשענעס פראָגראַמען פון פארשידענע קאָנצערטען. געזונגען שטיקער פון שטראוס'עס אָפּערא.

העלד, אַן אויפגעקאָכטער, וואָס קליין לאָזט איהם ניט רעדען, האָט איהם א שטופּ געטון פון זיך און ער איז געפאַלען אויפ'ן קעל־נער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט א שיסעל זופּ. דער קעלנער האָט געוואָלט דערכאפּען די שיסעל, נאָר עס האָט זיך באלד דערהערט א מזל טוב פון די ארומיגע טישלאך.

קליין האָט זיך דערשראָקען. צונויפגעשאַרט די פּראָגראַמען, אַ קלאַפּ געטון ווייסען איבּער די פּליִיצעס און געמאַכט פּליטה.

אַ ספּרדיש מיידעל פון אַ יאָהר דרייצען איז צו צום טישעל מיט אַ פּאַק צייטונגען.

— האַללאָ, קיידי. שלום, שלום — האָט אַ קאַרטוניסט מיט אַ פּיפּקע אין מויל אַ וואונק געטון צום מיידעל — טאַנץ אַ „דזשיג" קויף איך ביי דיר צוויי „פּייפּערס".

דאָס מיידעל האָט גערעדט האַלבּ ענגליש, האַלבּ העבּרעאיש, געקענט אַלעמען ביי די נעמען, געוואונקען פאַרשייט מיט אַן אויגעל:

— מיסטער העלד קויפט אַ „טאָג", מיסטער קאַץ — אַ „פאָרווערטס".

העלד האָט גענומען אַ צייטונג, איהר צוגעוואָרפען אַ ניקעל און זיך געווענדעט צו מאַדאַם בליאַש אַז אַלע אַרום האָבּען געהערט:

— נו, זאָגט אַליין, וואָס טויגען אייערע אַנשטאַלטען?

איהר האָט געזעהן דאָס ספּרדישע מיידעל, ווי זי שענקט שוין בּע־צייטענס אַ צולאָג צו דער צייטונג? וואָס טוט איהר פאַר זיי?

גרין האָט ניט געקענט הערען ווי העלד פּרעדיגט מאָראַל, גע־וואָלט אַרויס אויף דער גאַס, געפּיהלט ווי טיעף אין איהם זיצט עפּעס אַ מענשעל, לאָזט איהם ניט געהן, וויל ניט אַז ווייס זאָל בּלייבּען מיט מאַדאַם בּליאַש. ער האָט זיך דערמאָנט אַז מאָרגען קומט צו איהם בּעססי, ניט געוואָלט טראַכטען דערפון, ניט ווילענ־דיג זיך אַ רוק געטון מיט דער שטוהל און זיך איינגעהערט ווי פּריד־קין רעדט מיט שושנה׳ן:

— אין ארץ ישראל, זאָגען אַלע, זיינען פאַראַן שעהנע מייד־לאַך — האָט פּרידקין אָנגעבּלאָזען אַ פּאָר בּאַקען און מען האָט דערקענט אַז ערגיץ דאָרט טיעף אין בּויך שמייכעלט ער — איהר זייט אויך פון ארץ ישראל?

— איך בּין אָבּער ניט שעהן — האָט שושנה קאָקעטיש גע־ענטפערט און געמאַכט בשעת מעשה אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך מיט אַן אמת געהאַלטען פאַר אַ שעהנע.

— און לויפען קענט איהר? — האָט פרידקין געשמייכעלט.

— וואָס מיינט איהר? — האָט דאָס מיידעל איהם אָנגע־קוקט, ניט פאַרשטאַנען וואָס ער פרעגט זי — וואָס פאַלט אייך איין צי איך קען לויפען?

— איך מיין — האָט פרידקין איינגעצויגען די גאָמבע — איך מיין, אז ארץ ישראל מיידלאך דאַרפען קענען רייטען, לויפען. איהר האָט אמאָל געלייענט „אשמת־שומרון“?

— מאַפּע׳ס, מיינט איהר?

— יע.

— געלייענט.

— דאָרט געדענק איך — האָט פרידקין געלאַכט אין זיך — האָב איך געלייענט ווי א מיידעל איז געריטען אויף א פערד. איך געדענק נאָך ס׳לשון — „סוס דוהר“. ער, מאַפּע מיין איך, האָט געקענט לשון־קודש, כאַ, כאַ, כאַ!

גרין האָט זיך צולאַכט. ס׳איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען ווי פרידקין טענה׳ט איין מיט א מיידעל. אנשטאָט צו מאַכען איהר א קאָמפּלימענט, פרעגט ער זי צי זי קען לויפען. ער האָט געקוקט אויף די בחורים מיט די בלייבע פּנים׳ער וואָס זיינען מיט אמאָל אנשוויגען געוואָרען, געבליבען זיצען איבער די אויסגעטרונקענע גלעזער טהעע און קאַפעס. דער שווייס איז גערונען איבער די שטערנס. דער פאַרדימפּעטסטער ריח פון געפּרעגעלטע פיש האָט געקרעלט אין האַלז און אין די אויגען. אין די אראָפּגעלאָזענע קעפּ איז געלעגען אזא טיעפע גלייכגילטיגקייט, אז ס׳איז שווער געווען צו גלויבען די מענשען זאָל׳ן האָבען עפּעס אַן אינטערעס אין לעבען.

א בלאַסער יונגערמאַן מיט א געפּלאַכטען קעסטעלע אויף דער האַנד איז צוגעקומען צום טישעל. ער האָט אַרויסגענומען א קליין קישעלע, עם א קוועטש געטון, האָט עס זיך צומיאַקעט ווי א קעצעל.

— קויפט אידען, קויפט! פינף סענט א שטיק!

קיינער האָט איהם צומאָל ניט אָנגעקוקט און דער יונגערמאַן

האָט שוין געוואָלט געהן ווייטער, האָט קרוזע פּונקט אויפגעהויבען די אויגען און איהם בעגריסט:

— האַללאָ, שווארץ! וואָס מאַכט איהר?

שווארץ האָט זיך פערוויטעלט, ניט גע'חלום'ט דאָ צו טרעפען באַקאַנטע און געטראַכט ווי ר'נאָך זיך ארויסצוכאַפּען פון דאַן. קרוזע האָט עס באַמערקט, איהם פריינדליך אָוועקגעזעצט נעבען זיך:

— וואָס מאַכט איהר?

— ווי איהר זעהט, מיסטער קרוזע.

— אוים מלמד?

— יעס.

— נו, ביים „פּעדלען" מאַכט איהר בעסער אוים?

— פּערדינען, פּערדינט מען מעהר — האָט שווארץ געוואָרפען די אויגען אין אַלע זייטען — נאָר „פּעדלעריי" איז ניט פאַר מיר! ס'איז אַ מיאוסע באַשעפטיגונג!

—איהר וועט אפשר טרינקען אַ קאַפּע?

— נאָ, כ'דאַנק!

— און וואָס הערט זיך מכח שרייבען?

— מ'שרייבט צו ביסלאַך — האָט שווארץ זיך פאַרלוירען ווי אַ מיידעל, אָוועקגעשטעלט דאָס קעסטעל מיט שפּיעלצייג, זיך ארומ־געקוקט, פּאַמעליך ארויסגעשלעפּט אַ מאַנוסקריפּט — כ'האָב אָנ־געהויבען אַ גרעסערע זאַך, פון אַמעריקאַנער לעבען... כ'וויים... איהר האַלט ניט פון מיין שרייבען, פונדעסטוועגען — האָט זיך שווארץ פאַרהוסט און קרוזע האָט געזעהן ווי העגד און פיס ציטערען ביי איהם, ווי ער וואָלט זיך געבעטען ביי אַ מערדער ער זאָל איהם שענקען ס'לעבען — פונדעסטוועגען, וואָלט איך אייך געבעטען, אויב איהר האָט אַ מינוט צייט, אַזוי גוט צו זיין, כ'מיין...

קרוזע האָט ניט געקענט צוקוקען דעם צער פון דעם יונגענמאַן געגומען ביי איהם דעם מאַנוסקריפּט, געוועהן בייז אויף זיך פאַר־

וואָס ער זאָגט איהם ניט, אז ער טאָר ניט שרייבען, אז דער מאַנו־סקריפּט איז גאָר ניט ווערט, אז... אז...

שוואַרץ האָט איהם אַריבערגעקוקט איבער'ן אַקסעל, נאָכגע־פאָלגט יעדע באַוועגונג, געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף קרוזען און מיטגעלייענט מיט די אויגען, מיט'ן גאַנ־צען גוף. ער האָט פאַרגעסען אז ער איז אַ „פעדלער", אז היינט איז דער לעצטער טאָג פאַר די מיאוקענדע קישעלאַך, מאָרגען וועט זיין אין „מאַרקעט" אַ ניגערעל מיט אַ קעפּעל פון אַ מאַלפּע און אויב ער פאַרקויפט ניט היינט דאָס קעסטעל שפּיעלצייג, מעג ער עס מאָרגען אַרויסוואַרפען.

אַרום טיש איז געווען שטיל. סאָניע האָט דורך די פערמאַכטע ציין פאַרצויגען עפּעס אַ פאָלקס־ליעדעל. די בחורים האָבען געוואָר־פען קרענקליכע בליקען אויף איהר, אפנים זי געהאַלטען פאַר אַ שעהנע, מקנא געווען יענע אין שכנות, וואָס האָבען איהר בשעת אין זינגען געגלעט די הענד. שושנה האָט פון אומעט פאַרביסען די אויבערשטע ליפּ, געוואָלט איבערגעוואָלט פאַרטרייבען די מרה־שחורה פון אַלעמענס פּנים'ער און אָנגעהויבען וואוילעריש:

— שירו, שיר, שיר, שיר!

— גילו, גיל, גיל, גיל!

סאָניע האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט איינ־געפאַלענע אויגען, מיט צולאַנגע הענד, האָט זי אָנגענומען מיט די שפּיץ־פינגער איהר קלייד, געמאַכט מיט די איינגעפאַלענע אַקסלען צום טאַקט, געדרעהט מיט'ן אויסגעדאַרטען האַלז און ס'האָט אויס־געזעהן ווי דער טויט וואָלט געטאַנצט איבער'ן טישעל.

קיינער האָט ניט מיטגעהאָלפען. די בחורים האָבען אַפּער־געוואָרפען די פּיס, איינגעגראָבען די קעפּ אין די אַקסלען, אויסגע־מידען צו קוקען אויף סאָניען, וועמעס באַוועגונגען זיינען געוואָרען אַלץ פאַרשייטער, ווי זיי וואָלטען זיך געטראַכט — נו, אז מען וועט שוין זינגען אַ פרעהליכס וועט לייכטער ווערען?

— לאָמיר ערגעץ געהן, האָט זיך איינער אָנגערופען.

— וואוהין ? — האט א צווייטער געפרעגט.

— אומעטיג.

— טאקע אומעטיג.

— זאל איך אהיימפאהרען ? — האט קאץ א צוג געטון מיט די אקסלען.

— פאהר, פאהר ! — האט גרין איהם געטריבען מיט דער האנד — דיין ווייבווארט דאך מסתמא אויף דיר !

— אז דארט איז נאך אומעטיגער, ברודער ! — האט קאץ א מאך געטון מיט דער האנד און טיעפער זיך ארייננעזעצט אין בענקעל.

גרין האט ניט געקענט הערען ווי העלד לאכט, פארברענגט מיט מאדאם בליאש. ער האט זיך אויפגעשטעלט, געוואלט ארויסגעהן, דערזעהן פאר זיך העלדען, האט ער אן אלעם פארגעסען און זיך א ווענד געטון צו מאדאם בליאש:

— איהר געהט ?

— כ׳געה !

עס איז געווארען שטיל. דער עולם איז געבליבען זיצען מיט אראפגעלאזטע קעפ, ווי יעדער וואלט זיך ארייננעקוקט אין זיין אייגען הארץ. פון דער קיך האט זיך געטראגען דער ריח פון געפרעגעלטע פיש מיט א קנאקעריי, ווי מען וואלט געשאסען אין פייער ארייו זאלץ.

— 10 —

פרייטאָג, ווען פרידקין איז אהיים געקומען עסען אָבענד־ברויט, איז איהם די בעל־הבית'טע אנטקעגען געקומען:

— א מיידעל האָט דאָ געפרעגט אויף אייך, מיסטער פריד־קין. א חידוש איהר האָט זי נישט באַגעגענט? זי איז נור וואָס ארויס פון שטוב.

—איהר האָט דאָך איהר געקאָנט הייסען וואַרטען! — האָט פרידקין אָנגעבלאָזען א גאַמבע.

— אודאי האָב איך איהר געהייסען — האָט זיך די בעל־הבית'טע פאַרענטפערט — כ'האָב איהר געזאָגט, אז איהר דאַרפט יעדע מינוט אָנקומען, איז זי געבליבען זיצען א ווײַלע, דערנאָך האָט זי מיר איבערגעלאָזט פאַר אייך א בריעף, געזאָגט, אז זי וועט דאָ זיין אין אָבענד.

פרידקין האָט געעפענט דעם בריעף, דערקאָנט אז עס איז פון שושנה'ן און זיין אָנגעבלאָזענע גאַמבע האָט אָנגעהויבען שמייכ־לען. ער האָט באַטראַכט דעם בריעף, א שמעק געטון צו איהם און גענומען לייענען מיט די אויגען:

„...קיינמאָל טרעפט מען אייך ניט! און צו וואָס האָט איהר זיך פאַרקליבען אזוי הויך? און אייער בעל־הבית'טע געפעהלט מיר אויך ניט! וואָס האָט זי אזוי געקוקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געקומען עמיצען ביי איהר צונעמען. וואַרט אויף מיר, כ'וועל זיין פונקט ניין אין אָבענד. קומט אנטקעגען, כ'וויל קיי־נעם ניט באַגעגענען.

אייער שושנה.“

פרידקין איז געוועזן גליקליך. א מיידעל האָט נאָך קיינמאָל צו איהם אזוי ניט געשריבען. ער האָט עטליכע מאָל איבערגעלייענט

דאָס בריוועל, חשק געהאַט עס צו ווייזען דער בעל־הבית׳טע, זיך געקווענקעלט, געקוקט אויפ׳ן בריוועל, אויף איהר, מיט אמאָל זיך פונאַנדערגעלאַכט און אריין צו זיך אין צימער. א באַליידיגטע האָט איהם וויערא אָנגעקוקט, אינסטינקטיוו דערפיהלט, אַז אין בריעף איז עפּעס געווען וועגען איהר, ניט ווילענדיג אַ קוק געטון אין שפּיגעל, וואָס איז געהאַנגען קעגען־איבער און זיך געטרייסט, אַז זי איז פעל שעהנער פאַר׳ן שווארצען מיידעל, וואָס אַז דאָ געוועזן.

פרידקין האָט באַטראַכט זיין צימער, אָוועקגערוימט אַלע ניט נויטיגע זאַכען, איבערגעשטעלט דאָס טישעל, געקלערט וואָס נאָך צו טון, אַ קליינינקייט, ס׳ערשטע מאָל וואָס אַ מיידעל דאַרף צו איהם קומען! ער האָט אויפגעזוכט עטליכע שווערע ביכער, זיי אָפּגעשטויבט, ארויפגעלייגט אויפ׳ן טיש, ארויסגענומען פון זיין „טראָנק" אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שעהן מיידעל, וועלכע ער האָט אַליין ניט געקענט — זי געהאַט צוגענומען ביי אַ באַקאַנטען פאָ־טאָגראַפיסט און אָנגעשטאָכען דאָס בילד מיט שפּילקעס איבער זיין בעט. לאָז שושנה ניט מיינען, אַז זי איז איין־און־איינציג, אַז זי דאַרף זיך צופיעל איבערנעמען, נישקשה, ס׳זיינען פאַראַן שעהנערע מיידלעך פון איהר!

פרידקין איז געבליבען שטעהן פאַר׳ן שפּיגעל. ער האָט לאַנג געדרעהט דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע פּנים, געמאַכט גרימאַסען, באַ־טראַכט זיין הויט, די נאָז, די אויגען און געקומען צום באַשלוס, אַז כאָטש ער איז שוין ניט יונג, איז ער אָבער ווייט ניט קיין מיאוס׳ער, והא ראיה — שלאָגט זיך אַ מיידעל אַליין אָן צו קומען צו איהם.

אַן אויפגערוימטער האָט ער זיך גענומען איבערטון, געזוכט אַ ריין העמד, האָט זיך פונקט געמאַכט, אַז אַלע זיינע העמדער זיי־נען געווען אין דער וועש. ער איז געבליבען שטעהן אין פאַרלע־גענהייט, געשאָלטען די בעל־הבית׳טע, צו וואָס זי האָט אַוועקגע־געבען די העמדער, און געטראַכט, אַז איצט אַראָפּצוגעהן קויפען

א העמד איז ניט פּאַסיג. אידען האָבען שוין מסתמא מקבל־שבת געווען, נעהען פון די שוהלען און ער, פרידקין, איז גוט בעקאַנט אין דער געגענד, זעהט מען איהם קויפען אום שבת, זאָגט מען איהם גלייך אָפּ פון דער שטעל. ער האָט זיך גע׳ישוב׳ט א ווײַלע, גענומען זיך אליין בארוהיגען, אז דאָרט וואו ער וועט קויפען איז א קריסטליכע געגענד און באַשלאָסען, אז נאָכ׳ן עסען וועט ער אראָפּגעהן און זיך קויפען א ספּאָרטיש העמד.

אַן אויפגעלעגטער האָט ער זיך גענומען ראַזירען, דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעוואַשען, אָנגעריבען די באַקען ביז צום בלוט. און מיט׳ן האַנדטוך אריבערגעוואָרפען איבער׳ן אַקסעל, איז ער אריין אין קיך און געוואָרען רעדעווידיגער.

— קען איך אפשר הײַנט פריהער אָפּעסען?

— איהר דאַרפט אוועקגעהן? — האָט די בעל־הבית׳טע פאַר־זוכט די סופּ און זיך א פרעג געטון.

— הײַנט אָבענד קומט צו מיר א גאַסט — האָט פרידקין זיך אײַנגעהאַלטען ער זאָל ניט שמייכלען.

— דאָס מיידעל קומט צו אײַך? — איז די בעל־הבית׳טע געוואָרען נײַגעריגער.

— יעס, זי איז א פּאַלעסטינער, רעדט העברעאיש, ווי מיר— אידיש. מיר קענען זיך שוין יאָהרען — האָט פרידקין א מאַך גע־טון מיט דער האַנד און געמאַכט בשעת מעשה אזא מינע, ווי דאָס מיידעל וואָלט געווען זײַנס אַן אַלטע געליעבטע, פון וועלכער ער וואָלט שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערען.

— פאַר וואָס איז זי ביז איצט ניט געקומען צו אײַך? — האָט די בעל־הבית׳טע געפרעגט און איז רויט געוואָרען.

— זי איז ניט געווען אין ניו־יאָרק — האָט פרידקין אָפּגע־הוסט.

— צײַט, צײַט, מיסטער פרידקין — איז זי נאָך רויטער גע־וואָרען — לאָמיר האָבען נחת, איהר זײַט דאָך שוין ניט קיין בחור׳ל!

פרידקין האָט געפיהלט, אַז ער איז היינט דער העלד, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אינטערעסירט מיט איהם און פונקט ווי יעדער מאַנסביל האָט ליעב צו רעדען מיט אַ פרוי וועגען זיינס אַ באַקאַנטע, אַזוי האָט פרידקין גרויס חשק געהאַט צו פרעגען די בעל־הבית'טע, ווי שושנה איז איהר געפעהלען.

ער האָט מיט איין האַנד אַרומגענומען די בעל־הבית'טע פאַר דער טאַליע, זי אַ דריק געטון צו זיך, עטוואָס איבערגעבויגען און געפיהלט ווי די קיך, די פאַדלאָגע הויבען אָן אַוועקצושווימען פון אונטער זיינע פיס. ביידע האָבען זיך איבערגעקוקט, דערנאָך האָט זיך די בעל־הבית'טע אַרויסגעדרעהט פון איהם, זיך אָפּגעשאָקעלט, זיך גענומען פאַרען ביי די טעפּלעך און געזאָגט צו פרידקינ'ען:

— זעצט אייך אַוועק, גיב איך אייך עסען!

פרידקין האָט זיך געדרעהט, געשמעקט, ניט חשק געהאַט אַרויסצוגעהן פון קיך און זיך געשראָקען ניט אָפּצוטרעטען דעם קינד, וואָס האָט זיך געשלעפּט אויף אַלע פיער, די הענטלעך. וואו ער האָט זיך אַ דרעה געטון איז איהם דאָס קליינע מיידעלע מיט די קלוגע אויגעלעך געוועזן אין וועג און ער האָט געהאַט ס'געפיהל, אַז ס'וועט זיך וואַרפען אויף איהם ווי אַ הינטעל.

ער האָט גיך געגעסען, כמעט ניט געקייט און די געדאַנקען זיינען געלאָפען פון שושנה צו דער בעל־הבית'טע. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס פאַרע ס'געפעהלט איהם בעסער. ער האָט נאָך איצט געפיהלט אַן אָנגענעמע וואַרימקייט פון דער בעל־הבית'טע'ס ווייכען קערפּער.

נאָכ'ן עסען האָט פרידקין אָנגעטון דעם ראָק מיט'ן קאַפּעליוש און איז אַרויס פון שטוב. אויף די טרעפּ איז איהם עמיצער אַנט־קעגען געקומען, זיך ניט איינגעקוקט ווער דאָס איז, און אַז ער איז שוין געוועזן אין קאָרידאָר, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ס'איז געוועזן זיין בעל־הבית, סאַשאַ. איהם האָט באַנג געטון, פאַרוואָס ער האָט איהם ניט באַגריסט, געוואָלט היינט מיט אַלע זיין גוט, מורא גע־

האַט, אַז עמיצער זאָל איהם ניט באַליידיגען אין שושנה'ס געגענ־וואַרט.

ארויסקומענדיג אויף דער גאַס האָט ער באַלד וועגען אַלעם פאַרגעסען. עס איז שוין געווען טונקעל. כמעט אַלע אידישע שפּייז־געוועלבען זיינען שוין לאַנג געווען פאַרמאַכט. עלטערע אידען זיינען געגאַנגען פון שוהל. פרידקין האָט זיך געהיט, גע־שפּרייזט דורך הינטערשטע געסלעך, ניט געוואָלט מען זאָל איהם באַמערקען, ווי ער געהט אריין אין אַ גאַלאַנטערי־געוועלב. ער האָט זיך אריינגע'גנב'עט, געבעטען דעם קרעמער מען זאָל איהם ציינען העמדער. דער קרעמער האָט אָנגעהויבען אָנצואוואַרפען אויף דער צאָהלבאַנק קעסטלעך, שאַכטלעך. פרידקין האָט געזוכט, אונטערגעטראָגען יעדעס העמד צום ליכט, פּרובירט מיט די פינגער די סחורה, באַטראַכט דעם קאָליר.

עטליכע אינגלעך האָבען איהם דערזעהן, ווי ער שטעהט און קויפט אום שבת, האָבען זיי גענומען אריינשרייען אין געוועלב:

— האַללאָו, רבי! האַללאָו רבי!

דער קרעמער האָט זיי גענומען טרייבען פון דער טהיר, איז באַלד די קופּקע גרעסער געוואָרען. צווישען די קינדער זיינען גע־ווען פיעל פון זיינע תלמידים. די קינדער האָבען זיך געשושקעט, באַלד האָבען זיי אויפגעזוכט אַן אַלטע בלעך, זיך אויסגעשטעלט ארום געוועלב, ווי אַ קאַפּעליע, און אָנגעהויבען צו זינגען מיט אַ סקאַרבאָווען נגון:

— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טראַ־טאַ,טאַ־טאַ! האַללאָו, רבי! האַללאָו, מיסטער פרידקין!

פרידקין האָט געפיהלט, ווען אַ גרוב עפענט זיך פאַר איהם, וואָלט ער אריינגעשפּרונגען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טון, געפרעגט דעם קרעמער צי ס'איז ניטאָ עפּעס אַ הינטער־טיר. ס'איז ניט געווען. דערווייל זיינען די געשרייען געוואָרען גרעסער. פאַרביינעהענדיג האָט דער עולם גענומען קוקען אין געוועלב אריין, גאַרנישט געזעהן און זיך אויך אָפּגעשטעלט.

דער קרעמער האָט זיך ניט געקענט אָפּיאָגען פון די אינגלעך, געשראָקען זיי זאָלען ניט אויסברעכען דאָס פענסטער, ניט פאַר־שטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, געזעהן, אז דער קונה שטעהט אָן איינגעקאָרטשעטער מיט א פּאָר צושראָקענע אויגען, איז איהם איינגעפאַלען, אז טאָמער איז עס א משוגע׳נער. זייערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט. דער קרעמער האָט קיין אויג ניט אַראָפּגע־נומען פון פרידקין׳ען, זיך געוואָלט איבערצייגען צי איז עס טאַקע א משוגע׳נער און פרידקין האָט פון גרויס שרעק ניט געקאָנט איבערטראָגען דעם קרעמער׳ס בליק, האָט ער נאָך ברייטער צו־עפענט די אויגען, ניט קיין ריהר געטון מיט זיי און געקוקט אין דערזעלבער ריכטונג. דער קרעמער האָט ניט אויסגעהאַלטען, אַראָפּגעלאָזט די אויגען, א צושראָקענער זיך אהינטערגעשארט הינטער דער צאָהל־באַנק, פון זיכערקייט וועגען געכאַפּט די איי־זערנע מאָס אין דער האַנט און זיך געבעטען ביי פרידקין׳ען:

— אויב איהר וועט ניט אַרויסגעהן, וועלען די „באָמס“ די „ווינדע“ מיר אויסהאַקען!

פרידקין האָט אַראָפּגערוקט דעם שטייפען קאַפעליוש איבער די אויגען, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון רעקעל, פעסט געהאַל־טען דאָס העמד אונטער׳ן אָרעם און איז אַרויס פון קראָם. די קינדער האָבען זיך צושאָטען, געזעהן אז ער ציהט אָפּ, האָבען זיי צוריק זיך א לאָז געטון נאָך איהם מיט א הורא און וואָס איינער האָט נור געכאַפּט אין דער האַנט אריין, האָט ער איהם נאָכגע־וואָרפען. זיי האָבען איהם ארומגערינגעלט, פאַרלאָפען אין פּנים אריין און א קאַץ־מוזיק האָט איהם באַגלייט:

— האַללאָ, מיסטער פרידקין! אי, וואי!

— האַללאָ, רבי!

— רבי, רבי, רבי! אי, וואי, וואי!

— שבת־גוי!

— שבת־גוי!

— א בראָך צו דיין קאָפּ, מיסטער!

—אי, וואי, וואי, געפּילטע פיש!

פרידקין איז געלאָפן. ער האָט זיך עטליכע מאָל א שטעל אָפּ געטון, געפּיהלט, אז אויב ער וועט כאַפּען א איינגעל רייסט ער איהם אויס א האַנט, וועט איהם אָנכאַפּען פאַרביידע אויערען, דרעהען אזוי לאַנג, ביז ער וועט איהם ס'קעפּעל אַראָפּדרעהען, וועט איהם א שטיק באַק אויסרייסען, וועט איהם צופּאַסעווען, צושנייד דען אויף שטיקער. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבען די חברה זיך צושאָטען און ווי ער האָט זיך נור אויסגע־דרעהט, זיינען זיי שוין ווידער געווען אַרום איהם. אין מיטען לויפען איז איהם איינגעפאַלען, אז מענשען מיינען אז א משוגע'נער טראָגט זיך איבער די גאַסען און א באַנדע איינגלעך לויפען איהם נאָך. ער האָט געזעהן ווי מענשען שטעלען זיך אָפּ קוקען, מורא געהאַט אז א באַקאַנטער פון „היברו־סקול“ זאָל איהם ניט אַנטקעגען קומען, איז ער אַריין אין ערשטען טענעמענט הויז, וואָס ער איז פאַרביי געלאָפען. ער איז אַרויף אויפ'ן העכסטען שטאָק, גע־שטאַנען דאָרט ניט טויט, ניט לעבעדיג, ווי אַראָפּצוגעהן אויף דער גאַס וואָלט געהייסען גע'הרג'עט צו ווערען. ער האָט געהעשעט ווי אַן אויסגעמאַטערטער הונד, געפּיהלט א וועהטאָג אין דער זייט פון צופיעל לויפען און מיט אַמאָל איז איהם איינגעפאַלען, אז דאָ צו שטעהן איז ניט קיין פּלאַן — ס'קאָן נאָך אַרויסקומען א פרוי און איהם אָננעמען פאַר א גנב. ביים קלענסטען שאָרך האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז מען עפענט די טיר, מען באַפאַלט איהם, און ס'ערשטע מאָל אין לעבען האָט ער דערפיהלט, אז מלמדות איז א מיאוס'ע פרנסה, ערגער ווי צו זיין א שינדער. איהם האָבען זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ עטליכע איינגלעך און ער האָט געשוואָרען, אז זונטאָג וועט ער זיך מיט זיי אָפּרעכענען. פאַמעלעך געגומען געהן אַראָפּ פון איין שטאָק אויפ'ן צווייטען, געצעהלט די טרעפּען און זיך געשראָקען די קינדער זאָלען איהם ווידער ניט אָפּהאַלטען.

דעם קאָרידאָר איז ער דורכגעגאַנגען אויף די נעגעל, קוים גע־עפענט די טיר און אַרויסגעקוקט. די קינדער זיינען זיך שוין געהאַט

צוגאַנגען. ער האָט זיך גיך אַרויסגעכאַפּט און גענומען שפּרייזען אַהיים. איצט ערשט האָט ער זיך דערפילט מיעד. אַז ער איז אַהיים געקומען האָט ער מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער און געבליבען זיצען אין דער פינסטער אָהן כחות. ס'לעבען איז איהם ניט געווען ניחא. ער האָט געטראַכט, אַז גוט וואָס ער איז געגאַנגען אַליין. וואָס וואָלט ער אָבער געטון ווען ער געהט מיט שושנה'ן, צי מיט אַן אַנדער מיידעל? פינסטערע מחשבות האָבען זיך געלעגט איבער פרידקינ'ען, גע'טענה'ט צו איהם, אַז אויב ער בלייבט אַ מלמד, בלייבט ער אַן אייביגער בחור. נו, טאַקע, ווי וועט ער זיך ווייזען מיט דעם ווייב אויף דער גאַס? ער דאַרף זעהן וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון דער פּרנסה, זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל צושלאָגען צו עפּעס. דורך פּראַטעקציע קען מען אַלץ דערגרייכען! ער האָט זיך דערמאָנט אַן סעקרעטער, אַן זיין מיידעל, ניט געזעהן קיין בייז וואָס זי איז אַ גאַליציאַנער און געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט גענומען דעם שדוך ערנסט, וואָלט ער פיליכט שוין היינט געהאַט אַ „קאָנגרעגיישאָן", פון דעם וואָס ער פאַרדרעהט זיך אַ קאָפּ מיט שושנה'ן וועט קיין פּרנסה ניט זיין!

אַ מיעדער און אויסגעמאַטערטער האָט פרידקין זעהר געוואָלט שושנה זאָל היינט ניט קומען, איהר געוואונשען זי זאָל ברעכען הענט און פיס וואו זי איז, דען ווען ניט זי וואָלטען די אַלע צרות ניט געווען.

ער האָט אַ ציטער געטון — מען האָט אָנגעקלונגען. דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אַז שושנה קומט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טון מיט'ן העמד, פאַר כעס, וואָס ער קען עס ניט אָנטון, האָט ער עס צוקנייטשט, אַריינגעוואָרפען אין דער מלבושים שאַנק און זי פאַרהאַקט. ער האָט אינסטינקטיוו זיך פאַרקעמט מיט די פינגער די האָר, זיך אָפּגעפּוצט מיט די הענד דאָס רעקעל און איהר אַנטקעגען געגאַנגען. ער האָט באַמערקט ווי סאַשע זיצט אין עס-צימער אַן אָנגעבלאָזענער, זיך דערמאָהנט, אַז

אויף די שטיגען האָט ער איהם ניט באגריסט, האָט ער איצט א שאָקעל געטון צו איהם מיט'ן קאָפּ. סאשע האָט עס ניט באַמערקט, געהאַלטען די פיס אויף א שטוהל און אז פרידקין איז דורך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איהם נאָכגעקרימט ווי ער געהט, געשטעלט די פיס ווי א צועפּענטע שער און גערעדט צו זיך:

— א נו יעוואָ ק'טשאָרטו!

פרידקין איז געשטאַנען אין דער צועפּענטער טיר, געוואַרט מען זאָל ארויפקומען. סאשע איז אויך צוגעקומען, גערעכענט, אפשר קומט מען צו איהם, עטליכע מאָל אראָפּגעשריען ווער עס געהט און אז פרידקין האָט איהם פארזיכערט, אז דאָס געהט מען צו איהם, איז סאשע נאָך אַלץ געבליבען שטעהן.

שושנה האָט זיך מיט פרידקינען באגריסט און אָפּגעאָטעמט:

— איהר וואוינט אזוי הויך!

פרידקין האָט געשמייכעלט און געוויזען אויף דער אָפענער טיר:

— קומט אריין!

סאשע איז זיי נאָכגעגאַנגען, די הענד אין די הויזען־קעשענעס, געפּיהלט ווי די נכפּה עסט איהם און זיך געטראַכט ס'זאָל איהם געהן אין לעבען, ווענט ער זיי אָפּשפּיעלען א חתונה. ער האָט געשליידערט מיט די פיס וואָס ס'איז איהם געשטאַנען אין וועג, אריין אין קיך, וואו ס'ווייב איז געזעסען איבער א בוך און אויסגעשאָסען:

— כ'מאַך דעם א י נ ט י ל ל י ג ע נ ט נאָך היינט צו „מופּען“!

— וואָס שוין ווידער?

— כ'וויל ניט אין שטוב ביי מיר קיין מוידען! — האָט סאשע ארויסגעכאַפּט די הענד און זיך געהיצט — פאַר זעקס נישטיגע דאָלער א חודש זאָל יעדער מעגען קומען צו מיר אין הויז אריין?! ווי כ'בין א איד, וויערא, אז פּונקט צעהן א זייגער פארשליס איך דעם געז־מיטער און כ'מאַך נאַכט! און אויב דעם

א י נ ט ע ל ל י ג ע נ ט  געפעהלט ניט, קען ער מאָרגען „מופען"!
— סאַשע — האָט ס'ווייב איהם געוואָלט בארוהיגען — געה שלאָפען און מאַך ניט קיין לייטישע געלעכטער!
— איך געה ניט שלאָפען ביז די מויד וועט ניט ארויס פון מיין שטוב! איך דערלעג נאָך צו איהם! מיך קאָסט אליין דער צי־מער זעקס דאָלער און איצט וואו איז וועש און ווער איז דאָס מחויב איהם צו באדיענען, וועט ער מיר נאָך ברענען געז אויך? א וועהטאָג איהם אין די זייטען!
— סאַשע, אויב דו געהסט ניט שלאָפען, געה איך ארויס פון שטוב! — האָט וויערא צוגעמאַכט דאָס בוך און אריין אין צוויי־טען צימער זיך בעטען דאָס בעט.
פרידקין האָט לייכט געעפענט די טיר, דערזעהן די בעל־הבית'טע און זי געפרעגט:
— האָט איהר אפשר א גלאָז טעע?
— אפילו צעהן, — האָט די בעל־הבית'טע א שמייכעל גע־טון, אויפגעהערט בעטען און אריין מיט איהם אין קיך.
סאַשע האָט זיך פארשעהמט פאר פרידקינען און זיך גענומען פאַרען ביי דער „סינק". איהם האָט געקרענקט פארוואָס פריד־קין באמערקט איהם ניט, געוועזן בייז אויפ'ן ווייב, פארוואָס זי שמייכעלט, זעהר געוואָלט ווייזען פרידקינען אז ער, סאַשע, איז דאָ דער בעל־הבית און ווען וויערא האָט געהאַלטען אין אָנגיסען דעם טעע, האָט ער זי מיט אמאָל א פרעג געטון:
— וואו האַלסטו די „ריסיטס" פון דער מאַשין?
— געהסט דאָך שלאָפען, וואָס דארפסטו די „ריסיטס"?
ער האָט ניט געענטפערט, אַן עפּעס געטון דעם בופעט און גענומען ווארפען אויף דער פּאָדלאָגע וואָס ס'איז איהם געקומען אין דער האנד אריין. ער האָט די קוויטאַנציעס ניט געפונען, האָט ער זיך א דרעה אוים געטון צום ווייב מיט פארקוועטשטע פויסטען:
— איך רעד און א הונד בילט איז ביי דיר אלץ איינס! ווי ו'בין א איד, ג'געה היינט אוועק פון שטוב! וואָס מיינסטו, כ'וועל

ארבייטען פאר'ן טייוועל און דו וועסט לייענען ביכער? **איצט,** אז דו האסט ניט די „רעסיטס", געה און באצאהל זינגער'ן נאָך א מאָל פאר דער מאשין! אז נאָך פאר דער חתונה האב איך גע־וואוסט, אז ס'איז ניט קיין שידוך פאר מיר!

— משוגע'נער, — האט ס'ווייב כלומרשט געלאכט, זיך גע־שעהמט פאר פרידקינען און געוואָלט פארגלעטען ס'זאָל אויסקו־מען ווי א שפאס, — וואס ווארפסטו אלץ ארוים? ס'ליגט ניט דאָרט!

— וואו דען ליגען זיי? — האט ער א געשריי געטאָן, אז ס'ווייב האט זיך אזש אָפּגערוקט.

— ביזט טאקע דער בעל־הבית — האט זי מעהר זיך ניט גע־קענט איינהאלטען, — נאָר ווייז ניט דיינע הינטישע שטיק! מען ווייס אזוי אויך ווער דו ביזט!

— כ'געפעהל דיר ניט, מיין געלערנטע דאמע? האסט א בריה! אפילו יעצט! — איז פאשע אונטערגעגאנגען נעהענטער צום ווייב.

פרידקין האט זיך דערשראָקען, מורא געהאט פאשע זאָל איהם אמאָל ניט אָפּשפּילען א חתונה, האט ער געכאפט די צוויי גלעזער טעע און מיט א נעביך פנים אריין צו זיך אין צימער.

שושנה איז געשטאנען ביים שפיגעל, זיך איבערגעקעמט די האָר, זיי אריבערגעוואָרפען אין צוויי פאסמעס איבער די אקסלען, געקוקט פונ'ם שפיגעל אויף פרידקינען, געזעהן, אז ער איז גלייכ־גילטיג, האט זי פארדרעהט די פאסמעס אין א קנופּ, איהם פאר־שטאָכען מיט האָר־נאָדלען, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעטעל און א הויב געטון מיט די אקסלען:

— טעע.

זי האט עטליכע זופּ געטון, איבערגעוואָרפען אלע ביכער, וואס זיינען געלעגען אויפ'ן טיש, באקוקט די ריפּראָדוקציעס, וואס זיינען געהאנגען אויף דער וואנד, אריינגעקוקט אין דעם קליידער שאנק, איז פרידקינען איינגעפאלען, אז זי קאָן נאָך אויפרוקען דעם שופ־

לאָד מיט די ברידיגע וועש. ער האָט זיך אַזוי אָוועקגעשטעלט, ער זאָל פאַרשטעלען דעם שופלאָד, געוואָלט פאַרפיהרען אַ שמועס, ניט געוואוסט ווי, און סתם אַ זאָג געטון:

— פאַר וואָס טרינקט איהר ניט, דער טעע ווערט דאָך קאַלט?

— איהר ווייסט, מיסטער פרידקין — האָט שושנה זיך צו־ריק צוועקגעזעצט אויפ׳ן בעטעל, — כ׳דאַרף זיך לערנען ענגליש!

— איהר קענט דען ניט?

זי האָט אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ אויף ניין און זיך אָנגע־רופען מיט אַ שולדיגע מינע:

— קריגט מיר עפּעס אַ לעהרער?

— פאַר פערציג סענט אַ לעסאָן קענט איהר קריגען אַ גוטען לעהרער!

— כ׳האָב קיין געלד ניט — האָט שושנה אַ הויב געטון מיט די אַקסלען.

— ר׳ווייסט, ווען ס׳מאַכט זיך מיר כ׳זאָל איינעם לערנען העברעאיש און דערפאַר זאָל מען מיך לערנען ענגליש...

— אַז איהר ווילט, וועל איך אייך לערנען — האָט פרידקין איהר פאָרגעשלאָגען, און געטראַכט, אַז אַזוי נאָך הויבען זיך אָן אַלע ליעבעס.

— איהר קענט דאָך בעסער העברעאיש פון מיר! — האָט שושנה ניט ווילענדיג אָנגעריהרט מיט די שפּיץ פינגער זיין האַנד.

— רעדען קען איך ניט!

— גוט, נו — האָט שושנה אַ פּאַטש געטון איין האַנד אָן דער צווייטער און איז אויפגעשפּרונגען — ווען פאַנגען מיר אָן?

— אפילו איצט!

זי האָט געטון עטליכע זופּ, אָוועקגערוקט דאָס גלאָז טעע, גע־נומען פון טיש אַ ליידיג זייטעל פּאַפּיער און עס גענומען רייסען אין שטיקלעך, די שטיקלעך אין נאָך קלענערע און באַשאָטען מיט זיי דעם טיש.

פרידקין האָט דערווייל גענומען זוכען צווישען זיינע ביכער און זי א פרעג געטון :

— איהר קענט גאָר קיין ענגליש ניט?

— אביסעל פאַרשטעה איך!

אין א ווייל ארום זיינען זיי ביידע געזעסען ביי א קיילעכ־דיג טישעל און וואו זיי האָבען זיך ניט געזעצט, געוואָלט ס׳זאָל אויסקומען באַקוועמער, האָבען זייערע פיס זיך אָלץ צוזאַמענגע־טראָפען. שושנה האָט געלייענט א מעשה וועגען א שלאָפעדיגער פרינצעסין, הנאה געהאַט פון ארויסריידען די ווערטער און ס׳האָט אויסגעזעהן, אז דער בלויזער פּראָצעס פון לייענען באַפרידיגט זי. פרידקין איז געזעסען ווי אין פיבער, געפיהלט ווי זיינע פיס צי־טערען און עס ווערט איהם אָלץ וואַרימער. ער האָט געקוקט פון דער זייט, באַטראַכט איהר ברוינעם האַלז, דעם קאָפּ האָר, געזעהן ווי פון דער אָפּשטעהענדער בלוזע קוקט ארויס א בלויע שלייפעל און די ברוסטען, צוויי קליינע, שטייפע עפּעלעך, זעהען זיך ארויס ביז אין דער העלפט. ער האָט נאָך אַזעלכע קליינע ברוסטען קיינ־מאָל ניט געהאַט געזעהן. ער האָט געלייענט, געהערט פון חברים, אז מיינסטען ראָמאַנען הויבען זיך אָן פון א לעסאָן, עפּעס ניט געגלויבט און אין דער זעלבער צייט האָט איהם דער בלויזער גע־דאַנק, אז ס׳קען עפּעס ווערען, געלאַטשעטשעט און גערעגט. ער האָט געפיהלט ווי זיינע פיס וויעגען זיך אין אַן אנגענעמע וואַרימקייט, עפּעס פּלאָנטערט זיך ארום איהם, געוועןאין א פאַרלעגענהייט, ווי ר׳נאָך מען קריכט ארויס פון דעם פּלאָנטער און פיעל מאָל ניט געכאַפּט וואָס שושנה רעדט צו איהם. מיט׳ן שכל האָט ער פאַר־שטאַנען, אז א צווייטער אויף זיין פּלאַץ וואָלט אין מיטען לייענען זי ארומגענומען ארום דער טאַליע, גאָרניט מאַכענדיג זיך דערפון, וואָלט זיך נעהענטער צוגערוקט, און דער געדאַנק האָט זיך ביי איהם אַזוי אויסגעשפּיצט, אז פון בלויזען רוקען זיך נעהענטער וואָלט איינער אריין אינ׳ם צווייטען. זי וואָלט אָלץ געהאַלטען אין איין לייענען, וואָלט געוועןאַזוי פאַרטון אין דער מעשה פון דער שלאָ־

פענדער פרינצעסין, אַז זי וואָלט קיין זאַך ניט באַמערקט. דער־נאָך, אַז מען האַלט זי שוין פעסט, פאַרוואַרפט מען איהר קאָפּ צו זיך אויף דער ברוסט, דאָס ביכעל פאַרמאַכט מען, צי מען וואַרפט עס אַרונטער אויף דער פאָדלאָגע און — — — דאָס אַלץ האָט פרידקין פאַרשטאַנען מיט'ן שכל, געפיהלט ווי די הענד ריהרען זיך ניט פון אָרט, ווי זיי וואָלטען געווען געלעהמט. איהם איז מיט אַמאָל אויפ'ן זינען געקומען, ווי די קינדער האָבען איהם געיאָגט, ווי ער איז געלאָפען ווי אַ משוגע'נער איבער'ן גאַס, מענשען האָ־בען נאָכגעקוקט און איצט זיצט ער מיט אַ מיידעל, איז איהם אַלץ אויסגעקומען אַזוי וואָכעדיג און ער איז נאָך מעהר ביי זיך גע־פאַלען.

— איהר שלאָפט? — האָט זי איהם אָנגנומען פאַר אַ האַנד, — ווי לייענט מען דאָס וואָרט?

פרידקין האָט זיך פאַרלאָרען, ניט געקאָנט איהר קוקען אין פנים אַריין, ווי זי וואָלט געוואוסט זיינע רעיונות, איבערגעלייענט דאָס וואָרט און אין געדאַנק זיך גענומען זידלען. ער האָט באַ־מערקט ווי שושנה לייענט אַלץ פאַמעליכער, ווי זי וואָלט זיך גע־קליבען איינשלאָפען, איהרע פיס ליגען כמעט אויף זיינע, איהרע שפּיץ פינגער בריהען איהם און אין צימער איז מיט מאָל גע־וואָרען אַזוי היים, דאָס טישעל האָט זיך געלייגט אויף איהם, ווי אַ שווערע משא, האָט פרידקין אַליין ניט וויסענדיג ווי ר'נאַך, דערפיהלט שושנה'ס קאָפּ אויף זיך. דאָס ביכעל איז טאַקע אַראָפּ־געפאַלען, געלעגן אונטער זייערע פיס. די שווערע, פליישיגע שושנה איז געזעסען אויף זיינע קניהען און ער האָט זיך גע'חדוש'ט ווי לייכט זי איז.

שושנה האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעריסען פון זיינע הענד:

— מען געהט?!

פרידקין האָט זיך איינגעהערט און זי גענומען באַרוהיגען:

— וואָס פאַלט אייך איין, ס'געהט קיינער ניט!

זי איז געבליבען זיצען אויף אַ ווינקעל פון בעט, די האָר צו־

שאָטען, געקוקט אזוי ווילד און אונבעהאָלפען אויף פרידקינען, ווי ער וואָלט זי אומגליקליך געמאַכט.

פרידקין האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען איהר קוק, פון זי־כערקייט וועגען גענומען פארשליסען די טהיר.

שושנה האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איהם:

— כ׳בעט אייך, דאָס טוט ניט, פארשליסט ניט...

ער האָט זי ארומגענומען, אָנגעהויבען בארוהיגען, געפיהלט אויף זיינע הענד איהרע טרעהרען, געוואָלט זי צוריק אוועקזעצען, האָט זיך שושנה צוהעשעט.

פרידקין האָט ניט געוואוסט וואָס צו טון, מורא געהאט מען זאָל ניט דערהערען אין צווייטען צימער ווי זי וויינט און געשטא־מעלט:

—וואָס איז, שושנה, ס׳איז אייך ניט גוט? איהר ווילט אפשר אביסעל וואסער?

זי האָט ניט געענטפערט, געבליבען מיט׳ן פּנים אויף זיינע הענד, געוויינט און געציטערט ווי א פיש. פרידקין האָט ניט פאר־שטאנען פארוואָס זי וויינט. ער האָט דאָך איהר גאָר ניט געטון? נו, אז מען טוט א מיידעל א קוש, דארף מען מאכען אזא חתונה? און ווען ניט זי, וואָלט ער איהר אפשר קיינמאָל קיין קוש געטון! פון פארדרוס האָט ער איהר געגלעט דעם קאָפּ און זיך געבעטען:

— שושנה, נו בארוהיגט אייך, שושנה... מען קען נאָך אריינ־קומען...

זי האָט זיך געווישט מיט א טיכעל די אויגען, דערנאָך גע־נומען זיין האנד אין איהרע און איהם געפרעגט:

— האָסט מיך ליעב?

פרידקין האָט זיך צופינטעלט, ניט געוואוסט וואָס צו ענט־פערען און געשטאַמעלט:

— כ׳מיין... כ׳וויים... ווי דען...

— איהר דארפט וויסען — איז שושנה געוואָרען דרייסטער און זיך גענומען שפּיעלען מיט זיינע פינגער — אז מיך האָט נאָך

קיינער ניט געקושט, אַז איהר ווילט ניט, גלויבט ניט, נאָר כ׳פּאַר־זיכער אייך, אַז איהר זייט דער ערשטער!

פון צווייטען צימער האָבען זיך געהערט גוואַלדען, ווי מענ־שען וואָלטען זיך געצאַמפּערט. פרידקין מיט שושנה׳ן האָבען זיך אַ ווייל אייגגעהערט און געבליבען זיצען ארומגענומענע אויפ׳ן בעטעל. זי האָט איהם געלעקט דאָס פּנים:

— כ׳וועל אייך זאָגען דעם אמת, פון ערשטען מאָל, ווען כ׳האָב מיט אייך גערעדט, זייט איהר מיר געפעלען געוואָרען... אַן איינזאַמער, עלענדער בחור און אַז מען איז ניט שעהן, טאָ וואָס? דאָס איז ניט אַלץ! איך בין אויך עלענד, האָב איך גע־טראַכט, אַז מיר וואָלטען געוועזן אַ גוט פּאַרעל! נו טאַקע, איהר וואָלט ניט געדאַרפט נעמען אויף זיך אַן איבעריגען עול! מיר וואָלטען געלעבט ווי איצט, איך פאַרדיען פאַר מיר! איבריגענס, אַז כ׳וועל זיך אביסעל „אויסגרינען" רעכען איך אַליין צו עפענען אַ פּלאַץ.

— וואָס, איהר זייט אַ גוטע שניידערין?

— כ׳מאַך אַליין אַ גוט שטיקעל ארבייט! ווען כ׳וואָלט ניט געקענט, וואָלט איך ניט געאַרבייט אין אַזאַ רייך פּלאַץ!

די קולות אין צווייטען צימער זיינען געוואָרען העכער. זיי האָבען זיך איבערגעקוקט, געהויבען מיט די אַקסלען.

— מען קריעגט זיך? — האָט שושנה געפרעגט.

— מיין בעל־הבית איז אַ משוגע׳נער!

דער גאַז־פלאַם האָט זיך אָנגעהויבען צו זעצען און אין צי־מער איז געוואָרען טונקעל.

די געז געהט אויס — האָט שושנה זיך אויפגעשטעלט.

פרידקין האָט גאָרניט געענטפערט, אַ צוטראָגענער געקוקט, ווי דאָס פלעמעל ווערט אַלץ קלענער, געוואוסט, אַז די געז קען ניט אויסגעהן, ס׳איז ניט קיין „קוואָדער־מיטער", און זיך גע־ישוב׳ט צי ער זאָל ארייַן צו סאַשע׳ן, צי ניט. מיט אַמאָל איז געוואָרען שטאָק־פינסטער. פרידקין האָט אַן עפען געטון די טהיר,

ניט געוואוסט, וואָס ס׳איז מיט אַמאָל געוואָרען, געבליבען שטעהן אין דער טהיר און זיך איינגעהערט.

— איך דאַרף ניט מען זאָל ברענען מיין געז! — האָט זיך געהערט סאַשע׳ס קול — איך דערלעג צום באַרדער! מיך קאָסט מעהר ווי זעקס דאָלאַר דאָס צימער! לאָז ער „ארויסמופען״! איך וועל יעדען אָבענד אָפּשליסען די געז!

— ביזט א גראָבער יונג — האָט וויערא וויינענדיג געענט־פערט — ווי באַליידיגט מען אַזוי מענשען? מען לאָזט זיי זי־צען אין דער פינסטער? ווילסט טייערער פאַר׳ן צימער, זאָג, ניט פאַרדרעהען די געז, ווען אַ פרעמדער מענש איז אין הויז!

פרידקין האָט זיך געכאַפּט אַז סאַשע האָט אָפּגעשלאָסען די געז און אַ באַליידיגטער צוריק אריין צו זיך. ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טון פון פאַרדרוס, אַ לענגערע צייט געשטאַנען מיט שושנה׳ן ביי דער טהיר, געוואַרט און זיך איינגעהערט, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט מען זאָל זיך ניט וואַרפען אויף זיי. פאַר־מעלעך האָט ער געעפענט די טהיר, געשטאַנען אַ ווייִלע מיט אַן אָנגעשפּיצט אויער, און אַז ער האָט גאָרניט מעהר געהערט, האָט ער מיט שושנה׳ן זיך גענומען גנב׳ענען אויף די שפּיץ נעגעל, גע־טאַפּט אין דער פינסטער און ביז ער האָט געעפענט די טהיר און ארויס אין קאָרידאָר אריין, איז איהם עטליכע מאָל הויל געוואָרען ביים האַרץ, יעדעס מאָל געמיינט אַז סאַשע באַפאַלט איהם.

## 11.

צומאָרגענס איז פרידקין געלעגען ביז א שטיק אויפ'ן טאָג אין בעטעל און אַלץ געטראַכט, אַז ער וועט מוזען זיך געהן זוכען אַן אַנדער צימער. ער וועט זיך ניט לאָזען באַליידיגען פון אַזאַ גראָבען יונג, ווי סאַשע! דערצו האָט ער צוגעזאָגט שושנה'ן, אַז נאָך היינט געהט ער זוכען אַ דירה. נו טאַקע, ס'קומט צו איהם אַ מיידעל צו גאַסט, שליסט מען אָפּ די גאַז און מען לאָזט איהם זי־צען אין דער פינסטער! וואָס, ער צאָהלט ניט? אַ שווינעריי! וואָלט לאַנג זיך שוין אויפגעהויבען, האָט ער אָבער אָפּגעמאַכט מעהר ניט אַריינצוגעהן צו די בעלי־בתים, נעלעגען אַביסעל לענגער ער זאָל זיך איינשפּאָרען דעם אָנבייסען און קענען גלייך געהן עסען מיטאָג. נאָך היינט לאָזט ער זיי וויסען, אַז ער ציהט זיך אַרויס. טיעף אין הארצען האָט איהם באַנג געטון נאָך וואָס ער האָט פאַרפיהרט אַן עסק מיט שושנה'ן און צומיינסטען האָט ער זיך געערגערט צו וואָס ער האָט זיך נעאיילט איהר געבען אַ וואָרט.

איז עס טאַקי וואהר אַז אַ בחור זאָל זי קיינמאָל ניט האָבען גע־קושט? אַ מיידעל וואָס דרעהט זיך תמיד צווישען בחורים און אַ געוואַלדיג שעהנע איז זי אויך ניט? דערצו אויב ער פאַרבינדט זיך מיט איהר, מוז ער אויפגעבען אַלע פּלענער, וועט בלייבען אויפ'ן גאַנצען לעבען אַ מלמד... ער וואָלט זעהר גערן זיך גע־וואָלט אַרויסדרעהען פון איהר, געפיהלט, אַז ער קריכט אַריין אין אַ פּלאָנטער. צו אַלע צרות איז נאָך איצט צוגעקומען אַ נייע— געהע און זוך אַ צימער. און דו ווייסט שוין וואו דו פּאַלסט אַריין? דאָ איז ער שוין צוגעוואוינט, זיך איינגעלעבט מיט דער בעל־הבית'טע און מיט אַמאָל נעהם אַראָפּ די בילדער פון די ווענד, די ביכער פון טיש, פּאַק אַלץ איין און דער איטאַליענער וואָס פיהרט אייז וועט דיך אויף זיין גאַס ווענעלע איבערציהען. פרידקין האָט

פון יעדער קלייניגקייט געמאַכט אַ ווענען, גענומען יעדע זאַך אַזוי שווער אַז ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן אומגליקליכען מענשען.

שפּעט אויפ׳ן טאָג איז ער אַרויס פון בעטעל, זיך געשעהמט צו געהן זיך אַרומוואַשען, לאַנג געשטאַנען הינטער דער טהיר און זיך איינגעהערט. ס׳איז געווען שטיל. ער האָט לייכט געעפענט די טהיר, זיך ווידער איינגעהערט און זיך גענומען גנב׳ענען אין באַד־צימער אַריין. אַן אַרומגעוואַשענער האָט ער דערפיהלט, אַז ס׳הונגערט איהם, באַמערקט אַז אין שטוב איז קיינער ניטאָ און געכאַפּט אַ קוק אין קיך. אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען אָנגעגרייט דער אָנבייסען פאַר איהם. ער האָט איהם כמעט שטעהענדיגער־הייט אַריינגעכאַפּט, זיך עטוואָס בארוהיגט און ווי אַ איינגעל, ווען ער וויל ניט געהן אין חדר, נעמט זוכען תירוצים, אַבי ניט צו האָבען קיין געוויסענסביסע, אַזוי האָט פרידקין איצט גענומען אויסזוכען בלויז מעלות און שבחים אויף זיין בעל־הבית׳טע, אַבי ניט צו דאַרפען געהן זוכען אַן אַנדער צימער.

ער האָט געהערט ווי זיין בעל־הבית׳טע מיט׳ן קינד זיינען אָנגעקומען פון דער גאַס, איז ער צוריק אַריין צו זיך. ער האָט השק געהאַט אַרויסצוגעהן צו איהר, זיך מיט איהר אויסשמועסען, פאַרוואָס ס׳איז איהם געקומען אַזוי גראָב צו באַהאַנדלען, געהאַט די גאַנצע דרשה אויף דער שפּיץ צונג, זיך עטליכע מאָל אָפּגעשטעלט און געבליבען יעדעס מאָל שטעהן ביי דער טיר. ער האָט געהערט ווי זי שלעפּערט איין דאָס קינד, ניט געהאַט קיין מוט אַרויסצוגעהן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך געוויעגט אויף דער שטול, זיך צוגעהאַלטען מיט איין פינגער אָן טיש ער זאָל ניט אָנווערען דעם גלייכגעוויכט, און, זיך געפּלאָנטערט ווי אין אַ שפּינוועב. ער האָט אָפּגעפּטר׳ט מעהר ווי אַ האַלב לעבען, גאָר־ניט געטאָן פאַר זיך און איצט איז איהם נאָך ערגער, ווי מיט פופצעהן יאָהר צוריק, ווען ער איז נאָר אַריבערגעקומען. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפיהלט אַלט, צובראָכען, מיט אַ צוקנייטשט פּנים און אַ שרעק, אַז ער וועט שוין אַזוי ס׳גאַנצע לעבען

אפפינסטערען אין אזא צימערעל, האט איהם ארומגענומען. ער האט פארמאכט די אויגען, געזעהן ווי די פליגען וואס אויף דער וואנט, אויף דער סטעליע, צוואוואקסען זיך, ווערען פארוואנדעלט אין שפינען. די שפינען רעדלען זיך ארויף, אראפ, ציהען אן פעדים פון אלע ווינקלען, פלעכטען זיך ארום איהם.

די בעל־הבית'טע איז אריין א בלאסע, געוואלט א שמייכעל טון, געזעהן פרידקינ'ס צורודערט און ערנסט פנים, איז דער שמייכעל ערגעץ אינעוועניג ביי איהר געבליבען שטעקען און אן איבערגעשראקענע האט זי געשטעלט א טריט אויף צוריק, ווי זי וואלט געוואלט צוריקגעהן, און אנגעהויבען צו שטאמלען:

— מיסטער פרידקין... איהר דארפט זיך גארניט מאכען דערפון... ער איז משוגע...

— דארף מען מיך אזוי באליידיגען און אויסלעשען די געז?

— אז ער פארשווארצט מיר תמיד ס'פנים — האט די בעל־הבית'טע זיך גענומען ווישען די אויגען — וואס האב איך ביי איהם? איהר זעהט דאך! כ'וואלט געגאנגען פאר א קעכין, וואלט איך מעהר געהאט! כ'טענה מיט איהם, משוגע'נער, מיסטער פרידקין ברענט אוים צופיעל געז, בעט נאך א האלבען דאלאר א חדש, ניט געהסט אפשליסען די געז? פאלגט ער מיך? ער האט דאך שיעור מיך ניט געוואלט אויפעסען!...

די בעל־הבית'טע האט געווישט די רויטע אויגען, געשטאנען אין דער טיר און לייכט געהעשעט. פרידקין האט זיך איינגעקוקט, זי געוואלט בארוהיגען און א זאג געטון:

— וואוינט מען ניט מיט איהם!

— דער סוף וועט זיין, אז מיר וועלען זיך צוגעהן — האט די בעל־הבית'טע צרויסגעוויינט — איהר זייט נאר א מבין, וואס ־ער מענש טיילט מיר אוים? וואו כ'געה מיט איהם האב איך חרפות און בושות! מעהר ווי ס'לעפעל עסען ביי איהם האב איך ניט, דארף מען שטעהן מיט אזא נישט?

פרידקין האט זיך גענומען דרעהען ארום איהר, ווי אן אלטער

קאַטער אַרום אַ הייסע שיסעל מילך. ער האָט געפּריסקעט, גע־שמעקט, זי באַרוהיגט און נאָך אַ לענגערען ישוב־הדעת זי אָנגע־נומען פאַר די הענט:

— נעמען זיך שטאַרק צום האַרצען דאַרף מען אויך ניט!

— אַז איהר ווייסט ניט, מיסטער פרידקין — האָט זי לייכט זיך אַרויסגעדרעהט פון זיינע הענט און אָנגעשטעלט אַ שנעבעלע — וואָס איך האָב איבערגעלעבט פון נעכטען אָן! כ'בין דאָך שיעור ניט משוגע געוואָרען!

פרידקין איז געוואָרען גערירט און איהר גענומען גלעטען די האָר. זי האָט עטוואָס איינגעבויגען דעם קאָפּ, געגלעט מיט איהרע אויסגעאַרבייטע פינגער זיינע הענט. זייערע פינגער האָבען זיך איינגעפלאָכטען, געציטערט אוןביידע האָבען זיך מיט גלאַנציגע פאַרלאָפענע אויגען אָנגעקוקט איבער אַ מינוט. אַ כוואַליע היץ האָט מיט אַמאָל אַ שלאָג געטון איבער זייערע קעפּ, זיי צוגעפיהרט צום ניט אויפגעבעטען בעטעל. זי האָט אויף שטום־לשון זיך עפּעס געבעטען ביי איהם מיט די אויגען, זיך לייכט געוועהרט, איהם אַ קוש געטון. ער האָט קיין זאַך ניט געזעהן, געפיהלט בלויז ווי די כוואַליע היץ פאַראַליזירט איהם.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיי האַלב־פאַרשעהמטע זיך אָנ־געקוקט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערען פון צווייטען, בלייבען מיט זיך. סיי פרידקין, סיי וויערא האָבען ניט געגלויבט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. יעדער פון זיי האָט געפיהלט פון זיינע אייגענע הענט דאָס לייב פון צווייטען.

וויערא האָט איינגעגראָבען דאָס פּנים אין קישען און אַזוי גע־בליבען ליגען. פרידקין האָט זיך געפיהלט שולדיג, אויפגעהויבען איהר קאָפּ און זיך געבעטען:

— וויערא, ביזט בייז? זיי ניט בייז!

— כ'בין ניט — האָט זי אַ פאַרשעהמטע געענטפערט און איהם ניט געקענט קוקען אין די אויגען אַריין — קוקט ניט אויף מיר אַזוי־ איהר זעהט אויס ווי איהר וואָלט געטרונקען אַפּיום־

— דו ווייסט — האָט זי פרידקין ארומגענומען — כ'האָב שוין לאַנג געבענקט נאָך דיר.

— האָב איך אייך די ערשטע צייט פיינד געהאַט! — האָט וויערא געשמייכעלט און נים אויפגעהויבען די אויגען.

— פאַרוואָס?

ביידע האָבען זיך מיט אַמאָל אָנגעקוקט, ווי איינער וואָלט גע־לייגט די שולד אויפ'ן צווייטען און זיך אויפגעשטעלט. מען האָט אָנגעקלונגען.

— עפענט נים — האָט וויערא אָפּגעשטעלט פרידקינ'ען.

— אפשר איז עס צו מיר?

— אָל־רייט, כ'עפען גלייך — האָט וויערא זיך צורעכט גע־מאַכט די האָר און ארויס פון צימער.

פרידקין איז געבליבען אין דער טיר, געווען נייגעריג ווער עס קען איצט צו איהם קומען. אָן די טריט האָט ער דערקענט סאַשע'ן, עפּעס נים געגלויבט און אַ פאַרציטערטער זיך איינגעהערט. ס'איז געווען סאַשע. פרידקין האָט אויף גיך צוגעמאַכט די טיר, זי פאַר־מעלעך צוגעשלאָסען, קוועטשענדיג דעם שליסעל, מען זאָל נים הע־רען און געווען זיכער, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער. סאַשע וועט געווים דערקענען וואָס דאָ איז געווען, וועט באַלד אויפברעכען די טיר, איהר פרעגען אַ „פּרעטענזיע". ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערען, געהערט טעמפּע קולות, באַלד אַ פאַרשטיקט געוויין און אַ בלאָסער, מיט אַ הוילקייט ביים האַרץ, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס אָפּגעריסען, האָט ער געוואַרט מען זאָל אָנקלאַפּען אין טיר. ער האָט אַ קוק געטון דורכ'ן פענסטער, געקלערט צי מען קען זיך נים אָפּטראָגען. די הויך האָט איהם אַ שווינדעל געטון פאַר די אויגען און ער האָט זיך אָפּגערוקט. פון זיכערקייט וועגען האָט ער געעפענט זיין קליין מעסערעל, אַז אפשר וואָס, ווען, זאָל ער האָ־בען מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיגען און געבליבען שטעהן ביי דער טיר. קאַלטע טראָפּענס שווייס האָבען ארויסגעשלאָגען ביי איהם אויפ'ן שטערען און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ גע־

לייענט פּונקט אַזאַ מעשה, ווי ס'האָט מיט איהם דאָ פּאַסירט, דער אונטערשייד איז, וואָס דאָרט רופט מען זיך אַרויס אויף אַ דועל.

— מיסער פרידקין... פּליעז, מיסטער פרידקין...

פרידקין האָט געפּיהלט ווי די כחות גערען איהם אויס, ווי סאַשע וואַרפט זיך אויף איהם. ער האָט קוים געפּענט די טיר, פעסט געהאַלטען דאָס צופּענטע מעסערל און געוואַרט.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מיסטער פרידקין — האָט סאַשע פאַרלוירען געשמייכעלט — כ'מיין, איהר דאַרפט זיך דערפון גאָרניט מאַכען, וואָס 'איז נעכטען געווען... — ס'טרעפט אַמאָל, כ'האָב נעכטען אין אַ רומענישען קעלער איבערגעכאַפּט די מאָס, איהר ווייסט דאָך, האַ, האַ, האַ!

מען האָט אָנגעקלונגען. סאַשע איז געלאָפען עפענען די טיר. אַ קרענקליך צופלאַמטער מיט אַ פּאָר פאַרלאָפענע אויגען, איז ער געבליבען שטעהן. ער האָט אינסטינקטיוו דורכגענומען זיינע פינף פינגער איבער'ן צושויבערען קאָפּ האָר, וואו פון פאָרענט זיינען זיי געווען שיטער און אויפ'ן סאַמע פראָנט זיך אַוועקגעשטעלט אין צוויי צונויפגעפלאָנטערטע שפּיצען, ווי מען מאָלט געוועהנליך די הערנער ביים טייוועל.

פון זיינע אייגענע פינגער האָט איהם אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין דער ריח פון וויערא'ס לייב או וואו ער האָט זיך ניט אַ דרעה געטון האָט ער געפּיהלט דעם ריח פון פּוידער און שווייצער קעז. ער האָט באַמערקט אַרום איינעם פון זיינע קנעפּלאָך אַ לאַנגע שוואַרצע האָר, זי אַוועקגענומען און איבער אַ רגע ניט געקענט פּטור ווערען פון איהר. ווי ער האָט זי ניט געוואָרפען, האָט זיך די האָר ווי אַ דין שלענגעל געדרעהט, זיך ניט געוואָלט אָפּוויקלען ביז ער האָט פון כעס זי ניט צוריסען אויף שטיקלעך.

— האַלאָ, פרידקין, — איז קרוזע אַריין.

— פרידקין איז אַזוי איבעראַשט געוואָרען, זעהענדיג פאַר זיך קרוזע'ן, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסען איהם צו באַגריסען.

דער דיקער קרוזע האָט זיך אַוועקגעזעצט, געפּראַכט ווי אַ

גאַנץ און איידער פרידקין האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט ער איהם געפרעגט:

— וואָס איז דער מעהר, פרידקין? ביזט ניט געזונט? זעה נור ווי דו זעהסט אויס? ווי א האָהן נאָך תשמיש!

פרידקין האָט זיך פאַרלוירען, צוגעגאַנגען צום שפּיגעל, זיך כלומרש גע'חדושט צי ער זעהט טאַקע שלעכט אויס און א הויב געטון מיט אַן אַקסעל:

— כ'בין עפּעס ניט מיט אַלעמען!

קרוזע איז ניט איינגעזעסען, זיך איבערגעגאַנגען איבער'ן צימער און זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעטעל. ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין א האָר־נידעל, וואָס איז דאָרט געלעגען, זי געבויגען, דערנאָך זי באַטראַכט, זיך א כאַפּ געטון און עס אונטערגעטראָגען פרידקינ'ען מיט א שמייכעל:

— פון וואַן קומט עס צו דיר?

פרידקין איז בלאַס געוואָרען, גענומען פון איהם די האָר־נאָדעל, ווי ער וואָלט עס צום ערשטען מאָל געזעהן און זיך מיט אַמאָל איינגעקאָרטשעט ווי אַן אַלטער, ערטערווייז אויסגעצופּטער האָהן:

— כ'וויים טאַקע ניט!

— עה, זיי זיך מודה, — האָט קרוזע איהם א קיצעל געטון אונטער'ן אָרעם.

— האָסט ניט פאַרגעסען דיינע אַלטע שטיק! — האָט פרידקין איהם א קלאַפּ געטון איבער די פּלייצעס און זיך כלומרש אויך צולאַכט — נו, וואָס הערט זיך?

— ווייסט, זיסקינד לערנט שוין ניט אין דער תלמוד־תורה!

פרידקין האָט אַן אַלעם פאַרגעסען און אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען:

— מען האָט איהם אָפּגעזאָגט?

— ער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט!

— וואָס הייסט, ער האָט אַן אַנדער שטעל?

— יאָ!

— וואו ?

קרוזע האט זיך אויפגעשטעלט, זיך דורכגעגאנגען עטליכע מאל איבער׳ן צימער, זיך צוריק אוועקגעזעצט, זיך פארטראכט, אפנים פארגעסען אז פרידקין ווארט אויף אן ענטפער.

— וואס, ס׳איז עפעס געשעהן מיט זיסקינד׳ען ?

— אה, — האט קרוזע זיך א חאפ געטון — ברעכט ער דעם קאפ, כ׳פארגין זיי נאך א משומד, אז א צווייג, פארשטעהסטו מיך, נעמט איינדארען, איז וואס גיכער זי ברעכט זיך אפ, פאלט ארונ־טער, אלץ געזונטער פאר׳ן בוים... ווען ניט דאס ווייבעל, וואלט איך א שפיי געטון און פטור ! זאגסטו, ער איז ניט געווען דא ?

— מיינסט עס מיט אן אמת ? — האט פרידקין אן איבער־ראשטער אנגעכאפט קרוז׳ען פאר א האנד — ער האט מיר געזאגט אז ער האט ארבייט פאר א „מישאן״־הויז, זעצט פאר זיי עפעס אי־בער אין אידיש, נור ס׳זאל האלטען אזוי ווייט...

— האסט גערעכנט, אז אזא ארבייט גיט מען רבנים ? — האט קרוזע מאדנע געשמייכעלט — דער וואס גלויבט ניט אין יעזוסען, אדער אמווניגסטענס מאכט ניט דעם אנשטעל צו ער גלויבט, וועט אזא ארבייט ניט קריגען !

— ווער זאל זיך ריכטען אויף אזא משוגעת ? — האט פריד־קין א הויב געטאן מיט די אקסלען — כ׳בין אבער זיכער, אז ער גלויבט ניט !

בשעת זיי האבען גערעדט, איז זיסקינד שטיל אריין, געבלי־בען שטעהן אין דער טיר, זיך איינגעהערט און ביי די לעצטע ווער־טער האט זיין בלאס פנים א צוג געטאן, ווי ער וואלט איבערגע־טראגען א וועהטאג.

— דארפסט ניט זיין אזוי זיכער — איז זיסקינד צוגעגאנ־גען צום טיש — כ׳וואלט ניט געגלויבט, וואלט איך צהין ניט אנ־געקומען.

דערזעהענדיג זיסקינד׳ען האבעןביידע געעפענט אזעלכע אוי־

גען, ווי מען זעהט ביי אַ מענשען, ווען ער קריגט אַ שטאַרקען קלאַפּ איבער'ן קאָפּ.

קרוזע האָט געהאַלטען, אַז פאַר אַ איד דאַרף זיין אַ פּחיתות־הכבוד אפילו אָנצוקוקען אַ משומד און ער האָט זיך אַוועקגעדרעהט. ער האָט איינגערוימט פרידקינען ער זאָל איהם דאָ פאַרהאַלטען ביז בערטע וועט קומען און איז אַרויס פון צימער.

פרידקין האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס זיסקינד, פאַר וועמען ער האָט שטענדיג דרך־ארץ געהאַט, איז איהם געוואָרען פרעמד און דערווידער. ער האָט מעהר אין איהם ניט געזעהן קיין חבר. דער אַלטער האָט און פאַראַכטונג וואָס ליגט אומבאַוואוסט אין יעדען איד צו אַ משומד, האָט זיך איצט דערוועקט ביי פרידקינען און ער האָט געפיהלט, אַז ער וועט איהם באַלד באַליידיגען, מיאוס באַליידיגען. דאָס קליינע מענשעל, ביי וועמען אַלץ איז געווען איינגעטיילט אין העכערע און נידריגע ראַנגען, וואו דער מיטעל־פונקט איז ער, פרידקין, דאָס מענשעל האָט ביים וואָרט „משומד" צומישט די ראַנגען, זיך אויפגעהויבען העכער און זיך דערפיהלט בכח אָנצושפייען זיסקינדען אַ פול פּנים, ניט קוקענדיג אויב ער איז אפילו גערעכט. דאָס ערשטע מאָל אין יאָהרען האָט זיין פאַרזשאַווערטער מח געאַרבייט שנעל, ספּאַזמענהאַפט. ער האָט חשק געהאַט צו פאַרפיהרען מיט זיסקינדען אַ וכוח, געליטען וואָס ער ווייס ניט „מה להשיב לאַפּיקורס" און זיך געהאַלטען אין איין חזר'ן — נו, אַז ס'וועט זיין ס'גרעסטע געפאַהר פאַר מיינס אַ קינד, כ'מיין, אַז מ'ל'ע צו זיין מיינס אַ קינד וועט שמעקען מיט סכנות־נפשות, וועל איך עס ניט מ'ל'ע זיין?

ער האָט געקוקט אויף זיסקינדען, ווי ער איז געזעסען אַ פאַרלאָרענער, נערוועז געמישט דאָס קליינע תנ"ך'ל, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש און ס'האָט אויסגעזעהן אַז ער קלייבט זיך צו פאַרטיידיגען.

שפּרייזענדיג האָט זיך פרידקינען געדאַכט, אַז מען האָט אָנגעקלונגען. ער איז ניט געגאַנגען עפענען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט

ער זיך עס נאך אמאל דערמאנט, געטראכט, אז מען איז שוין מסתמא אוועקגעגאנגען, האט מען פונקט דעמאלט אנגעקלאפט אין טיר.

בערטע איז אריין. זיסקינד האט זיך אויפגעשטעלט, געמאכט צוויי טריט, זיך פארלארען און זיך צוריק אוועקגעזעצט.

— אויף אזא גאסט האב איך זיך גארניט גערעכט — האט פרידקין א שמייכעל געטאן און איהר געשטעלט א שטול.

זי האט גארניט געענטפערט, זיך אוועקגעזעצט, פארבראכען די הענד, ווי זי וואלט געהאט א מסוכנ'דיגען חולה אין שטוב און זיך געווענדעט צו פרידקינען:

— נו, מיסטער פרידקין, וואס זאגט איהר צו מיין אומגליק?

— ס'ארע אומגליק? — האט פרידקין זיך געמאכט תמ'עוואטע.

דאס ווייבעל האט איהם א קוק אן געטאן מיט אזא בטול, אז פרידקין האט זיך פארלארען, געפיהלט ווי ס'פנים ווערט ביי איהם גאריש און ער האט אנגעהויבען שטאמלען:

— גלויבט מיר, מיסעס זיסקינד, אז ער מיינט עס אליין נישט! איהר קענט איהם ניט?

— וואס מיינט איהר? — האט דאס ווייבעל זיך אנגעהויבען קאכען — א מענש ליגט גאנצע טעג אין „טשווירטש", וועט איהר מיר איינריידען אז ער מיינט גארניט דערמיט? אז די חברים נעמען זיך נאך אן פאר איהם, וואס קען איך מיר, ארימע, העלפען? ווען אזא אומגליק פאסירט צווישען פראסטע אידען, וואלט מען איהם די ביינער צובראכען! און דא, „היברו טיטשערס"... כ'וויים, מען פארליעבט זיך אין א שיקסע, אבער צו ווערען מיט אמאל אזוי משוגע...

זי האט זיך אנגעהויבען ווישען מיט א טאשענטיכעל די נאז און זיך שטיל פונאנדערגעוויינט. עס איז מיט אמאל שטיל געווארען. דאס אפגעהאקטע העשען האט זיך געלייגט ווי א משא, פול געמאכט דעם צימער, איז פרידקינען ענג געווארען, זיך ניט

געקענט קיין ריהר טון, ווי דער צימער וואָלט געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשען. פרידקין, ביי וועמען ס'גרעסטע פאַרגעניגען איז גע־ווען צו מאַכען וויינען אין קלאַס אַ אינגעל, האָט זיך איצט אַליין גע'חדוש'ט, פאַר וואָס ביי זיך אין צימער קען ער קיינמאָל ניט הערען ווי מען וויינט. ס'איז איהם איינגעפאַלען, אַז די בעל־הבית'טע שטעהט הינטער דער טיר, הערט זיך איין וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זי אַן עפּען געטון, קיינעם ניט געזעהן און ס'האָט איהם פאַרדראָסען פאַרוואָס אַזעלכע נאַרישקייטען קומען איהם איצט אין קאָפּ אַריין. ער האָט געטראַכט אַז ס'וויבעל איז גע־רעכט, מען דאַרף זיסקינדען גוט אָנזידלען און געפיהלט אַז דער חוב ליגט איצט אויף איהם.

זיסקינד איז געזעסען אַ בלאַסער, געפּינטעלט מיט די אויגען, געהויבען מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס מען וויל פון איהם, און זיך אויסגעדרעהט צום ווייב:

— כ'ווייס ניט וואָס דו ווינסט? אַז מיט דיר קען מען ניט רעדען! דו ביזט ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר מיר! וואָס אַרט מיך ניט, פאַרע איבערצייגונגען דו האָסט?

— איבערצייגונגען? — האָט ס'וויבעל איהם איבערגעריסען, צונומען די הענד און אויפגעשפּרונגען מיט אַ וויינענדיג געלעכ־טער — אַ מענש געהט זיך שמד'ען און רעדט וועגען איבערציי־גונגען! נו, וואָס שווייגט איהר? — האָט זי זיך אויסגעדרעהט און אַ געשריי געטון אויף פרידקינען — וואָס זאָגט איהר איהם גאָרניט?

פרידקין האָט זיך פאַרלאָרען, גענומען געהן צו זיסקינדען, געבליבען אין מיטען צימער, פאַרוואָרפען נאַריש דעם קאָפּ און בשעת־מעשה זיך געטראַכט וואָס וויל מען פון איהם, וואָס איז ער דאָ שולדיג? ער איז געווען בייז אויף זיך פאַרוואָס ער איז אַזאַ בטלן, געווען זיכער, אַז ביי אַ צווייטען וואָלט עס אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירליך און, ווי איינער וואָס וויל ניט טראַכטען, פאַר־קוועטשט די אויגען און שלינגט אַראָפּ אַ לעפעל ריצענאויל, פּונקט

אזוי האט זיך פרידקין א לאז געטון צו זיטקינדען, איהם אנגע־כאפט פאר א לאץ פון ראק, אז יענער האט זיך אזש פון שרעק אונטערגעהויבען, און ווילד איהם אויסגעשריען אין פנים אריין:

— ווילסט מיר טאקע איינרעדען, אז דו טוסט עס אויס אי־בערציינונג?

— אויב דו קאכסט זיך ווי מיין ווייב, זויל איך דיר ניט ענטפערען!

— ווער קאכט זיך? — איז פרידקין רויט געווארען און גע־שריען נאך העכער — כ'לייד נאר ניט קיין עולות! וואס לעגסטו אריין די יראה אין דער טמאה? ווילסט זיך שמד'ען שמד זיך! ברעך אין קאפ! געדענקסט, דו האסט מיר אליין אנומעלט געזאגט, אז דו ליידסט דערפון וואס דו מוזט לערנען מיט די קינדער דינים פון שולחן ערוך, און זיך געוואונדערט פארוואס מען פאלט אן אויף א מיסיאנער? אז דו ביזט ניט בעסער!

— אמת — האט זיסקינד געלאסען געענטפערט — כ'האב אין קיין זאך ניט געגלויבט, תמיד אבער געפיהלט, אז מיר פעהלט א גלויבען... מיין פרוי ווייס עס, ניט איין מאל האב איך מיט איהר וועגען דעם גערעדט...

— און דאס אידישע גלויבען — האט פרידקין אנגעהויבען.

— דאס אידישע גלויבען האט מיך ניט באפרידיגט — האט זיסקינד איהם ניט געלאזט ענדיגען — כ'האב דארט גארניט גע־פונען... ווייניגסטענס, גאר ניט פאר מיר...

— אבער „יאסעלע פאנדריק"? — האט ס'ווייב זיך היס־טעריש צולאכט — דארט האסטו געפונען די ישועה, הא? א קלאג וואס פון דיר איז געווארען, מיין מאן!

זיסקינד האט גארניט געענטפערט, געזעסען א בלאסער און מען האט געקענט זעהן, אז ער ליידט זעהר.

— און דאָס קריסטליכע גלויבען האָט דיך באַפרידיגט? — האָט פרידקין ווידער געפרעגט.

— יאָ. איהר מעגט לאַכען. שפייען מיר אין פנים אריין, נור גלויבט מיר, ווען ניט דאָס קריסטענטום, וואָלט איך שוין היינט געווען אויפ'ן עולם־האמת!

— הלואי, רבונו של עולם! — האָט ס'ווייבעל צושפרייט די הענד.

— פאר די לעצטע צוויי חדשים — האָט זיסקינד ווייטער גערעדט — בין איך ארומגעגאנגען, ווי אין א היהנער־פלעט, מיינע ליידען זיינען געווען שרעקליך, כ'האָב געמיינט אז כ'וועל פון זינען קומען און מיט אמאָל, ווי פון זיך, האָט א געהיימע האנד אראָפּ־גענומען פון מיינע אויגען א הייטעל און ס'איז מיר ליכטיג גע־וואָרען. איך האָב פון זיך אליין א י ה ם דערקענט, דערפיהלט אין זיך ד ע ם, וואָס האָט געליטען פאר די מענשענס זינד. מיינע ליידען האָבען אויפגעהערט, די נשמה האָט זיך באַרוהיגט און איהר — האָט ער מיט די הענד געוויזען אויפ'ן ווייב און פרידקינען — איהר איינגע'עקשנ'טע, בלינדע, קענט עס ניט באַ־גרייפען!

— משוגע! — האָט ס'ווייבעל פארבראָכען די הענד — ער איז מיט אן אמת משוגע!

— כ'פארשטעה ניט — איז פרידקין געוואָרען ערנסטער. אום ס'זאָל דיר לייכטער ווערען, האָסטו בעדאַרפט דוקא דעם קריסטליכען גאָט, האָסט דאָך געקענט זיך ווענדען צום אידישען?

— ער איז צו ווייט... צו ווייט פון אונז... — האָט זיסקינד אויפגעהויבען די אויגען.

— און דער קריסטליכער?

— ער איז צווישען אונז — האָט זיסקינד א צושטראַהלטער

געענטפערט — אין מיר, אין דיר, דאַרפסט נאָר וועלן, דאַרפסט נור תשובה טון...

— רעדסט דאָך טאַקע ווי א מיסיאָנער! — האָט זיך פריד־קין צולאַכט.

— נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין אומגליק? — האָט ס'ווייבעל זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום מאַן, אַרויפגעלייגט אויף איהם ביידע הענד און זיך געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען: — אויב דו האָסט ניט רחמנות אויף מיר און אויף דיר אַליין, האָב רחמנות אויף דיינע צוויי קינדער! אידען וועלען דאָך אונז אויס־מיידען ווי א פעסט, כ'בעט דיך, ווי לאַנג ס'איז ניט שפעט, באַ־רעכען וואָס דו טוסט...

זיסקינד האָט אַרומגענומען מיט איין האַנד דאָס ווייב, איהר א קוש געטון אין שטערען און גאָר ניט געענטפערט.

— נו, כ'בעט דיך...

— זינדיג ניט, מיין ווייב!

זי האָט זיך א ריס געטון פון איהם, פאַרוואָרפען דעם קאָפ מיט די גרינליכע אויגען, ווי א שלאַנג, ווען ער געהט א ביס טון, און איהם א שפיי געטון אין פנים אריין:

— משומד!

ער האָט געמאַכט צוויי טריט אויף צוריק, זיך גענומען ווי־שען דאָס פנים, איז זי א צורייצטע מיט'ן פאַררויסענעם קאָפ צוגע־לאָפען און איהם גענומען שלאָגען, וואו זי האָט נור געטראָפען. וואָס זי האָט אַראָפּגעלאָזט א פאַטש איז די האַנט ביי איהר, ווי לייכטער געוואָרען, און ס'האָט אויסגעזעהן אַז זי וועט איהם דער־הרג'ענען. ער האָט זיך ניט געוועהרט, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטען קאָפּ און געפינטעלט מיט די אויגען.

פון די קולות האָט וויערא געעפענט די טיר און אַן איבערגע־

שראָקענע אַריינגעקוקט. איהר קינד איז געקראָכען אויף אַלע פיער, געזעהן ווי מען שלאָגט זיך, האָט עס זיך פונאַנדערגעוויינט.

— וואָס שטעהסט איהר ווי א גולם? — האָט וויערא זיך גע־ווענדעט צו פרידקינען — זי וועט דאָך איהם דער׳הרג׳ענען!

פרידקין האָט זי קוים אָפּגעריסען פון מאַן. זי האָט עפּעס גע־נומען זוכען אין אַלע ווינקעלעך, מיט אַמאָל זיך געכאַפּט, אַז איהר קאַפּעליוש זיצט ביי איהר אויפ׳ן קאָפּ און גענומען ארויסגעהן. אין דער טיר האָט זי זיך צוריק אויסגעדרעהט און גענומען גראַזשען דעם מאַן:

— צווישען אונז איז אַלעס געענדיגט! זאָלסט ניט דערוועגען אריבערטרעטען מיין שוועל, כ׳וועל דיך ארויסבריהען, משומד דו!

זיסקינד האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעגלייכט און מיט צער אין פנים האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס ווייב מיט א פינגער:

— פאַרוואָס שלאָגסטו מיך? וואָס האָב איך דיר געטון?

דאָס ווייבעל איז ארוים מיט וויערא׳ן. זיסקינד האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויפ׳ן בעטעל, אָנגעשפּאַרט דאָס פנים אָן די הענט און אַזוי געבליבען זיצען.

פון צווייטען צימער האָט זיך געהערט ווי דאָס ווייבעל א פאַרוויינטע קלאָגט זיך פאַר וויערא׳ן וואָס פאַרא אומגליק ס׳איז איהר געשעהן.

## 12.

דעם לעצטען טאָג פון „שבעה" איז שולץ אָפּגעזעסען א גאַנ־צען אָבענד ביז שפּעט אין דער נאַכט און געוואָלט אָנשרייבען א שיר פאר דער מצבה פון זיין פאָטער. עס האָט זיך אָבער ניט גע־שריבען. די ווערטער זיינען ארויס פון קאָפּ, ווי ער וואָלט קיינ־מאָל קיין העברעאיש ניט געקענט. א דענערווירטער האָט ער אוועקגעלייגט די פעדער, גענומען שפּרייזען פון איין צימער אין צווייטען, געזעהן ווי בעסי איז געלעגען ביי זיך אין שלאָף־צימער אין די קליידער, האָט ער אויסגעשטרעקט א האנט, געוואָלט זאָגען אז ס'איז צייט זי זאָל זיך לעגען, זיך דערמאָנט אז ער רעדט ניט מיט איהר און אויף די נעגעל איז ער צוריק ארויס פון צימער.

ווען ס'ווייב האָט איהם איבערגעגעבען, אז בעסי איז פאַר־ליעבט אין גרינען און מיינט מיט אַן אמת מיט איהם חתונה צו האָבען, האָט שולץ זיך א הויב געטאָן, אוועק פון טיש, וואו ער האָט געגעסען מיטאָג, דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל דעם עס־צימער און זיך געווענדעט צו בעסי'ן, ארויפלייגענדיג זיין האנט אויף איהר אקסעל:

— ס'איז טאקי אַן אמת, וואָס די מאַמע דערצעהלט?

— און אז ס'איז אַן אמת? — האָט בעסי זיך א רוק געטון זי זאָל קענען קוקען דעם פאָטער אין די אויגען.

— ווייל איך טאַקי, אז דו זאָלסט זיך מיט איהם מעהר ניט זעהן.

— ניט געפונען קיין אַנדער צייט זיך אויסצושמועסען, ווי ביים עסען! — האָט ס'ווייב זיך אריינגעמישט.

— וואָס הייסט? — האָט בעסי זיך ניט צוגעהערט צו דער מוטער.

— דערווייל בין איך נאך דיין פאטער — האט שולץ ניט גע־לאזט דער טאכטער ענדיגען — און דו דארפסט מיך פאלגען.

— אז דו דארפסט עס גארניט פארלאנגען פון מיר...

— כ'פרעג דיך ניט! — האט שולץ א געשריי געטון, זי אנ־גענומען פאר א האנט און גערעדט ווייכער — זאגסטו מיר צו, אז דו וועסט זיך מיט איהם מעהר ניט זעהן?

— משוגענער, הערסט אויף, אז ניט געה איך אוועק פון טיש!

— געה, געה, ביזט ניט בעסער פון איהר! — און ער האט זיך צונעבויגען צו דער טאכטער. — זאגסטו מיר צו?

— ניין!

— אויב אזוי, געה שוין אוועק פון טיש — האט ער זי א שלעפ געטון — אויב דו ווילסט מיך ניט פאלגען, ווייז זיך ניט פאר מיינע אויגען!

גלייך ווי בעסי איז אוועק פון טיש איז איהם דער כעס אריי־בער, געוואוסט אז מיט בייזען וועט ער גארניט מאכען און בא־שלאסען מיט איהר זיך דורכצושמועסען. די זעלבע נאכט איז זיין פאטער געשטארבען. דער סעקרעטער פון דער „היברו" האט איהם אפילו געהאט אנגעזאגט, אז גרין האט רעזיגנירט, ער איז אבער גע־ווען אזוי דערשלאגען, אז קיין זאך איז איהם ניט געגאנגען אין קאפ אריין. איצט זעהענדיג בעסי'ן, ווי זי איז געלעגען א ניט אויסגעטועטע האט ער רחמנות געקראגען אויפ'ן מיידעל, זיך אליין גע'חדוש'ט פארוואס ער האט אזוי אנגעשריען אויף איהר, ניט געוואוסט פארוואס ער איז נעגען גרינען... די שטילקייט פון דער נאכט, דעם פאטער'ס טויט, די טאכטער אין די קליידער, אלץ האט אויף איהם געווירקט און ער האט באשלאסען זיך ניט צו מישען און אויב בעסי וויל דוקא גרינען, לאז זיין גרין. ער איז צוריק אריין אין דער טאכטער'ס שלאף־צימער און זי לייכט א ציה גע־טון פאר אן ארבעל. בעסי האט זיך אויפגעכאפט, דערזעהן דעם פאטער, האט זי צועפענט די אויגען און ארויסגעשטאמעלט:

— אה? וואס איז, טאטע?

— באַרוהיג זיך, ס'איז גאָרניט, טאָכטער — האָט דער פֿאָ־
טער זי געגלעט איבער'ן קאָפּ — טו זיך אויס, ס'איז שפּעט!

ער האָט געפֿיהלט, ווי עפּעס שטיקט איהם, ניט געקענט זעהן,
ווי בעסי שטעהט א פֿאַרלאָרענע, מורא געהאַט ס'זאָל זיך באַלד ניט
אָפּשפּיעלען א חתונה, האָט ער א קוש געטהון בעסי'ן אין קאָפּ:

— א גוטע נאַכט, טאָכטער! א גוטע נאַכט...

ער האָט אויפֿגעזוכט אין א קופֿער זיינס א פּעקעל מיט אַלטע
כתבים, גענומען לייענען שירים געשריבען לכבוד יום־טוב, לכבוד
אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, דעם „מלך־חסד", זיך געוואונדערט
וואָס פֿאַר א לשון ער האָט אמאָל געהאַט, אָפּט געזיפֿצט — שוין
אפילו געהאַט פֿאַרגעסען דעם טייטש פֿון א סך ווערטער — און
ביסלעכווייז האָט ער כמעט גענומען צווייפֿלען צי ער האָט עס גע־
שריבען, אַזוי פֿרעמד האָט עס איהם אויסגעזעהן. צום סוף האָט
זיך שולץ מיאש געווען עפּעס אליין אָנצושרייבען און באַשלאָסען
צו קריגען עמיצען, מעג עס קאָסטען וויפֿיעל עס איז.

דער שוין כמעט גרויער שולץ איז געזעסען איבער די כתבים,
געשריבענע מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק, פֿאַרגעסען אַז
ער איז א פֿאַבריקאַנט, אַז ביי איהם אין „שאָפּ" „לויפֿען" הונדערט
מאַשינען, אַריינגעאָטעמט דעם אַלטען ריח פֿון די האַלב־אויסגעריי־
בענע פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט געשריבען בחור'ווייז ביי זיין טאַ־
טען אין שטוב און אָן אנגענעמער ריח פֿון דער היים האָט א בלאָז
געטהון אויף איהם. געווען אמאָל א חלום — ער האָט געהאָפּט צו
ווערען א אידישער משורר. די בלויזע ערינערונג האָט איהם צונר־
מען. ס'איז איהם מיט אמאָל שטאַרק באַנג געוואָרען, ווי די בענק־
שאַפֿט וואָלט דורכגעדרונגען זיין פֿאַרוואַקסען מיט שמאַלץ האַלז
און א צופֿליגעלטער איז שולץ ס'ערשטע מאָל אין יאָהרען, געוואָ־
רען פֿאַרביטערט אויף אַמעריקאַ, געפֿיהלט, אַז ער האָט צו טייער
באַצאָהלט פֿאַר די מאַשינען.

צו מאָרגענס איז ער אַריינגעקומען צו זילבערמאַנען, דעם
מצבה־קריצער, אין „אָפֿיס" אַריין.

— האַלאָ!

— האַלאָ!

דער אייגענטימער, א קיילעכדיג אידעל מיט קורצע הענד און פיס, וואָס איז געזעסען ביים שרייב־טיש, האָט זיך א דרעה געטון צוזאמען מיט דער שטוהל, געבליבען זיצען מיט'ן פנים צו שולצען און זיינע קורצע פיס האָבען זיך געוואקעלט, ניט אָנגעריהרט די פּאָדלאָגע:

— וועל, מיסטער?

— כ'וואָלט געוואָלט באשטעלען א מצבה.

— זיצט, — האָט זילבערמאַן געוויזען אויף א שטוהל לעבען זיך — וואָס פאר א מצבה וואָלט איהר געוואָלט? כ'מיין — — — פאר אן עלטערען — — — ס'ווענדט זיך וואָס פאר א שטיין איהר ווילט.

— פאר מיינ'ס א פאָטער.

דער אייגענטימער האָט ארויסגענומען א קאטאלאָג און געוויזען שולצען פארשידענע מצבות. זיי זיינען מושוה געוואָרען. שולץ האָט איהם געגעבען צוואנציג דאָלאר האנד־געלד. זילבערמאַן האָט ארויסגענומען פון א הינטער קעשענע א קנויל מיט פּאפּירען געלד, צוגעוויקעלט דאָס האנד־געלד, און זיך געווענדעט צו שולצען:

— זייט אזוי גוט, מיסטער שולץ און לאָזט איבער דעם נאָמען פון אייער פאָטער און ווען ער איז נפטר געוואָרען.

— ווער וועט דען מאכען דעם אויפשריפט? — האָט שולץ נעפרעגט.

— וואָס הייסט ווער? — האָט דער אייגענטימער צופרידען געשמייכעלט — מיר דארפען נאָר וויסען דעם נאָמען און דעם „דייט", דאָס'ס אַל! דעם נוסח האָבען מיר א פארטיגען! אייער פאָטער א כהן געווען?

— יעס. אָבער איהר פארשטעהט — האָט שולץ געשטאמעלט

— איך וויל עס זאָל זיין א שיר אויף דער מצבה — —

— דאָס קענען מיר אויך — האָט דאָס אידעל נאכלעסיג גע־

שמייכעלט — נאר איהר וועט מוזען מושה ווערען מיט מיינעם א מענשען, דאס באלאנגט צו איהם. ער איז א בריה אויף די זאכען, זאג איך אייך. ער פארפאסט שירים מיט'ן נאמען פון פארענט, און דער מיט, וואו איהר ווילט נאר אליין!

דער איינענטימער האט זיך געווענדעט צו א מיידעל, וואס איז געזעסען ביי א שרייב־מאשין און געקלאפט מיט די פינגער.

— סיידע, פיהר אריין דעם דזשענטעלמען צו שמחה'ן, הארריאפ!

דער „שאפ“ וואו מען האט געקריצט די מצבות איז געווען שמאל און לאנג, ווי א קארידאר אהן פענסטער. עטליכע גוים זיינען געזעסען אין די בלויזע קעפ ביי צאפעלדיגע גאז־פלעמלאך און געארבייט. אין דער לופט איז געשטאנען א ווייסער שטויב וואס האט געקרעלט אין דער נאז און אין האלז. די גוים האבען יעדע ווייל געקוקט אויף די גע'כתיבה'טע פאפירען, וואס האבען געהאנגען פאר זייערע אויגען און אז איינער פון זיי האט אויסגעצייכענט אן אות אויף דער מצבה, האט ער דעם זעלבען אות דורכגעשטאכען אויפ'ן פאפיער מיט א שפילקע, ער זאל קיין טעות ניט האבען און נאך אמאל צייכנען דאס זעלבע.

דאס מיידעל האט געוויזען שולצען מיט דער האנד אויף א גרויען איד מיט א באוואקסענעם קאפ, ווי ביי א חכם.

— אט איז ער!

שולץ איז צוגעגאנגען:

— מיסטער זילבערמאן האט מיך צו אייך געשיקט. כ'וויל איהר זאלט מיר אנשרייבען א שיר אויף א מצבה.

דער אלטער האט אויפגעהויבען דעם פארשטויבטען קאפ, געקוקט אויף שולצען פון אונטער די מעשענע שפאקולען, זיי ארויפגערוקט אויפ'ן שטערען און געשארט די יארמעלקע הין און צוריק:

— ס'וועט אייך קאסטען א טאלער.

— אל־רייט, כ'זאל נאר זיין צופרידען, גיב איך אייך צוויי.
דער אלטער האט ארויסגענומען פון א בוזעם־קעשענע א העפט

מיט א בלייפעדער, זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין, אראָפּגעלאָזט די ברילען אויף דער נאָז און זיך גענומען אויספרעגן:

— ווי האָט אייער פאָטער געהייסען?

— אברהם בן יוסף הכהן.

— גוט, גוט, ס'פיהלט זיך א רחבת אין דעם נאָמען — האָט דער אַלטער ווי צו זיך גערעדט — פאראַן נעמען וואָס ס'ווילט זיך פון זיי גאָרניט מאכען — — — געווען א למדן, אייער פאָטער, האָ?

— נאָ, געווען א פּראָסטער, עהרליכער איד.

— מסתמא געווען א מכנים־אורח?

— געווען.

דער אַלטער האָט גענומען די באָרד אין דער האַנד אריין, זיך פארשטעלט מיט איהר דאָס מויל, פארקוועטשט די אויגען, זיך גע'מח'ט און שטיל געזונגען מיט א ניגון פון פיוט:

— וועט מען שרייבען אזוי:

א—יש ישר הולך תמים
ב—לחמו סעד עניים צמים
ר—עבים השביע והרוה נפש
ה—לך בצל קורתו נפש
מ—עשהו זה לנפשו נופש
כ—עת במרום תמריא לחופש
ה—לך לעולמו בן ע"ז
נ—יניו יתאבלו מאתם נז.

אין צעהן מינוט צייט איז דער שיר געוואָרען פארטיג. דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט אָפּגעטון א שווער שטיקעל ארבייט, ארויסגענומען פון וועסטעל קעשענע א שקעטעלע מיט טאַבאַק, גוט פארצויגען און מכבד געווען שולצען:

— נעמט א שמעק טאַבאַק!

ער האָט פארקרימט דאָס פּנים, זיך געקליבען א נאָס צו טון, פון פארדרוס וואָס דער נאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, האָט

דער מצבה קריצער געווישט די הענד אין זיין באַפלעקטער באָרד, נאָכאמאָל דורכגעקוקט דאָס ליעד און עס אונטערגעטראָגען שולצען:

— נו, ווי געפעלט עס אייך?

אַז שולץ האָט געליינט, האָט שמחה איינגעבויגען אויף א זייט דעם גרויען קאָפּ, ער זאָל בעסער הערען, געצעהלט די זילבען, צוגע־קלאַפּט צום טאַקט מיט'ן רעכטען פוס, זיך ניט געקענט דערוואַר־טען ביז שולץ וועט ענדיגען און איהם איבערגעריסען:

— מיט אַן אמת, זאָגט, וואָלט מען געקענט אויף א פּראָסטען אידען זאָגען א בעסערען שבח ווי איך האָב געזאָגט?

— ס'איז גוט, זעהר גוט — האָט שולץ דעם אַלטען געדריקט די האַנד.

— כ'וויים, אינדער היים — איז שמחה געוואָרען אויפגערוים־ט — אַז כ'פּלעג אָנשרייבען א שיר, האָבען מענשען וואָס פאַר־שטעהן זיך אויף לשון, די אמת'ע מבינים, זאָג איך אייך, האָבען די פינגער געלעקט. פרעגט יעדען קאָוונער, וועט ער אייך זאָגען, אַז איך, שמחה דער מצבה־קריצער, האָב אָנגעשריבען אויף ר' יצחק אלחנן'ס טויט א שיר, האָט א וועלט געקלונגען דערמיט. האָט דאָרט געשטעקט א רעיון, פּשש, וואָס פרעגט איהר! וואָס ברויכט מען מעהר? מען האָט עס געזונגען אין יעדען הויז! און אַז א גביר האָט חתונה געמאַכט? ווער, מיינט איהר, האָט געשריבען דעם שיר אויף דער חתונה־קאַרד? אַלץ שמחה דער מצבה־קריצער! און אַז א חתן האָט געדאַרפט שיקען א שלח־מנות דעם שווער, צי ועמען מיינט איהר איז מען געקומען? צו מיר! איז געווען א מחלוקה אין שטאָדט, האָב איך עס בעשריבען אין „המליץ". האָט א בחור אין שטאָדט אָנגעשריבען א רעיון, האָט ער עס געבראַכט צו מיר, געוואָלט מיין הסכמה. אַלץ איך! האָט מען טאַקע לייב־טער געמאַכט א קערביל, ניט געדאַרפט אַרבייטען מיט'ן האַמער און דער עיקר געווען אַן אָנגעזעהענער מענש אין שטאָדט. האָט זיך מיר אויף דער עלטער פאַרגלוסט אַמעריקא, נו, נו, זעהט איהר

דאָך — — — בויגט מען די אַלטע פּלייצעס פון דער פּריה ביז ביי נאַכט — — — אַ אידישער משורר האָט פון תמיד אַן אַ פינסטער מזל! כ'וועל אייך פּארטרויען אַ סוד — איז דער אַלטער נעהנטער צוגעגאַנגען צו שולצען — דאָס אידישע פאָלק איז דאָס ערגסטע אויף דער וועלט. איהר גלויבט ניט? נו, פרעג איך אייך, איהר זייט דאָך אַ יודע ספר, וואָלט אַזאַ משורר ווי איך — — — כ'ריהם זיך ניט, איהר האָט דאָך אַליין געזעהן, ווי לאַנג האָט מיר גענומען אָנצושרייבען דעם שיר? צעהן מינוט. נו, פרעג איך אייך, וואָלט אַזאַ משורר ווי איך ביי אַן אַנדער פאָלק זיך אויך אַזוי געמאַטערט, געדאַרפט האַקען שטיינער אום צו מאַכען אַ לעבען, האַ? נאַר גאָר־ניט, אונזער פינסטער מזל. איך בין ניט דער איין־און־איינציגער. דער אבן־עזרא איז נאָך געווען מעהר קבצן פאַר מיר — — —

זילבערמאַן איז ברייט אריין אין „שאַפּ“, מיט די קורצע הענט אין די הויזען־קעשענעס. די גוים האָבען אָנגעהויבען שנעלער צו אַרבייטען. דער אַלטער מצבה־קריצער האָט אויפגעהערט רעדען, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, גענומען מיט אַ באַרשט אָפּרייניגען דעם שטיין און בשעת מעשה זיך געווענדעט צו שולצען:

— זייט אַזוי גוט, מיסטער, און באַצאָהלט, כ'מוז זיך נעמען צו דער אַרבייט.

דער אַלטער האָט אַריינגעשטעקט די צוויי דאָלער אין וועסטעל קעשענע, געדאַנקט, זיך אַרומגעקוקט צו קיינער זעהט ניט, גענומען קלאַפּען מיט'ן האַמער אין דער דלאָטע, זיך געבויגען אין דרייען און שטיקלעך שטיין זיינען געפלויגען אין אַלע זייטען, געשפּריצט דעם משורר אין פּנים אַריין, אָפּגעווייסט דעם אַזוי אויך גרויען קאָפּ, און יעדען קלאַפּ באַגלייט מיט אַ קרעכץ.

שולץ איז אַרויס אויף דער גאַס אַ צורודערטער, געטראַכט אַז ווען ער בלייבט ביי די שירים, וואָלט ער געהאַט אַזאַ עלטער ווי שמחה, ניט געוואָלט מעהר קלערען דערפון, גיכער געלאָפען

אין „שאַפּ“ אַריין און אין מח איז איהם אַלץ געקראַכען גרין, זיך געוואָלט עפּעס קלאָר מאַכען, ווי גרין און שמחה וואָלטען ביי איהם געווען איינס און דאָס זעלבע. ביי איהם איז אויסגעקומען אז ווען ער מאַכט חתונה בעסי'ן פאַר גרינ'ען, הייסט עס פאַר שמחה'ן און אַן אויפגערעגטער זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט געוואָלט אין עפּעס זיך פאַנאַנדערקלייבען.

ער איז געשטאַנען אויף דער באָוערי. נאָך אַ יונגע געזונטע פרוי איז אַ שווערען פּילצענעם הוט, צעקנעפּעלטע מענערשע שיך און אין אַ ווייס־באַלאָווע קלייד, איז געשטאַנען אין מיטען גאַס אַ שכור'ע און פאַרטשעפּעט ווער עס איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען. אַ יונגער פּאָליסמאַן איז אונטערגעקומען און זי גענומען אונטער'ן אָרעם. די פרוי האָט זיך אַ ריס געטאָן און גענומען שרייען:

— דו האָסט קיין רעכט ניט, אָפיסער, איך בין ניט שכור!

דער פּאָליסמאַן האָט זי ווידער אָנגענומען, געהייסען זי זאָל מיט איהם מיטגעהן, האָט די פרוי זיך אַ ציה אויסגעטון, ווי גרויס זי איז געווען, פאַרוואָרפען דאָס זיידענע קלייד איבער'ן קאָפּ און זיך איינגעגראָבען מיט די הענט און פיס אין רינשטאָק.

דער פּאָליסמאַן, אַ דאַרער, ניט קיין הויכער, האָט געשוויצט ווי אַ ביבער, געשטאַנען איבער דער פרוי, זי געריסען און ניט גע־קענט ריהרען פון אָרט. און וואָס מעהר מענשען עס האָבען זיך ארונגעשטעלט, אַלץ איינגע'עקשנ'טער איז דער פּאָליסמאַן געוואָ־רען, זיך געראַנגעלט מיט דער פרוי מיט אַלע כחות און די פרוי האָט געמאַכט אַזעלכע קולות, ווי מען וואָלט פון איהר די הויט גע־שונדען.

צום סוף האָט דער פּאָליסמאַן, אַן אויסגעמאַטערטער, זי אָפּ־געלאָזט, אַ פאַרשעמטער זיך אַרומגעקוקט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן ערשטען מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם:

— ביזט אַ סיטיזען?

— נאָ סער!

ער האט זיך א דרעה געטון, ווי ער וואלט מורא געהאט צו פארלירען צייט און אנגעכאפט אן אנדערען פאר א האנט:

— ביזט א סיטיזען?

— יעס.

— העלף מיר!

שולץ האט געזעהן, ווי א מיטעליעהריגער מאן, מיט א צע־שראקען פנים, ווי ביי איינעם, וועמען רויבער שטעלען אפ אין מי־טען דער נאכט, האט זיך ארויסגערוקט פון עולם. דער מאן האט נעוואָרפען בליקען אין אלע זייטען, אפנים פון שרעק גארניט גע־זעהן און שטום געבעטען מען זאל איהם צורוה לאזען. די שרעק פאר'ן פאליסמאן האט גובר געווען און דער מאן האט אנגענומען די פרוי, וואו דער פאליסמאן האט געהייסען. זיי האבען זי אויפ־געשטעלט, גענומען פיהרען איבער דער באוערי אונטער דער בא־גלייטונג פון א קאץ־מוזיק.

שולץ'ן האט זיך געדאכט, אז דאס איז פרידקין, פון נייגע־ריגקייט זיך דורכגעשטופט צווישען עולם און זיי פארלאפען דעם וועג.

פרידקין, דערזעהענדיג שולץ'ן האט פארוואָרפען דעם קאפ, ווי ער וואלט זיך געקליבען חלש'ן, איהם אנגעקוקט א רגע, אפגע־לאזט די פרוי און גענומען אפציהען. דער עולם האט זיך גע־שטיקט פון געלעכטער.

שולץ'ן האט דערעסען די גאנצע חבריה. ער האט פאר זיך געזעהן א גלייכע ליניע — שמחה, גרין און פרידקין און באשלא־סען ס'זאל איהם געהן אין לעבען וועט ער ניט דערלאזען דעם שידוך צווישען גרינ'ען און בעסי'ן.

.13

נאָך דער סצענע ביי זיך אין שטוב מיט זיסקינד'ען איז פרידקין עטליכע טעג ארומגעגאַנגען א צוטראָגענער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפיהלט, אז ביז איצט האָט דאָס ארומיגע לעבען איהם ניט אָנגעריהרט, תמיד פאַרביייגעשוואומען ווי א פלאַכער טייך צווישען הויכע ברעגען, איהם קיין מאָל ניט פאַרטשעפּעט און אויף איהם קיין שפּור געלאָזט. איהם האָט באַנג געטון, וואָס ער האָט גע'פּטר'ט מעהר ווי א האַלב לעבען מיט גאָרניט, טראַכטענדיג תמיד ווי זיך בלויז אויסערליך צו פאַרבעסערען און באַקוועמער מאַכען דאָס לעבען. עטליכע טעג איז ער ארומגעגאַנגען ווי א נעכטיגער, און וואָס ער האָט דעמאָלט ניט געטון, אָדער געטראַכט — אין אַלעם האָט ער בלויז געזעהן עולות. די קינדער אין סקול האָבען זיך איבערגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען וואָס מיט פרידקינען איז געוואָרען. ער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי העפליך, ווי מיט דערוואַקסענע מענשען, זיינען די קינדער טאַקע געזעסען רוהיגער. און אז פרידקין האָט פאַנאַנדערגעלאָזט דעם קלאַס, האָט ער ס'ערשטע מאָל אין יאָהרען זיך ניט געפיהלט אויסגעמאַטערט, א פרישער אָהאָפּ פון די טרעפּען, און אויפגערוימטער זיך באַגריסט מיט די לעהרער און זיך געטראַכט אז ער איז שוין אויפ'ן וועג פון א ניי לעבען.

פרידקין האָט זיך געשאַפט א „ברית־חדשה", אויפגעזעסען ביי זיך א שטיק אין דער נאַכט און געלייענט מיט התמדה. אזוי זיינען דורך עטליכע טעג. זעהר אָפט זיצענדיג איבער'ן „ברית־חדשה", האָט ער מעכאַניש געזאָגט די ווערטער, ניט וויסענדיג דעם אינהאַלט און אין קאָפּ זיינען איהם געקראָכען בייזע מחשבות וועגען א אידישען פּאַפּסט, וועגען אידישע קאַרדינאַלען, וועגען דעם

מיסיאָנער זאַלקינד. ער האָט זיך אָפּט געזעהן אויפ'ן פּאַפּסט'ס גאָלדענע שטול, געוואוסט בשעת מעשה אז ס'איז אַן אונמעגליכע זאַך, און פונדעסטוועגן הנאה געהאַט אויפצונעמען אידישע דע־פּוטאַציעס וועגן עלילת־דם, ארויסגעלזט „בוללעס" צו אַלע פעלקער אז עלילת־דם איז א מיאוס'ער בלבול אויף אידען. און יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעקומען צום עלילת־דם, איז איהם תמיד אויפ'ן זינען געקומען כוואלסאָן און פון א פּאַפּסט איז ער געוואָרען א פּראָפעסאָר, דוקא אין קייזערליכען הויף און געהאַט איין עובדה — ווייזען דער וועלט דאָס גרויסקייט פון אידען. דער „ברית־חדשה" איז איהם גיך דערעסען, דערצו איז שושנה ביי איהם גע־ווען כמעט יעדען אָוונט, ניט געלאָזט טראַכטען און ביסלעכווייז איז איהם די מעשה מיט זיסקינדען ארויס פון קאָפּ. שושנה'ס וויזיטען האָבען איהם אויך אָנגעהויבען ווערען דערווידער, און ער האָט געקלערט ווי ר'נאָך פּטור צו ווערען פון איהר. פּונקט דע־מאָלט האָט איהם דער סעקרעטאַר פון סקול איבערגעגעבען דעם בריעף ער זאָל זיך זוכען אַן אַנדער שטעל. דער בריעף האָט איהם אין גאַנצען צוטומעלט, ארויסשלאָגען ביי איהם אַלץ פון קאָפּ און פרידקין האָט געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען א תכלית, געקלערט ווי ר'נאָך זיך צוצושלאָגען צו עפּעס. ער האָט געזוכט פּראָטעקציע ביים סעקרעטאַר, געגעבען אָנצוהערען אז ער איז גרייט צו יעדער צייט חתונה צו האָבען מיט זיין טאָכטער, גע־שריבען פּאַסקווילען אויף גרינגען, אז ער איז א מחלל־שבת — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. און וואָס נעהנטער די צייט האָט זיך אונטערגערוקט ער זאָל פאַרלאָזען די שטעל, אַלץ דערשלאָגע־נער איז ער געוואָרען. ער האָט זיך ארומגעזעהן, אז ער האָט קיי־נעם ניט אין דעם גרויסען נויאָרק, האָט צומאָל ניט פאר וועמען ס'הארץ זיך אָפּצוקלאָגען, ער איז פרעמד, ווי ער וואָלט איצט נעכ־טען אראָפּ פון דער שיף.

און דאָ שטעהט שושנה מיט אויסגעשפּרייטע הענט, וויל איהם, ווי ער איז, איז איהם עפּעס וואַרעמער גע־

וואָרען פון בלויזען געדאַנק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ שניידערין, קען עפּנען אַן אייגען פּלאַץ און ס'זאָל אוועקגעהן, — איז ער אַ פאַרזאָרגטער. און יעדעס מאָל, ווען איהם האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער דאַרף נור איבערייסען די באַציהונגען צווישען איהם און שושנה'ן, קריגט ער גלייך אַ בעסערען שידוך, איז זי ווי אויף צו להכעיס, יעדעס מאָל געקומען אין אַלע לייכטערע, דורכזיכטי־גערע קליידער, איהם זעלטען צוגעלאָזט צו זיך און געשפּיעלט זיך מיט איהם ווי אַ קעצעל מיט אַ קנויל באַנוועל. און וואָס מעהר זי האָט איהם גערייצט, אַלץ שטאַרקער האָט ער פון איהר געוואָלט פּטור ווערען און אין דער זעלבער צייט שוין גאָרנִיט געקענט טון עטליכע שעה איידער זי האָט געדאַרפט קומען, געשפּרייזט איבער'ן צימער און אויסגעפּוצטער.

---

שושנה איז אריינגעקומען און זיך ניט באַגריסט. זי איז גע־בליבען זיצען אין העט און ווי אַ שולדיגע, אומבאַהאָלפענע האָט זי געקוקט אויף דער פאַדלאָגע און געשוויגען.

— וואָס איז דער מעהר, שושנה? — האָט פרידקין זי גע־פרעגט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף איהם מיט פאַרלאָפענע אויגען, גע־מאַכט אַ ליפּ, ווי זי וואָלט געהאַלטען ביים פאַרנאַנדערוויינען זיך, זיך איינגעביסען מיט די ווייסע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ און געבליבען זיצען אין דער זעלבער פּאָזע וואָס פריהער.

— שושנה, זאָג, וואָס איז? — איז פרידקין צוגעגאַנגען צו איהר און זי אָנגערירט מיט דער האַנט פאַר'ן אַקסעל — ס'האָט דיך עמיצער באַליידיגט?

— גאָרנישט, לאָז מיך צופריעדען — האָט זי זיך אַ דרעה געטון, ווי זי וואָלט געוואָלט אָראָפּשאָקלען פון זיך זיין האַנט און זיך שטיל פונאַנדערגעוויינט.

— וואָס איז, שושנה? — האָט פרידקין זיך אָנגעהויבען בע־טען ביי איהר — וואָס וויינסטו? מיר דאַרפסטו זאָגען. איך בין

דיר גיט קיין פרעמדער! ס'האָט דיך עמיצער באַליידיגט? וואָס שווייגסטו?

זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, זיי אָפּגעווישט, געעפענט ס'מויל און זיך נאָך שטאַרקער פאַרגאַנגען. פרידקין האָט איהר גענומען קושען די הענט, ניט געוואוסט, וואָס ער רעדט:

— שושנה, וואָס וויינסטו? כ'בעט דיך, דערצעהל מיר! נו, שושנה?

— איך קען ניט — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

— וועסט מיר אויף מיין וואָרט דערצעהלען! — האָט פריד־קין זי געהאַלטען אין איין קושען — פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט שעהמען! וואָס, אַ פרעמדער בין איך דיר?

שושנה האָט אַ שלוקערץ געטון, זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט פאַר'ן האַרץ און פאַרוואָרפען דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געהאַלטען ביים חלש'ן.

— אַ ביסעל וואַסער? — איז פרידקין אויפגעשפּרונגען.

זי האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. פרידקין האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז וואַסער, באַשפּריצט איהר ס'פּנים, איהר אַריינגעגאָסען אַ ביסעל אין מויל אַריין און זי אויסגעצויגען אויף'ן בעטעל. זי איז געקומען צו זיך, איהם געוויזען מיט דער האַנד ער זאָל זיך זעצען לעבען איהר און געבעטען ער זאָל איהר עטוואָס לויז מאַכען דעם קאָרסעט. פרידקין האָט פאַנאַנדערגעקנעפּעלט דעם קאָרסעט, איהר אונטערגעלעגט נאָך אַ קישען צוקאָפּענס און זיך געבעטען ביי איהר זי זאָל זיך באַרוהיגען. שושנה האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעזעצט, אַראָפּ פון בעטעל, זיך צוריקגעזעצט אויף דער וויעג־שטוהל און ניט קוקענדיג אויף פרידקינען האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט:

— כ'טראָג.

— וואָס?—האָט פרידקין געעפענט אַ פּאָר אויגען ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה.

— וואָס דו הערסט — האָט שושנה ווידער אָנגעהויבען וויינען.

— פון וואַן ביזטו אַזוי זיכער? — איז פרידקין נעהנטער צו־געגאַנגען.

זי האָט ניט געענטפערט, פאַרשטעלט ס׳פּנים מיטביידע הענד און זיך צוכליפּעט.

דאָס מאָל האָט פרידקין פאַרקוועטשט די ליפּען, איינגעצויגען די טעמפּע גאָמבע, גאָר ניט געענטפערט און גענומען שפּרייזען אי־בער׳ן צימער. טויזענדער געדאַנקען זיינען ביי איהם דורך אין איין רגע אין קאָפּ. קיין איינער פון די געדאַנקען זיינען ביי איהם ניט געבליבען, זיך פאַנאַנדערגעפלויגען און ער האָט מיט אַמאָל דער־פיהלט אַזאַ פוסטקייט, אַז ס׳איז איהם אַזש חויל געוואָרען ביים הארץ. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ׳ן בעטעל, זי אָנגעקוקט אַ ווייַלע, מיט פאַרשלאָפענע אויגען, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפגע־קומען און זי איבערגעפרעגט:

— טראָגסט? — און זיך צושמייכעלט.

— גלויבסט ניט! — האָבען די נאָז־פליגעל ביי איהר געצי־טערט און פון די אויגען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען — וואו וועל איך זיך איצט אַהינטון? וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט?

— כ׳וויים ניט וואָס דו ווייַנסט? — איז ער מיט אַמאָל צו איהר צוגעגאַנגען — דו זאָגסט ס׳איז פון מיר?

— פון וועמען דען? — האָט זי זיך אַ שטעל אויף געטון מיט אַ פּאָר ווילדע אויגען, ווי ביי אַ סאַמקע, ווען זי פאַרטיידיגט די קינדער.

— איך גלויב דיר, כ׳גלויב דיר — האָט פרידקין צושראָקען געשטאַמעלט — נו וואָס ווייַנסטו? ס׳איז מיין קינד זאָגסטו? גוט! גוט!

שושנה האָט געמאַכט עטליכע טריט צו פרידקינען, איהם אַ ווייַלע אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געקליבען עפּעס זאָגען, אַ דער־שלאָגענע אַרויפגעלעגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען, אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיין ברוסט און זיך שטיל צעוויינט. פרידקין

האָט זי צוגעפירט צום בעטעל, זיך אָװעקגעזעצט מיט איהר און זי גענומען בּארוהיגען:

— כ'בּעט דיך, שושנה, בּערוהיג זיך! ס'װײנען װעט דאָך דיר גאָרניט העלפען! נו, שושנה?

זי האָט זיך גענומען װישען די אויגען, געבּליבּען זיצען אָנגעשפּאַרט אָן פרידקינס אַקסעל װי פריהער, אויסגעמיטען צו בּאַגעגנען זיך מיט זײן בּליק און געשװיגען.

פרידקין איז געזעסען אַ פאַרלוירענער. דאָס חתונה האָבּען, װעגען װעלכען ער האָט אַזוי אָפט געטראַכט, איז איצט בּײ איהם פאַרװאַנדעלט געװאָרען אין אַ שטריק, װאָס אַ פאַרבּאָרגענע האַנד האָט פאַרװאָרפען אַרום זײן האַלז און יעדע מינוט גרײט געװען איהם צו דערשטיקען. ער האָט געקוקט אויף שושנה'ן, געזעהן איהר פּראָפיל מיט די דיגנע שװאַרצע הערעלעך אַרום דער בּאַק, װאָס האָבּען זיך אַזש געבּויגען פון דינקײט, געפיהלט די הײסע פאַרבּע פון איהרע נאַז־לעכער און ער האָט אויפגעשװידערט. ער האָט ניט בּעגריפען װאָס מען װיל פון איהם, בּלויז געפיהלט װי עס װערט איהם ענג, קען ניט אָטהעמען, זיך דערמאָנט װי ער האָט געהאָלפען דעם פּאָליסמאַן שלעפּען די דאַמע אין בּאַלאָװען קלײד, גרײט געװען אַלץ אַװעקצוגעבּען, אַבי מען זאָל איהם בּעפרײען פון איהר.

— װאָס שװײגסטו? — האָט שושנה מיט'ן אינסטינקט פון אַ פרוי איבּערגעריסען די שטילקײט און זיך גענומען טוליען צו איהם.

— װאָס זאָל איך זאָגען? — האָט פרידקין אָנבּעהאָלפען; אַ צופּ געטאָן מיט אָן אַקסעל.

— כ'זעה, אַז דו לײדסט — האָט זי אַרײנגעלאָזט אַ האַנד מיט צושפּרײטע פינגער אין זײנע שיטערע האָר, עטװאָס אײנגעצױגען! דעם שטערען, װי זי װאָלט געקלערט װאָס צו זאָגען — װײסט, אַ מאַן לײדט שענער פון אַ פרוי, רוהיגער, אמת־טראַגיש. בּײ אַ פרוי — איז עס מעלאָדראַמאַטיש. װײסט, כ'האָבּ פײנד צופּרי־

דענע, זאַטע מענער מיט אויסגעפּולטע פּנים׳ער... אַ מאַן וואָס לויפט נאָך פרויען, אַ „דאַמען פאַרעהרער", האָב איך ניט ליעב, דאָס איז קיין מאַן ניט... כ׳מיין ניט אַז אַ מאַן דאַרף זיין גלייכגילטיג צו פרוי־ען, ניין, אַ מאַן אָבער, וואָס זיין עובדה איז צו ווייזען מיידלעך, פּטר׳ן טעג און נעכט צוליב אַ קוש, איז ביי מיר ערגער ווי אַ מאַן אַ געמבלער! — און איך זאָג דיר — האָט שושנה ארומגענומען פרידקי־נען אַרום האַלז מיט איהרע נאַקעטע הענד — אַז מיר וועלען זיך זעהר גוט לעבען! ... וועסט זעהן, מיר וועלען האָבען אַ באַקוועמע היים און דער עיקר וויפיעל דו וועסט פאַרדינען וועט זיין גוט! אויב וועסט מאַכען צעהן טאָלער אַ וואָך, וועט מען לעבען פאַר צעהן. מאַכסט דען מעהר?

— געוויס, — האָט פרידקין זיך אָנגערופען, געפיהלט אַז איצט האָבען זיי זיך געביטען מיט די ראָליען — אין סקוהל אַליין האָב איך זעכצעהן דאָלאַר אַ וואָך. איצט לעסאָנס, בר־מצוות, כ׳קען מאַכען אַ פינף און צוואַנציגער!

— וועלען מיר טאַקע שפּאָרען — איז שושנה געוואָרען אויפ־גערוימט — ס׳קומט צונויז... כ׳האָב אויך ליעגען אַ פּאָר טאָלער...

זיי האָבען זיך אַ ווייַלע אָנגעקוקט, זיך צולאַכט. שושנה האָט איהם אויסגעקושטביידע אויגען, איהם געגלעט מיט די ליפּען אי־בער׳ן אויער און שטיל איינגערוימט:

— מאָרגען וועלען מיר געהן זעהן צימערן, גוט? וועסט זעהן, ווי ריין כ׳וועל האַלטען, אַז ס׳וועט שמעקען פון יעדען ווינקעלע! ווען דו ווייסט ווי גוט כ׳קען קאָכען? באַקען אויך! מיר וועלען ניט מאַכען קיין אָפּיציעלע חתונה — האָט זי זיך געפּיעשטשעט — צו וואָס פּטר׳ן געלט? אַ שאָד! מיר וועלען אַריינגעהן צו אַ רב און שטעלען אַ חופה. הא, וואָס זאָגסטו?

— אָל־רייט — האָט פרידקין געענטפערט, געפיהלט בשעת־מעשה, ווי דער פאַרוואָרפענער שטריק ציהט איהם אַלץ מעהר צו־גויף דעם האַלז און צום לעצטען מאָל זיך פּרובירט צו ווערען —

שושנה, פון וואַן ביזטו אַזוי זיכער? כ'מיין, פון וואַן ווייסטו, אַז — — — —

— אַז וואָס?

— כ'מיין — האָט פרידקין געשטאַמעלט — פון וואַן ווייסטו אַז — — — האָסט געפרעגט אַ דאָקטאָר? — כ'מיין, ביזט טאַקע זיכער אַז דו שוואַנגערסט?

— וואָס בין איך עפּעס, אַ מיידעלע? — האָט שושנה זיך גע־פיהלט באַליידיגט — רעדסט, זאָלסט מיר ענטשולדיגען, ווי אַ... פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסען? און כ'וועל דיר זאָגען דעם אמת: די ערשטע מינוט האָב איך זיך געפיהלט אומגליקליך, איצט בין איך צופרידען. אַז מען האָט ליעב אַ מאַן, דאַרף מען וועלען פון איהם האָבען אַ קינד!

פרידקין האָט גאָר ניט געענטפערט, אָנגעשפּאַרט די עלענבויגענס אָן די קניהען, איינגערעהמט דעם קאָפּ אין די הענד און אַ פאַרצווייפעלטער, ווי אַן אומגליק וואָלט איהם געשעהן, געקוקט אין איין פונקט.

שושנה האָט אַפּגענומען פרידקין'ס אַ האַנד, זי געלעגט, זיך געטוליעט צו איהם, אינסטינקטיוו געפיהלט אַז מען טאָר איצט ניט זיין פרעהליך. דער לייכטסטער פלירט וועט איהם נאָך מעהר דערשלאָגען, האָט זי געשוויגען אַ ווייל, געמאַכט די שטימונג שווע־רער, דערנאָך טיעף אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבען:

— ווייסט, ס'איז אַ מיאוסע וועלט! אַז כ'טו אַ טראַכט האָב איך דאָך ניט געהאַט קיין איין גליקליכע מינוט אין מיין לעבען!

זי האָט איהם אַ ווייל אָנגעקוקט, צוגעלעגט זיך זיין האַנד דאָ צו דער רעכטער, דאָ צו דער לינקער באַק, זי אַרויסגעלאָזט און געוואָרען נאָך ערנסטער:

— אַז כ'בין קיין מאָל קיין קינד ניט געווען! צו פינף יאָהר נאָך מיין מוטערס טויט, האָב איך געדאַרפט האָדעווען צוויי קליינע שוועסטערלעך. כ'האָב זיי געוואַשען, געקעמט, געהיט

די שטוב און אז איינע פון די שוועסטערלעך איז געפאַלען און זיך צוקלאַפּט, האָט מען מיך געשלאָגען. דער טאַטע איז געווען א בייזער איד, א שלעכטער, כ׳האָב פון איהם קיין מאָל קיין גוט וואָרט ניט געהערט. כ׳געדענק, ווי היינט — האָט שושנה ווידער גענומען פרידקינען פאַר א האַנד — כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען א יאָהר זיבען, מען האָט מיר געמאַכט א נייע קליידעל אויף פּסח, און באַלד דעם ערשטען טאָג, ווי כ׳האָב עס אָנגעטון, ארוים אויפ׳ן הויף, האָב איך זיך פאַרטשעפּעט אָן א טשוואָק, און געמאַכט א א געוואַלד־רים. האָט דער טאַטע מיך דעמאָלט געשלאָגען! או, האָב איך איהם דעמאָלט פיינט געהאַט! שפּעטער האָב איך דורכ־געמאַכט א פּאָגראָם, געלעגען פאַרשפּאַרט איבער א מעת־לעת אויף א בוידעם. וואָס ווייסטו? דערנאָך די רייזע נאָך ארץ ישראל מיט א פאַרטיע יתומים... כ׳האָב שוין אביסעל דורכגעמאַכט!

— **אָה**, קומסט דאָך פון קישענעוו — האָט פרידקין זיך אָנ־גערופען.

— יעס, כ׳האָב דורכגעמאַכט דעם ערשטען קישענעווען פּאָ־גראָם — האָט שושנה א בליץ געטון מיט די אויגען און ס׳האָט זיך געפיהלט, אז זי דערצעהלט שוין די געשיכטע צום הונדערטען מאָל. פיהלט, אז זי נעהמט מיט איהר אוים — כ׳בין געלעגען אויף א בוידעם, קיין פּיפּס געטון און גענאָגט א פינגער. און אז ס׳האָט מיך אָנגעהויבען שטאַרקער צו הונגערן, האָב איך ארויסגעלאָזט דעם פינגער פון מויל און אריינגענומען אַן אַנדערן. און וועסט לאַכען, יעדעס מאָל ווען כ׳האָב אריינגענומען אַן אַנדער פינ־גער האָב איך געפיהלט לייכטער! מיין טאַטע איז געזעסען אין א בונט שטרוי, יעדע ווייַלע ארויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און געקוקט וואָס איך טו און מיך געטרייסט, אז מען וועט באַלד אונז ארויס־שיקען עסען. מאָדנע, תמיד ווען דער טאַטע קומט מיר אויפ׳ן זינען, דערמאָן איך זיך וואָס פאַרע אויגען ער האָט דעמאָלט גע־האַט. גרויסע, צושראָקענע, ווי ביי א משוגענעם. צומיינסטען האָט מיך געאַרט פאַרוואָס ער טענה׳ט זיך מיט מיר אוים, ווי כ׳וואָלט איבער נאַכט אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַן אמת׳ע מאַמע.

און אז דער טאַטע האָט געגומען געהן איבער׳ן בוידעם, האָט מיך יעדעס מאָל אַ גרויל אַרומגענומען, ווי ניט דער טאַטע וואָלט גע־גאַנגען, נור דער בונד שטרוי, און פון היימליכקייטס וועגען האָב איך איהם יעדעס מאָל גערופען, געוואָלט זיך איבערצייגען צי איז עס טאַקע ער.

זי איז אַנשוויגען געוואָרען, זיך אויסגעווישט די פאַרלאָפּענע אויגען און זיך פאַרטראַכט.

— און וואָס איז געווען דער סוף? — איז פרידקין געוואָרען נייגעריג.

— וואָס פרעגסטו! — האָט זי אָפּגעזיפצט. — פאַרטאָג, מיר האָבען זיך געקליבען אַראָפּצוגעהן, זיינען עטליכע חוליגאַנעס אַרויף אויפ׳ן בוידעם, אַלץ צעוואָרפען און איינער האָט פאַרביי־געהענדיג אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין דעם בונד שטרוי און גע־נומען אַרויסשלעפּען דעם טאַטען.

— כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווי ער האָט דעמאָלט אויס־געזעהן! דאָס בערדיל איז ביי איהם געוואָרען אַזוי שיטער, אַז מען האָט געקענט איבערצעהלען יעדע האָר באַזונדער. ער האָט אויסגעמיטען צו קוקען אויף מיר, אַפּנים זיך געשעמט, און מיט אַ פּאָר גרויסע אויגען האָט ער זיך אַ וואָרף געטון די גוים צו די פיס, זיי אַרומגעכאַפּט, גענומען קושען און זיך צעוויינט מיט אַזאַ פּרעמד, שטעכיג קול, אַז מיר זיינען נאָדלען דורך איבער׳ן גאַנ־צען לייב... כ׳האָב זיך נאָך שטאַרקער איינגעטוליעט, פאַר־קוועטשט די אויגען און זיך מיט אַמאָל שטאַרק פיינט געקראָגען, פאַרוואָס איך וואַרף זיך ניט אויף די גוים, בייס ניט עמיצען אָפּ אַ פינגער... כ׳האָב דאַכט זיך שטאַרק צוגעקוועטשט די אויגען און פונדעסטוועגען האָב איך געזעהן ווי די גוים האָבען איהם באַ־זוכט, צוגענומען וואָס ער האָט נור געהאַט ביי זיך. אַ יונגער שייגעץ האָט איהם אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין, איז ער געפּאַ־לען אויף די קניה און זיך באַגאָסען מיט בלוט.

— כ׳האָב געפיהלט, ווי אַלץ אין מיר פּלאַצט, וויל זיך וואַר־

פּען אויפ'ן שויגנעץ. כ'האָב זיך געריסען די פינגער, זיך אויס־געקניפּט שטיקער פלייש, פאַרוואָס כ'לאָז שלאָגען א טאַטען און געפיהלט אז גלייך ווי כ'וועל זיך אויפשטעלען וועט מיר עמיצער אָפּמעסטען מיט דראָנג איבער'ן קאָפּ...

— דערווייל האָבען זיי דעם טאַטען געהאַלטען אין איין שלאָגען, צעריסען די קליידער אויף איהם, געוואָלט וויסען וואו ער האָט באַהאַלטען דאָס געלט, ער האָט בלויז געקרעכצט און זיך ניט אויפגעהערט צו בעטען ביי זיי, געקושט די הענט וואָס האָבען איהם געשלאָגען, געקושט די פיס וואָס האָבען איהם געטראָטען און מיט אמאָל זיך פונאַנדערגעוויינט:

— רייזעלע, רייזעלע! זיי וועלען מיך דער'הרג'ענען! טאָכ־טער מיינע, זיי וועלען דער'הרג'ענען דיין טאַטען...

— ס'ערשטע מאָל האָב איך געהערט, ווי מיין טאַטע, פאר וועמען כ'האָב תמיד געציטערט, וויינט און בעט, אז איך, זיין אכט יעהריגע טאָכטער, זאָל איהם ראַטעווען. כ'האָב געשלונגען הייסע טרעהרען, זיך איינגעביסען אין מיין רעכטער האַנט ביז צום בלוט, פאַרוואָס איך הויב זיך ניט פון אָרט און די שרעק אז מען וועט מיך אָפּמעסטען מיט א דראָנג איבער'ן קאָפּ, האָט מיך צו־געשמידט און איך האָב זיך קיין ריהר געטון.

— דערווייל האָט א יונגער פויער אָנגענומען מיין טאַטען פאַר'ן שיטערען בערדעל און איהם גענומען אראָפּפיהרען פון בוי־דעם. דער טאַטע, א פאַרבלוטיגטער מיט קיילעכדיגע גרויסע אוי־גען, האָט געקוקט אזוי אומבאַהאָלפען, אז איך האָב א קוויטש געטון, פאַרגעסען, אז כ'קען דער'הרג'עט ווערען, מעהר ניט גע־קענט זעהן ווי מען באַליידיגט מיין טאַטען. מיט איין שפּרונג האָב איך זיך א וואָרף געטון אויף מיין טאַטען, זיך איינגעפלאָנ־טערט אין איהם מיט הענט און פיס און געשריען:

— טאַטע, געה ניט! טאַטע!

— איך האָב דערפיהלט, ווי א פּאָר שטאַרקע הענט נעמען מיך

ארום, הויבען מיך אויף און מיט פונקען פאר די אויגען בין איך געפלויגען אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע...

בשעת שושנה האט דערצעהלט, האט פרידקין איהר געקוקט אין די אויגען אריין, געוואָרען מיטגעריסען מיט דער מעשה און געפיהלט ווי זי וואקסט ביי איהם ביסלעכווייז אוים אין די אויגען. אלע שוועריגקייטען, וואָס דאָס פארהייראַטע לעבען ברענגט מיט זיך מיט, האָט ער איצט דורכגעלאָזט דורך די פינגער און זיך געוואונדערט פארוואָס ער האָט ביז איצט זיך אזוי געשראָקען חתונה צו האָבען. ער האָט אלץ גענומען זעהן אין העלע קאָלירען, ניט געוואָלט טראכטען, געוואוסט, אז אנדערע האָבען נאָך ווענייגער פּרנסה געהאט פאר איהם, פונדעסטוועגען לעבען זיי מיט ווייבער, האָבען קינדער.

פרידקין איז געוואָרען גוט אויפגעלייגט, געמאכט שושנה'ן קאָמפּלימענטען, געלאכט און כאָטש ער האָט ניט געוואָלט טראכטען, האָט פונדעסטוועגען, פון זיך אליין, ביי איהם זיך געפּלאָנטערט, וואָס פארע געריכטען זי וועט איהם קאָכען, וואָס פארע מעבעל זי וועט קויפען. איהם האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט, אז ער געהט ווערען א טאטע און אזוי לייכט! וואָס איז דער אונטערשייד פון היינט ביז נעכטען, ווען ער איז נאָך געווען א בחור? ניט איין נאכט איז ער אויף־געווען, געלעגען אין בעטעל און פאנטאזירט ווי זיין חתונה וועט צוגעהן און דאָ, מיט אמאָל, איז צו איהם געקומען א מיידעל און איהם פארטרויט, אז ער האָט שוין חתונה געהאט, אז אין גיכען וועט ער ווערען א טאטע. ער האָט געקוקט אויף שושנה'ן, באטראכט איהרע צופּאטעלטע האָר, די שווארצע אויגען, געוואָלט געפינען עפּעס עהנליכעס צו זיך און כאָטש עס איז צווישען זיי קיין עהנליכקייט ניט געווען, האָט ער פונדעסטוועגען אויסגעפונען, אז אין איהר פּנים שפּיגעלט זיך אָפּ עפּעס פון איהם, ווען ער קוקט איהר א לענגערע צייט אין די אויגען.

שפּעט אין דער נאכט האָט ער זי אָפּגעפיהרט. ער איז געווען

גליקליך, אפגעמאכט מארגען צו געהן זעהן א דירה און איבער־מארגען צו נעמען חופה וקדושין.

אז שושנה איז אריין אין דעם הויז וואו זי האט געוואוינט, איז פרידקין נאך שטעהן געבליבען. ער האט זיך איינגעהערט ווי זי געהט איבער די טרעפען, רוהט זיך אפ מיט א זיפץ אויף יעדען שטאק, געהערט ווי זי שליסט א טיר, פארמאכט און ס'איז מיט אמאל שטיל געווארען. ער איז נאך געשטאנען א ווייל׳ע, מקנא געווען שושנה'ן, וואס זי קען גלייך אריין אין בעט און א מיעדער זיך גענומען שלעפען אהיים.

דאס שטילקייט פון די גאסען, די איינגעקארטשעטע מענשען, וואס האבען זיך דא און דארט געאיילט, פארשווינדען אין די פינסטערע הייזער, אלץ האט געווירקט אויף פרידקינען און זיין גוטע שטימונג איז ביסלעכווייז פון איהם אוועק.

פון א זייטיגער גאס איז איהם עמיצער אנטקעגען געקומען. דער פרעמדער, א הויך געוויקסיגער, איז געגאנגען מיט פעסטע טריט און געמאכט מיט די הענט, ווי מיט פליגלען. פרידקין האט אינסטינקטיוו, פון זיכערקייט וועגען, שוין געוואלט אריבערגעהן אויפ'ן צווייטען טראטואר, זיך דערמאנט אז ער געהט חתונה האבען, נעמט זיך אונטער צו באשיצען א ווייב, האט ער זיך געמאכט קוראזש, גענומען געהן אויפ'ן פרעמדען און געציטערט. ער האט געשטעלט נאך עטליכע טריט, ניט אויסגעהאלטען און שוין גענומען אראפגעהן פון טראטואר, ווי ס'איז איהם מיט אמאל לייכטער געווארען און ער האט זיך אויפגעהערט צו שרעקען — דער פרעמדער האט געטראגען ברילען.

## 14.

צייט גרין איז אוועק פון דער „היברו", האָט ער גאַנצע טעג זיך גענומען אַרומשלעפּען איבער'ן „ווילעדזש", געגאַנגען פון איין „קנאַ‏יפּע" אין דער צווייטער, זיך איינגעהערט ווי מענשען רעדען, געשלאָפען ביז אַ שטיק נאָך מיטאָג און געפיהלט ווי אונטער איהם שאָקעלט זיך עפּעס, קנאַקט, געוועזן זיכער אַז היינט, מאָרגען וועט אַלץ פון אונטער זיינע פיס אַפּערשווימען און ער וועט בלייבען אין דער לופטען. ער האָט געהאַט פּאַרדרוס צו וואָס ער געהט אין „ווי־לעדזש", געזעהן ווי מענשען קאָכען זיך, האַלטען אין איין איבער־קייען זאַכען, וואָס מען האָט שוין אין איראָפּאַ לאַנג פאַרדייט, זיינען גרייט זיך צו שלאָגען איבער קליינינגקייטען וואָס געהן קיינעם נים אָן. ער האָט געזעהען ווי אַ באַקענטער איז געשטאַנען אַרומ־גערינגעלט מיט מענשען, עפּעס פערטיידיגט מיט שוים אויפ'ן מויל, האָט גרין אַרויפגעלעגט אויף איהם אַ האַנד, איהם אָפּגעפיהרט אָן אַ זייט און געפרעגט:

— מה רעש?

דער באַקאַנטער האָט געעפענט אַ פּאָר אויגען, פערלוירען אַ צוג געטון מיט די אַקסלען, ווי ס'וואָלט איהם מיט אַמאָל קשה גע־וואָרען — צו וואָס טאַקע קאָכט ער זיך?

גרינען איז איינגעפאַלען אַז אַלע אַרום די טישלעך זיינען היפּ־נאָטיזירט. בערג מיט שמות, פערשימעלטע בלעטער, האַלב אָפּגע־ריבענע, האַלב צוריסענע ביכער ליגען איבער אַלעמענס קעפּ, מאַכען טוכלע די לופט, שלעפּערען איין און ו ו י און ו ו אָ ס די אָפּגעריי־בענע שמות ווילען, אַזוי האַנדלען די מענשען. ער האָט געפיהלט אַז מ'דאַרף זיך בעפרייען פון די שמות, מ'דאַרף אַלץ צושטערען, ווערען דער בעל־הבית איבער זיך, און אין דער זעלבער צייט

איז ער יעדען אָבענד געגאַנגען פון א טישעל צו א טישעל, מיטגעשלעפּט געוואָרען, ווי מען ווערט מיטגעריסען נאָך א מאַסע מענשען, וואָס בעווייזט זיך מיט אַמאָל אין גאַס.

טיעף אין דער נשמה האָט זיך עפּעס געבלעזילט ביי איהם, עפּעס מטושטושע׳ס, אָהן ווערטער און ער האָט זיך בלויז גע׳חדושט ווי ר׳נאָך האָט ער ביז איצט געקענט גלויבען אז די ישועה וועט קו־מען פון די פּאָלקס־שוהלען? און אז א אינגעל וועט שוין זינגען „מה קא משמע לן, דער רעגען“ טאָ וואָס פאר א באַטרעף האָט עס? א טראַגעדיע איבער א פּאָר צוריסענע שיך! לאָז דער ישיבה־בחור ווערען א וואַסער־טרעגער, אָדער ווייסט איהר גאָר וואָס? מיר זיי־נען דאָך בני־רחמנים, וועלען מיר זיך צונויפלעגען, איהם קויפען א פּאָר שיך און אויס טראַגעדיע! מיט אזא באַנאַזש קען מען אפילו קיין איין טריט ניט שטעלען, דער קלענסטער הויך איז גענוג ער זאָל דאָס ביסעל אָרימקייט צובלאָזען... הייסט עס אז וואַקסמאַן איז גערעכט? ניין, טויזענד מאָל ניין! ער, גרין, מעג אָפּלאַכען, מעג אפילו שמייסען, ווייל ער האָט געוועהטאָגט, ווייל טויזענדער פעדים בינדען איהם צונויף מיט די „ווינד־מיהלען“, וועלען מסתמא איהם קיינמאָל ניט לאָזען ארויספּלאָנטערען זיך און אויב ער וועט איבער־שניידען די פעדים, וועט ער איצט פערגעהן אין בלוט, ניט זיין שולד, וואָס ער האָט צו פיעל האָפנונג געלעגט אויפ׳ן קינד, לאָמיר צוגעבען ניט קיין געראָטען קינד, אָבער זיינס א קינד און די וואַקס־מאַן׳ס דאַרפען שווייגען, זיי זיינען פרעמדע און אז זיי געהען צו, דאַרפען זיי אויסטון די שיך.

גרין האָט מעהר ניט געוואָלט טראַכטען, זיך געוואָלט בעפרייען. זיך געקאָרטשעט און זיך נאָך מעהר פערפּלאָנטערט.

„— לאָז די אימיגראַציע אויפהערען, וועט אייער גאַנצע אַרבייט זיין ארויסגעוואָרפען! די יוגענד רעדט ניט און פאַרשטעהט ניט קיי אידיש! נאָך א דור־און אידיש וועט אונטערגעהן!“

גרין האָט אויפגעשוידערט, ווי עמיצער וואָלט פון איהם ארויס־גערעדט. ער האָט זיך ארומגעקוקט, געזעהן ווי א דאַרער בעוואַק־

סענער בחור מיט לאַנגע הענד און פיס, ווי ביי אַן אוראַנגטאַנג, שפּריצט מיט'ן מויל, האַלט אַ מיטעל־יעהריגען איד, מיט אַ פאַרטראַכט, קלוג פּנים, פאַר אַ לאַץ און רעדט אין איהם אריין. גרין האָט געקענט דעם איד. דאָס איז געווען דער פּובליציסט ניטען — דער טאַטע פון די פאָלקס־שוהלען. ניטען האָט דעם בחור גאָרניט געענטפערט, איהם גוטמוטיג אָנגעקוקט און זיין קלוגער שמייכעל האָט דאַכט זיך גע'טענה'ט:

— דאָס אַלץ וואָס דו טענה'סט, מיין פריינד, איז אמת. כ'וואָלט דיר נאָך אַ פּאָר אמת'ן געקענט זאָגען, וואָס דו ווייסט ניט! וואָס קרימסטו זיך? כ'האָב דיר דאַכט זיך גאָר ניט געטון! כ'רעד זעהר גוטמוטיג. קענסט ניט אויסהאַלטען מיין בליק? אַז ביזט ווידער אַזוי זיכער, וואָס לאָזטו אַראָפּ די אויגען? אפשר דיינע אמת'ן זיינען קיין אמת'ן ניט...

גרין האָט פאַרמאַכט די אויגען, געזעהן פאַר זיך דעם גוטמוטיגען ניטען, דעם בעל־תשובה, דעם צוריקגעקומענעם און זיך געטראַכט אַז ער וואָלט איהם ניט פאַרטוישט פאַר אַלע העברעאישע מעצענאַטען. ער האָט זיך בלויז געוואונדערט פון וואַן נעמט זיך צו איהם אַזוי פיעל גלויבען? ווי ווערט דאָס אַ מענש ניט מיעד דאָס גאַנצע לעבען צו האַלטען אין איין בויען? בויען אויף זומפּען, אויף זאַמדען, קלאַפּען פלעקער אין וואַסער אריין, אבי עפּעס צו טון! זאָל זיין אַז דער מענש מוז אין תוך וועלען עפּעס ממשות'דיגע'ס? אויב אַזוי האָט ער גרין, ביז איצט ניט געגלויבט אין מענש? — — פאַר וואָס הויבען זיך ביי איהם די הענד ניט צו טון? ער און דער בחור מיט די לאַנגע הענד און פיס און טויזענדער אַנדערע — זיינען גלות אידען, דער גלות האָט זיך איינגעגעסען אין זייערע אָדערען, אָפּגענומען ביי זיי הענד און פיס און ווי פליישיקע געוואוקסען זיצען זיי אויפ'ן אידישען קערפּער, טון גאָרניט און נאָגען זיין בלוט. און די ניטען'ס? מעגליך אַז זיי זיינען די ל"ו'ניקעס אויף וועמען די וועלט שטעהט! מעגליך! און אַז זיי וועלען גאָרניט אויסבויען? זיי וועלען אויסבויען, זיי וועלען! און אויב

ניט, וועט אלץ אונטערגעהן און קיין הארץ וועט ניט בלייבען ס'זאל זיך קארטשען און וועהטיגען — — —

גרין האט געפיהלט ווי זיין אידיש לעבען ווערט חרוב, צופאלט אין אלע פיער זייטען ווי פארוועלקטע בלעטער. ס'האט איהם וועה געטון, ניט געוואלט זעהן אין אלעם א צופאל, דעם זעלבען צופאל, דורך וועלכען ער איז געקומען אויף דער וועלט געגען זיין ווילען. ער האט זיך ארפגעלאזט אין דער אייגענער נשמה, טיעפער, זיך איינ־געהערט אין דעם רויש און געוועזן זיכער אז דאס קומט ניט פון חורבות, אזוי קען נור רוישען די יוגענד, ווען זי קלאפט אין די טי־רען, זאגט אן אז זי קומט.

---

אין דער טיר זיינען געשטאנען בעססי מיט ליפשיצען. גרין איז געווארען נערוועז, געוואלט זיין גלייכגילטיג, ניט געוואלט זיי באמערקען, זיך געהאלטען אין איין קנאקען די פינגער און זיך גע־פיהלט געקרענקט וואס מען האט ביי איהם עפעס צוגענומען.

צומארגענס נאכ'ן סקאנדאל מיט'ן פאטער איז בעססי געקו־מען צו איהם א פארוויינטע, צוגעשטאנען אז גרין זאל גלייך געהן נעמען א דירה, אז זי וועט מעהר ניט אהיימגעהן, אז זי וועט זיך א מעשה אנטון, אז ער איז א שלעכטער, האט זי ניט ליעב, באגעהט זיך מיט איהר ווי מיט א קינד, וואס שווייגט ער? זי האט איהם פיינד!

זי האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, צועפענט א בוך, פארבי־סען געגומען קנייטשען די שפיצען פון די בלעטער, מיט אמאל פאר־געסען אז זי האט נאר וואס געוויינט, א שמייכעל געטון און די אוי־גען זיינען ביי איהר געווארען שעהנער, קלארער, ווי די זון נאך א רעגען:

— ווייסט, כ'האב נעכטען געטראפען ליפשיצען, ער האט מיר געגעבען א „גוט־טיים", ניט ווי דו — — — ער האט מיך באקענט מיט'ן דירינגענט, מיט עטליכע טעאטער קריטיקער, האבען מיר גע־האט „פאן", הא, הא, הא! ליפשיץ שרייבט דאך ליעדער אויך,

ער האָט אונז פאַרגעליינט, דער דיריגענט, ער איז אַ גוי, האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, האָבען מיר געלאַכט! ווייסט, After all, Liphschitz is a funny guy! דיר געפעלען זיינע ליעדער?

גרין האָט געפיהלט אין בעססי'ס קול אין דעם איינציהען פון דער אויבערשטער ליפּ, אז זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסען, דאָס זי איז צוקריגט מיט'ן פאָטער, אז זי וועט זיך קיין מעשה ניט אָנטון. דאָס סימולירט זי עפּעס אַ העלדין. בעססי וועט זיך קיינמאָל קיין מאָן ניט איבערגעבען, ביז דער פאָטער און מוטער, פון וועלכע זי אַנטלויפט, וועלען ניט נעמען דאָס אונטערפיהרענס.

זי האָט איהם דערמאָנט אָן באַלזאַקס געליעבטע — די פּויל־ישע, פּראָווינציעלע צנועה, וואָס האָט איהם איינגערעדט אז זי שטאַמט פון קעניגליכען הויף, וואָס זי האָט איהם צוגעשיקט סווע־דענבאָרג'ס ביכער ער זאָל האָבען פון וואָס צו לערנען. און דער ריעז באַלזאַק, וואָס האָט גענומען מיט זיינע פּרויען־טיפּען איירא־פּא מיט שטורם, איז געבליבען ביז'ן טוידט אַ „סנאָב". דרייצען יאָהר זיך געשלעפּט נאָך דער האַלב מיסטישער, האַלב זינדיגער אין גע־דאַנק, דאַמע, וואָס האָט איהם פּערנודיעט מיט איהרע בריעף אַז פּרויען דאַרפען זיין זעלבסשטענדיג, פריי און זיך איהם פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט איבערגעבען, ביז זי האָט איהם אַזש פון פּאַריז אַראָפּגעשלעפּט נאָך בערדיטשעוו, גאַנץ פּויליען זאָל זיין אַן עדות.

גרין האָט דערשמעקט אַז צווישען בעססי'ן און ליפּשיצען פּלאָנטערט זיך עפּעס, געווען זיכער אַז בעססי איז פעהיג זיך צו פאַרליבען אין יעדען בחור, וועמעס נאָמען זעהט זיך אין די צייט־טונגען, איז איהם איינגעפאַלען אַז מען דאַרף גאָר אָפּטאָן אַ שפּי־צעל. און בעססי? ער איז געווען גלייכגילטיג.

דעם זעלבען אָוונט האָט גרין זיך געטראָפען מיט ליפשיצען, איהם געגעבען אָנצוהערען, אַז ווען ער וואָלט זיך געדרוקט, וואָלט בעססי איהם ליעב געקראָגען. ליפשיץ האָט געשטאַמעלט, זיך

געריוטעלט און אוועקגעגאַנגען פון גרינען מיט צוויי ליעדער. אז די ליעדער האָבען זיך אָפּגעדרוקט, איז בעססי געקומען צו לויפען מיט דער צייטונג אַהין אַן אַטעם:

— וואָס זאָגסטו אויף ליפשיצען? שעהנע ליעדער! האָסט זיי געלייענט? נאַ!

גרין האָט געשמייכעלט, ניט גענומען די צייטונג אין האַנד.

— דיך דאַרף ניט פאַרדריסען — האָט בעססי אויף איהם אַרויפגעלייגט אַ האַנד — איך פאַרגלייך איהם ניט צו דיר, כ'וויים אַז צו דיינע ליעדער קומען זיי ניט...

— פאַרקערט — האָט גרין זי, מעשה פאָטער, אַרומגענומען און געגלעט איבער די האָר — כ'בין צופרידען.

— איך אויך — האָט זיך בעססי צולאַכט און זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטון — כ'האָב גאָר פאַרגעסען! כ'האָב עמיצען געלאָזט אונטען, וועסט מיר ענטשולדיגען, כ'געה צו אַ קאָנצערט, מאָרגען וועלען מיר זיך זעהן — און זי האָט איהם אונטערגעשטעלט אַ באַק — גוד־באַי!

— גוד־באַי.

גרין איז געבליבען אַליין אין שטוב, זיך איינגעהערט ווי בעססי לויפט איבער די טרעפּען און וואָס ווייטער און שוואַכער עס זיינען געוואָרען די טריט, אַלץ באַנגער איז איהם געוואָרען, געפיהלט אַז צווישען זיי איז אַלץ געענדיגט און געוועזן זיבער, ניט ווייסענדיג פאַרוואָס, אַז ליפשיץ האָט געוואַרט אויף איהר. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. ליפשיץ האָט זי געפיהרט אונטער'ן אָרעם.

---

איצט, זעהענדיג זי מיט איהם, האָט גרין זיך געפיהלט באַליידיגט, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס פאַרא ראָליע ער שפּיעלט דאָ און זעהר געוואָלט בעססי זאָל איהם ניט באַמערקען.

— האַללאָ, גרין — איז בעססי כמעט צוגעלאָפען צו איהם, אָנגעכאַפּט זיינע ביידע הענד, זיי האַרציג געדריקט און גערעדט

מיט איין אָטעם — וועסט מיר ענטשולדיגען, כ'האָב געכטען ניט געקענט זיין ביי דיר, האסט דען געוואָרט? אָ־אָ?!

זי האָט זיך ניט איינגעהערט וואָס גרין האָט געענטפערט, זיך אויסגעגלייכט, זיך ארומגעקוקט, ווי זי וואָלט עמיצען געזוכט. און אין איהר טונקעלען אנצוג ביז צום טריט, די גרויסע וואוּאַל, וואָס האָט פארדעקט ס'פּנים, נאכלעסיג געפאלען ארום האלז, אלץ האָט דערמאָנט אן ענגלענדערין אויף דער רייזע.

גרין האָט זי קיינמאָל ניט געזעהן אזוי אָנגעטון, געווען דער־נערווירט וואָס איהרע ווייכע אויגען שמייכלען צו עמיצען, די צוויי אויבערשטע ציין קוקען פארשייט, האָט ער זי א פרעג געטון:

— פאָהרסט ערגיץ?

— וואָס פאַלט דיר איין?

— אז דו האָסט זיך אזוי אויסגעפּוצט!

זי האָט זיך ניט געמאכט הערען, א שמייכעל געטון צו ליפּ־שיצען, וואָס איז געבליבען שטעהן מיט א באקאנטען, איהם צוגע־רופען און זיך איינגעבויגען צו גרינען:

— ווען דו ווייסט, ווי ליפּשיץ האַלט פון דיר! טענה'ט גאנצע טעג, אז דו ביזט דער גרעסטער אידישער דיכטער, וואָס שמיי־כעלסטו?

ליפּשיץ איז אונטערגעקומען ניט קיין דרייסטער, זיך פארלוי־רען פאר גרינען, מורא געהאט ס'זאָל זיך עפּיס ניט אָפּשכּיעלען און אויסגעזעהן אזוי אומבאהאָלפען, אז ס'איז א רחמנות געווען אויף איהם.

גרין איז געוואָרען אויפגערוימטער, זיך געטראכט אז ליפּשיץ איז ביי איהם אין דער האנד. לאָז ער זיך שפּיעלען, פארקריכען אלץ ווייטער און געפיהלט א מאָדנעם רייץ וואָס דער פּלאָנטער וויקעלט זיך ארום איהם. מעשה פילאנטראָפּ האָט ער צוגעוואָרפען ליפּשיצען א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און כאָטש ער האָט אָפּגעמאכט ביי זיך ניט צו באמערקען איהם צווישען מענשען, האָט זיך פונדעסט־וועגען ביי איהם ארויסגעכאַפּט:

— נו, ווי שרייבט זיך עפּעס?

ליפּשיץ האָט זיך פאַררויטעלט, עפּעס אַ שטאַמעל געטון אונ־טער דער נאָז און אָנגעהויבען צו רעדען וועגען עפּעס אַנדערש.

— ווי שעהן ער פאַרלירט זיך — האָט בעססי אַ שטראַהלענדע אַ שטופּ געטון גרינען און געוויזען אויף ליפּשיצען — אסור אַ זעכ־צעהן יעהריג מיידעל! ער איז דער איינציגער פון דעם גאַנצען „באַנטש" שרייבער, וואָס ער רעדט ניט וועגען זיך!

ליפּשיץ האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַררויטעלט, זעהר געוואָלט בעססי זאָל אויפהערען צו רעדען וועגען איהם, אויסגעמיטען צו טרעפען זיך מיט גרינ'ס בליק און איהר געוויזען אויף אַ לעדיג טישעל:

— ווילסט זיך אפשר צוזעצען?

בעססי האָט זיך געכאַפּט אַז ליפּשיץ פיהלט זיך שלעכט אין גרינ'ס נעגענוואַרט, ווייס מסתמא אַז צווישען איהר און גרינען איז עפּעס פאָרגעקומען, האָט זי אַרויפגעלייגט אויף גרינען אַ האַנד— איהר וועט דאָך דאָ זיצען? — און זיך געזעצט מיט ליפּשיצען ביי אַן אַנדער טישעל.

גרין האָט צוגערופען דעם קעלנער, עפּעס געשטאַמעלט, גע־זעהן ווי בעקאַנטע רוקען זיך אַרום בעססי'ס טישעל. ער האָט גע־קוקט פון דער זייט, מיט איין אויג, באַמערקט ווי בעססי פיהרט דעם שמועס, גיט דעם טאָן, די אויגען פינקלען, האָבען אין זיך אוואַנטורישעם און די יונגעלייט רוקען זיך אַלץ נעהנטער, כאַפּען התפּעלות פון יעדען וואָרט איהרס, דרעהען זיך אַרום איהר.

און כאָטש גרין איז געווען גלייכגילטיג צו איהר, האָט עס איהם פונדעסטוועגען פאַרדראָסען, זיך דערפיהלט מיט אַמאָל איינ־זאַם, אויסגעשפּיעלט, ווי מען וואָלט ביי איהם עפּעס איבערגעוואַלד צוגענומען. ער האָט זיך געסטאַרעט ניט צוקוקען אויף בעססי'ן, ניט ווילענדיג אָבער האָט ער יעדע ווילע געוואָרפען אויף איהר אַ

בליק פון דער זייט און געפיהלט בשעת־מעשה ווי עס ווערט איהם הויל ביים הארץ.

צו בעססי׳ס טישעל איז אונטערגעקומען א סקיצען־שרייבער, א גאַליציאַנער יוגנערמאַן איןברילען, מיט א גלאָז טהעע אין דער האַנד. ער האָט געזופּט דעם טהעע און גערעדט:

—איהר ווייסט, אידען, ליפשיץ איז אן אמת׳ער פּאָעט! דער בחור „בלאָפט“ ניט! אָט לעזט זיין לעצטע ליעד — האָפּמאַנסטאַל וואָלט זיך אסור ניט געשעמט דערמיט...

— וואָס מיר האָפּמאַנשטאַל? — האָט א ליטוואַק וואָס רעדט מיט דער „שין“ זיך אָנגערופען — אזעלכע ליעדער געפינט איהר נור ביי שאָלאָגובען...

— אויב איהר געפינט זיי ביי „שאָלאָגובען“ — האָט גרין נאָכגעקרימט דעם בחור און אויפ׳ן אָרט חרטה געהאַט, וואָס ער מישט זיך אריין — דאַרף מען ליפשיצעס ליעדער ניט...

בשעת גרין האָט גערעדט איז ליפשיץ בלייך געוואָרען, גע־פיהלט, ווען עס עפענט זיך א גרוב, וואָלט ער אריין. אלע האָבען עס באַמערקט און יעדער האָט זיך געטראַכט, אז אין ליפשיצעס שרייבען פיהלט זיך נאָך די אונשולד, ער האָט זי נאָך ניט פאַר־לוירען, דעריבער אזוי פיעל פייער, אזא גלויבען אין זיינע ליעדער.

איהר זייט א קינד—האָט העלד, דער ראָמאַנען שרייבער, אויפגעהערט עסען און זיך געווענדעט צו גרינען — איהר וועט ביי סאָלאָגובען קיינמאָל אזעלכע ליעדער ניט געפינען! סאָלאָגוב׳ס ליעדער זיינען צונעטראַכט...

העלד האָט אריינגעמאַכט א פּאַפּירענעם טישטוכעל הינטער׳ן ווייסען קאָלנער, געשמאַק איינגעביסען מיט זיינע ווייסע ציין א גע־בראָטענע פּאָלקע פון א קאַטשקע און ווייטער גערעדט:

— כ׳האָב באַלד געזאָגט, ווען כ׳האָב דורכגעלייענט זיינע

ערשטע ליעדער, אַז אין ליפשיצען האָבען מיר אַ דיכטער פון ער־שטען גראַד.

בעססי' האָט אָנגעקוואָלען, געקוקט פון איינעם אויפ'ן צווייטען, וואָס פאַרא איינדרוק העלד'ס ווערטער מאַכען.

— נעוויס, געוויס — האָט אַ קאַרטוניסט זיך אָנגערופען — זיי וואָלטען נאָך בעסער געווען, ווען ער שרייבט זיי אין גאַנצען נים. · ווער דאַרף דאָס האָבען גראַמען, ווער? דער עיקר — ליפּ־שיץ איז אַ ברייטער יונג און אַ הלואה קריגט מען ביי איהם אפילו אין מיטען דער נאַכט, „דאַט'ס אָל"!

— ביזט אַן אידיאָט! — האָט העלד ארויסגעברומט פון דער שיסעל.

גרין האָט איראָניש געשמייכעלט. איהם האָט פאַרדראָסען פאַרוואָס דער עולם האָט ניט ארונטערגעריסען די ליעדער. ער האָט זיך טיעפער אריינגעזעצט אין בענקעל, שנעל נערויכערט אַ סיגאַרעט און זיך מעהר ניט איינגעהערט וואָס די חברה רעדען. פון לאַנגווייליגקייט האָט ער ארויסגענומען פון דער קעשענע אַ פּאַק מיט פּאַפּירען, זיי גענומען איבערקוקען, ענערגיש געריסען איין פּאַפּירעל נאָכ'ן צווייטען, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט שטילען דעם כעס. ער האָט אינסטינקטיוו אַ קוק געטון צו ליפּ־שיצען, געוואָלט נעמען ביי איהם אַ פּאָר דאָלאַר, באַמערקט ווי ליפּ־שיץ מיידט איהם אויס, האָט ער איהם מיט אמאָל פיינד געקראָגען, חשק געהאַט אָנצונעמען פאַר אַן אויער און איינרוימען בעססי'ן אַ סוד, אַז די ליעדער זיינען גרינ'ס.

ער האָט זיך נערוועז פונאַנדערגעלאַכט.

אַלע האָבען זיך איבערגעקוקט, געקוועטשט מיט די אַקסלען.

העלד האָט געהאַלטען בעססי'ן פאַר ביידע הענד און גע־רעדט נעלאַסען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסען מענשען. ער האָט גערעדט וועגען ליפשיצעס ליעדער, וועגען דעם אַז אידישע פרויען

זיינען צו קלוג צו קענען ליעבען און וועגען אנדערע „לעבענס-ווייז־הייטען".

גרין האָט ניט געקענט הערען, עטליכע מאָל געוואָלט צורופען ליפשיצען, זיך אויך געוואָלט קלאָר מאַכען פאַרוואָס ס'איז איהם מיט אמאָל געקומען אויפ'ן זינען שלעגעל, וועמען היינע באַשול־דיגט, אז ער האָט גענומען שטיצע פון זיין ווייב'ס אַפּגענאַרטען מאַן, ניט געקענט צונויפנעמען די געדאַנקען, בלויז געפיהלט ווי דאָס וואָרט שלעגעל פּיקעט ביי איהם אין מח, ווי דאָס צופּען פון א צאָהן, איידער די וועהטאָגען קומען אָן. איהם האָט זיך גע־דאַכט, אז אַלעמענס בליקען זיינען געווענדעט צו איהם, אז אַלע וויסען דאָס ליפשיץ האָט ביי איהם צוגענומען בעססי'ן און זיי טראַכטען זיך מסתמא, אז דעריבער זיצט ער אזא דערשלאָגענער. פון פאַרדראָס האָט ער א קלאַפּ געטון מיט דער האנד איבער די שפּיציגע צאָהן־הענצלעך, ניט געפיהלט ווי זיין האנד בלוטיגט און מיט א בייזער כמעט א געשריי געטון:

— ליפשיץ, קומט נור אהער!

— וואָס איז? — איז ליפשיץ אונטערגעקומען הכנעה'דיג.

— איהר האָט ביי זיך געלד?

— וויפיעל דאַרפט איהר?

— צעהן דאָלאַר.

— אָל־רייט.

ליפשיץ האָט אויפ'ן אָרט אויסגעשריבען א „טשעק". גרין האָט אַראָבגערוקט דעם קאַפּעלוש ביז איבער די אויגען, געוואוסט אז מען וועט איהם באַלד נעמען אויפ'ן צימבעל, זיך מיט קיינעם ניט געזעגענט און איז אַרויס.

— גרין האָט היינט געמוזט אויפשטעהן אויף דער לינקער זייט — האָט איינער זיך צוגענעצט.

— דער בחור איז אויסגעשפּיעלט, אַראָפּ בעצייטענס פון דער **סצענע** — האָט אַ צווייטער אַריינגעוואָרפען.

—איז ער בדלות — האָט זיך דער קאַרטוניסט אַריינגעמישט — וויבלעך גלייכען איהם אָהן ליעדלעך אויך.

— איהר רעדט אַלע ווי קינדער—האָט העלד מיט אַטאָריטעט געזאָגט. — גרין, דאָס איז אַן ארצי־בלאָפער, ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צו זאָגען. ער איז געקומען מיט זיינע דריי־גאָריגע שורות, האָט בשעת־מעשה געמאַכט אַ שטיקעל רושם. און ווייטער? וויים איך!... אַ קוק טוענדיג אויף זיין פּנים, זעהט מען גלייך אַז דאָס איז די אימפּאָטענץ אַליין.

בעססי האָט איהם גענומען פאַרענטפערען. זי האָט פאָרגעלעזען זיינע ערשטע לידער און אַלע האָבען אויסגעפונען אַן עהנליכקייט צו ליפשיצעס. ליפשיץ איז מיט אַמאָל רויט געוואָרען. ביים אַרויסגעהן האָט ליפשיץ זיך געהייסען געבען דעם „ביל" פאַר אַלעמען און איז אוועק מיט בעססי'ן.

## 15

ארויסגעהענדיג האָט גריז צום הונדערטען מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך מעהר אהין נישט צוגעהן. ער האָט געפּיהלט א שלעכטען נאָך טעם. אין איין רגע האָט ער דורכגעוואָרפען כמעט אַלע באַזוכער פון פּלאַץ, נישט געקענט פארשטעהן ווי מענשען לעבען אין אזא קליין וועלטעלע, וואו איינער דעם צווייטען פערגינט נישט, וואו יעדער איז דער גרעסטער, וואו אַלץ איז אזוי נישטיג קליין — קליינע השגות, קליינע אמביציעס, כבוד אויפ׳ן שפּיץ מעסער. מענשען קוויקען זיך מיט אינטריגעלעך, טרייבען רכילות ווי סריסים, און פונקט ווי אַלטע, קראַנקע פערד ליגען און עסען פון אונטער זיך, אזוי זיצען זיי גאַנצע טעג, פארברענגען כלומרש׳ט צווישען זיך און איין חבר שרייבט אויפ׳ן צווייטען א פּאַשקווילעלע אויף א האַלבען, אויף א פערטעל שפּאַלט פון א צייטונג. מעהר קיין כח איז נישטאָ. נאָכדעם קומט מען זיך צונויף, מען שמייכעלט ווי איינער האָט דעם צווייטען ארייגעקיבעצט און ס׳דאַכט זיך אז דאָ זיצען נישט קיין מענשען נאָר פּאַראַדיעס, וואָס שפּילען די ראָליען פון מענשען.

גריז האָט געליטען, געזעהן דאָס גאַנצע אידישע לעבען ווי עפּיס א פּאַראָדיע, געפּיהלט אז אנדערש וואָלטען זיי זיך נישט געקענט ערהאַלטען אין גלות און געטראַכט צי ס׳האָט זיך געלוינט אזוי פיעל צו ליידען צוליעב ר׳ יוחנן בן זכאי׳ן? פערלייקענען דעם קערפּער אויסמעקען דעם אַלטען אידישען בעגריף „הדם הוא הנפש" — דאָס איז דאָך אין אמת׳ן נישט מעהר ווי די פּסיכאָלאָגיע פון שוואַכען.

עס איז איהם אויפ׳ן זינען געקומען די אַלע "pro at contra" קעגען דעם אידישען „קהל", וואָס קיין גוי האָט עס נאָך ביז דעם

הײנטיגען טאָג נישט פּאַרדײט, װײל ס׳איז איהם פּרעמד, ס׳װעט איהם תמיד זײן פּרעמד און דער „קשה־עורף“ אין איהם האָט זיך אויף א רגע דערפּיהלט שטאָלצער, װאָס קײנער פּערשטעהט איהם נישט, װאָס מען האַסט איהם.

ער איז געגאַנגען פון אײן גאַס אין דער צװײטער, זיך אײנגעהערט צו אַן אינערליכע שטימע, אַז אַ מענש װאָס פּערקויפט זײן געװיסען צוליעב אַ קאַפּריז, צוליעב אַ מײדעל, אַזאַ מענש דאַרף שװײגען, דאַרף צו קײנעם קײן טענות נישט האָבען.

און ער, גרין?

ער האַנדעלט מיט זיך, מיט זײנע לידער, מיט דער אײגענער נשמה.. .נו, דעריבער?

האָט װיללאָנגען עפּיס געשאַט די אָפּטע גנבות, דאָס זיצען אין תפיסה? ער איז סײ־װי־סײ פּערבליבען דער פּאָטער פון אײנפּאַכסטען, שענסטען פּערז, דער פּאָטער פון דער נײער פראַנצויזישער פּאָעזיע.

— און ר׳ יוחנן בן זכאי? און הונדערטער אַנדערע?

איז עס אַזוי שעהן, מײנט איהר, אַװעקצולעגען די שװערד, װען ס׳געהט אָן ביים אײגענעם פּאָלק אַ מלחמה אויף טוידט און לעבען, פּאַלען די זיגרײכע רױמער צו די פיס און שװערען אַז ער איז געגען דער מלחמה, אַז ער — — — אַז אַלע אמת׳ע אידען זײנען געגען דער מלחמה, זײ האָבען גאָרנישט צו טון מיט די מחללי־שבת, די צדוקים, זײ פּערלאַנגען בלויז מען זאָל זײ לאָזען זיצען מיט דער תורה אין יבנה און — — — ?

און ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס שװאַכקײט האָט אונז אויפגעהאַלטען!

גרין האָט געװאוסט אַז דער פּערגלײך הינקט אונטער, נישט דאָס האָט ער געװאָלט זאָגען און פּאָרט געפּיהלט אַ שיכות װאָס לאָזט זיך נישט אָנטאַפּען.

ער איז געגאַנגען גיכער זיך צוגעהערט צו דער אינערליכער שטימע אַז װי גנײאַל אַ פּאַיאַץ אָדער פּאַשקװיליסט זאָל נישט זײן,

קען מען זיי העכסטענס בעוואונדערען, אָבער קיין אַנשטענדיגער מענש וועט זיי קיין האַנד נישט געבען.

— אזוי? הא, הא, הא! אַן אַנשטענדיגער מענש!

איז רעבעלע דערפאר קלענער וואָס ער האָט געשריבען פּאַש־קווילען? דעריבער?

עס האָט איהם דורכגעשווידערט, זיך דערפיהלט פרעמד צווי־שען דעם שטראָם מענשען, וואָס האָט זיך געצויגען פון די שעפּער. קיינער קען איהם נישט, ווייסט נישט אז ער, גרין, איז אַ אידישער דיכטער, אז נאָך נעכטען האָט ער נעגלויבט דאָס די ישועה וועט קומען פון די פאָלקס־שוהלען, געפּלאַנט זיי צו עפענען איבער'ן גאַנצען לאַנד, בויען עפּעס. ער איז געוועזן גליקליך, דער גליקליכס־טער. און היינט? היינט פערקויפט ער די אייגענע נשמה, פיהלט אז וואָס ווייטער וועט ער טיעפער זינקען, און דעמאָלט? אַן אור־מעט פון אַ פארבלאָנדזשעט קינד האָט זיך גענומען נגב'ענען אין איהם, זיך פערצויגען ווי אַ נעביל, גענומען אַלץ אָפּטעמפּען, האָט זיך איהם גערדאַכט אז ער איז אַ בלעזיל פון אַ שטראָם וואָס האָט זיך געצויגען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. ער איז אַן אָפּגעריסען גליעד וואָס קען זיך נישט צופּאַסען צו די אייליגע פּנים'ער וואָס לויפען ווי פער'סם'טע מייז פון די שעפּער. נו, דעריבער, איז וואָס? איז ער מעהר יחסן?

וואָס איז אין גאַנצען אַ מענש?

אַ בלינדער צופאַל, אַ רינצעל אין דעם אונענדליכען וואַסער וואָס הייסט לעבען. ס'רינצעל גלייכט זיך אויס און ס'בלייבט קיין זכר נישט. יאָ, ס'בלייבט קיין זכר נישט!

— אידען, באָבעס, הייסע ארבעס, קויפט אידען, אַ סענט אַ גלעזיל!

דאָס קול איז גרין'ען געוועזן בעקאַנט. ער האָט זיך אויסגע־דרעהט, דערזעהן שווארצען אין אַ העמד מיט הויזען, דאָס פּנים חשך, איינגעפאַלען, שטעהט איבער אַ קאָשיקעל מיט ארבעס, רופט די פערבייגעהער מיט די אויגען, מיט'ן גאַנצען קערפּער. זעלטען

ווען א פערבייגעהר האט זיך אפגעשטעלט, איהם איינגעשטעקט א סענט, זיך אריינגעשיט אין דער קעשענע א גלעזיל ארבעס און געלאפען ווייטער.

גרינען איז איינגעפאלען אז דער צובראכענער, פער'חשב'דינער שווארץ, רייסט זיך דעם האלז און טראכט בשעת מעשה ווי אנצו־שרייבען א שיר וואס ער זאל געפעלען קרוזען. ער האט זיך פאר־שעמט, ווי ער וואלט דערזעהן דאס אייגענע געוויסען און גענומען אוועקגעהן. שווארצעס דערשראקענע אויגען וואס האבען געקוקט צו די פערבייגעהער, זיך געבעטען מען זאל איהם געבען צו לייזען א סענט, האבען גרינ'ען פערפאלגט און ער האט זיך אומגעקעהרט.

— האללא, שווארץ!

— האללא — האט שווארץ אראפגעלאזט פון חרפה די אוי־גען און גרינען האט באנג געטון צו וואס ער איז אונטערגעקומען.

— לייזט זיך כאטש?

— נישט גוט, נישט גוט — האט ער אפגעזיפצט — מען מאַ־טערט זיך! און איהר גרין האט אין גאנצען אויפגעהערט שריי־בען? כ'האב שוין א לאנגע צייט נישט געזעהן פון אייך קיין ליעד!

גרין האט באמערקט אז גלייך ווי ער האט אנגעהויבען צו רע־דען וועגען שרייבען, האט זיך ס'פנים ביי איהר געביטען, די אויגען מילדער און אין גאנצען איז ער געווארען אז אנדערער.

— איהר פלעגט דאך פעדלען מיט שפיעלצייג?

— איצט איז נישט דער סעזאן, דערצו איז ביי מיר ס'ווייב קראנק, מען דארף געלד, געהט מען אין גאס אריין מיט וואס עס מאכט זיך נאר

— וואס איז אייער ווייב?

—כ'ווייס, שוין זעקס וואכען ווי מיין ווייב איז געלעגען גע־ווארען — האט ער זיך פערראויטעלט — מסתמא געכאפט א צוק, ליגט די גאנצע צייט. כ'וואלט געהאט געלד, וואלט איך געטווישט די דירה, אפשר שאדט איהר דער ווילגאטש, כ'ווייס?

— בארגט ביי מיר א פאר דאלאר — האט גרין ארויסגענו־

מען ליפשיצעס טשעק און איהם אוועקגעגעבען — איהר וועט האַ־בען וועט איהר מיר אָפּגעבען.

שווארץ האָט נישט געוואוסט פון גרוים פרייד וואָס צו טון. געהאט א מינע ווי ער קלייבט זיך איהם א קוש טון. גרין האָט איהם געדריקט די האַנט, זיך געזעגענט און גיך גענומען אוועקגעהן.

אז ער איז אָפּגעגאַנגען עטליכע קווארטאַלען האָט ער זיך דער־מאָנט, אז ער האָט אוועקגעגעבען דעם לעצטען סענט. ער האָט זיך ניט געקענט בעפרייען פונ׳ם פער׳חשב׳טען שווארץ, ביסלעכווייז זיך אויסגעניכטערט און באַטראַכט אז מען דאַרף צוגעהן אין דער היברו־סקול וואָס האָט היינט אַנאָנ־סירט פאַר א העברעאישען לעהרער.

---

אין אָפּיס האָבען געוואַרט עטליכע בחורים מיט הויכע, קייר־לעכדיגע פּלייצעס, שלעכט ראַזירט, ווי זיי וואָלטען זיך געגאָלט מיט טעמפּע מעסערס. די בחורים האָבען געשפּרייזט איבער׳ן אָפּיס, זיך פאַרהאַלטען ווי קאָנקורענטען און פון לאַנגווייליגקייט האָט יעדעס מאָל אַן אַנדערער אַרויסגעשלעפּט די צייטונג פון קעש־ענע, וואו ס׳איז געווען אַנאָנסירט אז מען זוכט א לעהרער, זיך צוועקגעשטעלט ביי אַן עלעקטריש לעמפּעל און איבערגעלייענט די אַנאָנסע, וואָס ער האָט שוין געקענט אויף אויסוועניג.

— ענטשולדיגט — איז א בחור אַנטקעגענגעקומען און אָפּ־געהוסט — זייט איהר ניט מיסטער גרין ?

— יעס.

— מיך קענט איהר מסתמא ניט, דערפאַר קען אייך יעדער — האָט דער בחור געשמייכעלט, ווי ס׳וואָלט איהם שטאַרק הנאה געטהון, וואָס ער קען גרינען — איהר ווייסט, אין דער „מחזיקי", וואו איהר זייט געשטאַנען, געהט אַן א סטרייק.

— שוין לאַנג ?

— נעכטען זיינען זיי אַרויס.

— וואָס, זיי ווילען גרעסערע שכירות ?

— זיי ווילען דער מינימום זאָל זיין צוואַנציג דאָלאַר א שטונדע.

— און וויפיעל צאָהלט מען דאַ?

— דאַכט זיך פופצעהן. כ'האָב אָבער געהערט, אַז די צוויי־טע וואָך ועט מען פון דאַנען אויך אַראָפּנעמען די לעהרער.

גרין האָט זיך גע'חדוש'ט צי פרידקין סטרייקט, זיך פאַר־שעמט פאַר'ן געדאַנק, וואָס איז פון זיך אַליין אַרויסגעשפּרונגען, צי מען וואָלט איהם איצט צוגענומען, כאָטש ער איז צוקריעגט מיט'ן פּרעזידענט.

דער פּרינסיפּאַל, א מיטעל־יעהריגער מיט א בערדיל ווי ביי „אַנקעל סעם", איז אַרויס פון א קלאַס, באַטראַכט די לעהרער מיט איין אויג, ווי ער וואָלט געזוכט א באַקאַנט פּנים. די לעהרער האָבען איהם אַרומגערינגעלט און די מעהר רעדעוודיגע האָבען זיך גענומען רעקאָמענדירען.

— איך בין נאָך א לעהרער פון דער היים, געהאַלטען א קלאַס אין גמרא.

— כ'רעד העברעאיש פליסיגער ווי זשאַרגאָן.

— כ'האָב געלערנט אין וואָלאָזשין, באַזיץ א גוטען העברע־איש, ענגליש פּוירפעקט, ניטאָ קיין וואָרט כ'זאָל ניט קענען „ספּעללען"!

דער פּרינסיפּאַל האָט אויפגעהויבעןביידע הענט, זיך פאַר־שטעלט די אויערען:

— לאָזט אָפּאָטעמען! אַז איהר רעדט אַלע מיט אַמאָל!

ער האָט א וואונק געטון צו א לעהרער, איהם אַריינגעלאָזט אין זיין פּריוואַט צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

די איבערגעבליבענע האָבען זיך דערפיהלט נאַריש, גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער, זייערע בליקען זאָלען זיך ניט באַגע־גענען.

גרין איז אַריין דער לעצטער. ביים אַריינקומען האָט דער פּרינסיפּאַל ניט אויפגעהויבען די אויגען, געהאַלטען אין איבערקור־

קען א ליסטע מיט נעמען. אז ער איז פארטיג געווארען, האט ער אפגעהוסט און געוויזען אויף א שטוהל נעבען זיך:

— זיצט. וואו האט איהר פריהער געלערנט?

— אין דער מחזיקי.

— עברית־באנגלית?

— יע.

— פארוואס זייט איהר פון דארט אוועק?

— כ'האב זיך צוקריעגט מיט'ן פרינסיפאל.

— אזוי גאר? — האט ער פארקוועטשט אן אויג און באטראכט גרינגען מיט חשד — ווי לאנג ווי איהר זייט אוועק פון דארט?

— א וואך.

— שווער היינט צו קריגען א גוטען לעהרער — האט דער פרינסיפאל א קוק געטאן אויפ'ן זייגער — טרעפט זיך שוין א בחור, וואס ער ווייס זיין פאך, קען ער ניט האלטען קיין קלאס און פארקערט — א בחור וואס האלט גוט א קלאס, איז צומייסטען שוואך אין די פינטעלעך. ווען כ'קריג דעם פאסיגען לעהרער בין איך ניט אויסען נאך א פאר דאלאר. יעס, הייסט עס — האט ער זיך אויפגעשטעלט, געוויזען גרינגען מיט דער האנט ער זאל איהם נאכגעהן — זייט זשע מוחל.

זיי זיינען אריין אין א חומש־קלאס. דער לעהרער א צוטראגענער האט געווארפען מיט די אויגען ווי אן איבערגעשראקענער האז, א דערשלאגענער געקוקט אויפ'ן פרינסיפאל, זיך געבעטען מיט די אויגען ביי די קינדער, וואס זיינען געזעסען אויף די בענק, פארריסען די הענט, די פיס, געוואלדעוועט, ווי זיי וואלטען אליין געווען אין קלאס.

דער פרינסיפאל האט געוויזען גרינגען אויף די קינדער, געשמייכעלט און גערעדט צום לעהרער:

— דער עיקר, דארף מען קענען האלטען א קלאס! וואס טויג מיר אייער העברעאיש, אז די קינדער הערען אייך ניט, קוקט!

די קינדער זיינען געוואָרען ווילדער, גענומען רעדען העבער און באַלד האָט זיך אַ אינגעל פאַנאַדערגעוויינט.

פון אויפרעגונג האָט דער לעהרער פארלאָרען דעם קאָנטראָל איבער זיך און אָפּגעמאַסטען אַ אינגעל מיט דער ווירע איבער די פּלייצעס. דאָס אינגעל האָט זיך צושריען ווי מען וואָלט פון איהם די הויט געשונדען.

— דאָס איז קיין וועג ניט, מיסטער — האָט דער פּרינסי־פּאַל די קינדער אין די אויגען גענומען שטראָפען דעם לעהרער— מיט שלאָגען וועט איהר נאָר צוטרייבען די קינדער!

גרין האָט חשק געהאַט אָנצוזידלען דעם פּרינסיפּאַל, פון פאַר־דרוס אַ קלאַפּ געטון מיט דער ווירע אין טיש, גענומען אויפ׳ן אויג יעדעס אינגעל, ווי ער וואָלט זיי אויפגעצויגען אויף אַ שנור, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון די ווילדסטע, האָבען זיי איינציגווייז אַנגעוואָרען הענט און פיס, זיך געדרעהט, אַנשוויגען געוואָרען און אין קלאַס איז מיט אַמאָל געוואָרען אונהיימליך שטיל.

— אָט דאָס איז אַ לעהרער! — האָט דער פּרינסיפּאַל אַ שטופּ געטון דעם צעשראָקענעם יונגענמאַן און איהם איינגערוימט, אַז גרין האָט געהערט — פון בלויזען קוק האָבען די קינדער דרך־ארץ!

— זייט אזוי גוט און פאַרטייטשט דעם קלאַס „לכה דודי“

— האָט דער פּרינסיפּאַל אויפגעמישט אַ סדור און איהם אונטער־געטראָגען גרינען.

גרין האָט מאָדנע אַ קוק געטון אויפ׳ן פּרינסיפּאַל, אַז יענער האָט זיך פאַרלוירען, געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט ניט דערהערט און איבערגעפרעגט:

— וואָס?

— כ׳מיין — האָט דער פּרינציפּאַל געשטאַמעלט און אריינ־געזעצט די גראָבע פינגער פוןביידע הענט אין די וועסטעל־קע־שענעס — כ׳וואָלט אַ בעלן געווען צו הערען ווי איהר פאַרטייטשט די קינדער „לכה־דודי“.

גרינען האָט זיך זעהר געוואָלט אַ וואָרף טון דעם נאַרישען

איך דעם סדור אין פּנים אריין און ארויסגעהן. ער האָט געהייר־סען די קינדער אויפמישען „לכה־דודי“, געפיהלט זיך פונאנדער־צולאכען פון דעם עקזאמען, וואָס מען ניט איהם, און אָנגעהויבען:

לכה דודי, לקראת כלה,

Come, my friend, to meet the bride.

— ענטשולדיגט — האָט דער פּרינסיפּאַל איהם איבערגע־האקט — כ'וואָלט „דודי“ פּארטייטשט „מיי אַנקעל“.

גרין האָט זיך איהם פונאנדערגעלאכט אין פּנים אריין.

— וואָס לאכט איהר? — אודאי ווייס איך, אז מען מיינט דאָ כנסת־ישראל, נור קינדער דארף מען פּארטייטשען פּשוט — „דודי“ — „מיי אַנקעל“.

גרין האָט ניט געענטפערט, געפיהלט ווי עפּעס האָט זיך איהם אוועקגעשטעלט אין האלז, ווי מען וואָלט איהם איבערגעוואלד אָנ־געטון א היטעל מיט גלעקלעך, ניט געגלויבט, אז דאָס אידעל אין קאַפּעל זאָל פון איהם, גרינען, קענען מאכען א פּאיאץ. ער האָט מיט אמאָל פארמאכט דעם סדור, איהם צוריקגעגעבען דעם פּרינ־סיפּאַל, האָט יענער געעפענט א פּאָר אויגען:

— כ'מיין, אויב „לכה־דודי“ איז צו שווער, מישט אייך אויף אַנאנדער שטיקעל! כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת, איהר געפעהלט מיר...

גרין האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען, איהם אָנגענומען פאר'ן בערדיל, זיך איינגעהאלטען ער זאָל דעם קאָפּ ניט א וואָרף טון אָן דער וואַנט און דורכגעזייט דורך די ציין:

— פּעטער, איהר זייט א שוטה!

— וואָס?

— איהר זייט א שוטה, א פּרא אָדם, א מלמד!

— ארויס, שייגעץ! — האָט דער פּרינסיפּאַל א ריס געטון דעם קאָפּ, מורא האָבענדיג זיין באָרד זאָל ניט בלייבען ביי גרינען אין דער האנט — שלאָגען גאָר? אזא יונגאטש! עמיצער איז איהם שולדיג, אז ער קען קיין עברי! געהערט? טאַ־טאַ־טאַ!

גרין איז גיך ארויס פון צימער, זיך געפיהלט בעפרידיגט וואָס ער האָט דעם אידעל אזוי באַליידיגט און באשלאָסען מעהר קיין „היברו סקול" ניט צו זוכען. ער האָט זיך מיט אמאָל צולאכט, ניט געגלויבט, אז ער איז פעהיג געווען צו רייסען דעם פּרינסיפּאַל פאר דער באָרד און נישט געפיהלט אז א קאַלטער רעגען שפּריצט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער'ן „עלעווייטער". א צוג איז דורך מיט א געפּילדער. גרין האָט אראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעלוש און זיך צושריען. ער האָט געפיהלט ווי זיין שטימע וואקסט, הויבט זיך העכער, שטייגט איבער דעם געפּילדער פון דעם צוג, הילכט אָפּ אויף מיילען און איהם איז לייכטער געוואָרען.

## 16

פאַרנאַכט איז ראַבינאָוויטש געלאָפן אריין אין דער „מחזיקי־תורה“ און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזעהן ווי א יונגערמאַן וואָס קומט אָנרינגען ס'ערשטע קינד. נאָך איהם האָט זיך נאָכגעשאַרט א בחור מיט א שטעקעלע, וועמעס לאַנגע הענט און פיס האָבן זיך יערען געוואָרפן אין די אויגען. ראַבינאָוויטש האָט זיך פאַרדעכ־טיג ארומגעקוקט, דערנאָך האָט ער אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אָפיס, וואו מיסטער קליין, דער סעקרעטאַר, איז זיך געזעסען אין קאַפּעל, די פערדער הינטער'ן אויער, געהאַלטען אַן אָפּגעשיילטע באַרנע, געשניטען מיט א מעסעריל רייפלעך און זיך באַלעקט.

אז דער סעקרעטאַר האָט דערזעהן דיביידע יונגעלייט, האָט ער די איבריגע באַרנע אריינגעכאַפּט אין מויל, ניט צוקייטערהייט אראָפּגעשלונגען, אָפּגעווישט די הענט אינ'ם שרייב־טיש און זיך געווענדעט צו זיי:

— וואָס פאַרלאַנגט איהר?

— מיר זיינען געקומען אראָפּנעמען די לעהרער — האָט ראַ־בינאָוויטש זיך אָנגערופען, בשעת מעשה ארויסגענומען א בריעף, איהם געעפענט, אונטערגעטראָגען דעם סעקרעטאַר און אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דער חתימה פון דער „אגודת המורים“.

— וואָס? — האָט דער סעקרעטאַר באַלד ניט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון איהם, זיך געכאַפּט אז ס'איז העברעאיש, געווען אין א פאַרלעגענהייט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו זאָגען, אז ער פאַרשטעהט ניט און אוועקלייגענדיג דעם בריעף אויפ'ן טיש, האָט ער צווויידייטיג א זאָג געטון: — טו וואָס ווילט איהר?

— איהר ווייסט, אז ס'געהט אַן א סטרייק צווישען העברע־אישע לעהרער? — האָט דער בחור מיט'ן שטעקעלע אָפּגעשטופּט ראַבינאָוויטשען.

— נו?

— נו, זיינען מיר געקומען אַראָפּנעמען די לעהרער פון אייער תלמוד תורה!

— הייסט עס — האָט ־ער סעקרעטאַר ארויסגענומען פון וועסטעל־קעשענע א צאָהן־העלצעל און אָנשטאָט צו רייניגען די צייהן, האָט ער עס גענומען ברעכען צווישען די פינגער — איהר ווילט אונזערע לעהרער זאָלען אויך סטרייקען?

— יעס!

— דאָס וואָס איהר ווילט — האָט דער סעקרעטאַר געשמייכעלט — איז נאָך ווייניג, די לעהרער דארפען אויך וועלען!

— אָט צייג איך אייך, אז אַלע לעהרער געהען גלייך ארונטער — האָט דער יונגערמאַן מיט'ן שטעקעלע זיך געלאָזט צו די קלאַסען.

— אין די קלאַסען געהן האָט אייך קיינער ניט ערלויבט! — איז דער סעקרעטאַר פלינק איהם פארלאָפען דעם וועג.

— וואָס? — איז דער בחור אין כעס געוואָרען — קיינער פרעגט ניט ביי אייך! געהט, רופט א פּאָליסמאַן, געהט, טאקע באַלד, לאָזט מיך ארעסטירען, נו, וואָס שטעהט איהר? רופט פּאָליציי!

— אז כ'וועל רופען, וועל איך זיך ביי אייך ניט אָנפרעגען — איז דער סעקרעטער געוואָרען בלייך — נור דאָס זאָג איך אייך: איהר זאָלט ניט וואַגען צו געהן אין די קלאַסען, כ'וועל אייך פון אַלע טרעפּען אראָפּשליידערען!

— איך וויים, אז איהר וועט רופען — האָט דער בחור געאַרבייט מיט די לאַנגע הענט—טו רופט באַלד, סטראַשעט קיינעם ניט! וויפיעל נעמט איהר א וואָך דאָ?

— כ'וועל אייך לאָזען וויסען דורך פּאָסט!

— שעהמט אייך, א איד אין די יאָהרען זאָל פאַר פופצעהן דאָלאַר א וואָך פארקויפען די נשמה מיט לייב און לעבען!

— וואָס טויגען די געשרייען — איז ראַבינאָוויטש אריין צווי־

שען סעקרעטאַר און דעם בחור — דאַרף מען זיך קריגען, אַז מען קען אויסקומען מיט גוטען! מיר זיינען דאָך ניט קיין שניידערס, צי שוסטערס, מיר האָבען דאָך צו טון מיט אינטעליגענטע מענשען, טאָ צו וואָס די קולות, אַז מיר קענען אין גוטען זיך דורכרעדען...

— דאָס זיינען אַנדערע דבורים, — איז דער סעקרעטאַר צי־געשטאַנען צו ראַבינאָוויטשען און איהם אָנגענומען פאַר אַ קנעפּעל פון ראָק — ניט ס'קומט צו דיר אַ ווילד־פּרעמדער און זידעלט דיך נאָך... כ'האָב אויך אַמאָל געסטרייקט. מיט יאָהרען צוריק, אַז כ'בין נור אַריבערגעקומען, אַ גרינער, וואָס טוט מען? געהט מען אין שאַפּ אַריין. האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק. אַ סטרייק? נו פאַרפאַלען, סטרייקט מען מיט. וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? מען זאָגט אַן אַרבייטער איז אַ גראָבער נפש, ס'איז אמת. אַזוי פלעגען זיי לעקען דעם בעל־הבית, חנפ'נען, און אַז זיי זיינען אַרויס אין סטרייק, איז להשמיד ולהרוג! איך, פאַרשטעהט איהר מיך, בין אַ בוקאָווינער, ווייס וואָס ביזנעס איז און אַז מען האָט אַ „ביז־נעס־איידיע" קומט מען דורך מיט דער גאַנצער וועלט. איז אַז דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נאָכ־צוגעבען אַלע פאָדערונגען איז אַן אונמעגליכע זאַך, האָב איך זיך דורכגערעדט מיט'ן בעל־הבית, דורכגעקומען מיט איהם און וואָס מיינט איהר איז געוועזען דער סוף? זיי האָבען פאַרלאָרען דעם סטרייק, געמוזט אָנקומען נאָך אויף קלענערע שכירות און איך האָב געאַרביים לייכטער ווי פריהער און דערצו נאָך געהאַט אַ הוספה. טענה איך, צו וואָס די גאַנצע חתונה? איך זעה, אַז איהר פאַר־שטעהט „ביזנעס", ווייסט איהר דאָך, אַז נאָכצוגעבען די באַדינ־גונגען איז אונמעגליך, מען וועט מוזען די „היברו" פאַרמאַכען, איז מיין פּלאַן צו העכערען אַ פּינפּעריל יעדען לעהרער אַ חדש, איך בין אַ איד וואָס וויל קיין זאַך ניט בחנם, ס'האַנדעלט זיך ניט וועגען אַ פּאָר דאָלאַר, פאַר אייער טרחה וועט איהר אויך קריגען אַ פופ־צעהן דאָלאַר און איהר וועט אונטערשרייבען, אַז מיט דער „מחזיקי־תורה" איז דער סטרייק „געסעטעלט", כ'מיין...

ראבינאָוויטש האָט געקוועטשט מיט די אויגען, געטראַכט אַז מען דאַרף דעם פּלאַן זיך איבערלייגען און זיך אַרומגעקוקט וואו זיין חבר איז.

בשעת דער סעקרעטאַר מיט ראבינאָוויטשען האָבען געהאַלטען אין רעדען, איז זיך דער בחור מיט׳ן שטעקעלע געגאַנגען פון איין קלאַס אין צווייטען און אויף העברעאיש מיט דער „הברה הספרדית״ אויפגעפאָדערט יעדען לעהרער אין דעם נאָמען פון דער אגודה, זיי זאָלען אַרונטערגעהן. די קינדער האָבען זיך גענומען שיטען אין אַ׳ אונאָרדנונג, מיט אַ הוריי, אַז זיי האָבען שיעור ס׳הויז ניט איינ־געלייגט.

— כ׳מיין — האָט דער סעקרעטאַר זיך אַרומגעקוקט פון וואַן דער טומעל קומט — וואַרט אונטער אַ ביסעל, דער פּרעזידענט דאַרף באַלד אָנקומען, כ׳פאַרזיכער אייך, אַז מיר וועלען דורכקומען, מיר לעבען דאָך ניט צווישען גזלנים!

אַז דער סקרעטאַר האָט דערזעהן ווי די קינ־ער שיטען זיך פון די קלאַסען, איז ער געבליבען שטעהן ווי אַן אָפּגענאַרטער, גאָר ניט גערעדט. ראבינאָוויטש האָט זיך געשראָקען פאַר זיין אייגע־נעם געדאַנק, אויפגענעבען ביי זיך די פאַרהאַנדלונגען מיט׳ן סעק־רעטאַר און געוואַרט די לעהרער זאָלען אַרונטערקומען.

די לעהרער זיינען געווען צופריעדען וואָס מען וועט זיי הע־כערען די שכירות, געווען אָבער צושראָקען, ניט געגלויבט די בעלי־בתים זאָלען נאָכגעבען און ס׳האַרץ האָט יעדען געזאָגט, אַז זאָל מען אָנהויבען לערנען העברעאיש אין אידיש, וועט די תלמוד תורה האָ־בען הונדערט לעהרער פאַר איינעם און זיי וועלען בלייבען אָהן ברויט.

וואַקסמאַן איז געשטאַנען צווישען מילער׳ן און ראָזענען, גע־שפּריצט בשעת׳ן רעדען און זיי איבערצייגט אין העברעאיש, אַז דער איינציגער וועג צו פאַרבעסערען דעם מצב פון די לעהרער איז צו סטרייקען.

פרידקין איז אַרומגעגאַנגען אַ גלייכגילטיגער. ער האָט סיי־

ווי־סיי ניט געהאַט וואָס אָנצוּוואָווערען, געוואוסט, אַז ער האָט נאָך אין גאַנצען דאָ צו שטעהן אַ חדש, זיך שפּאַצירט איבער'ן פּאָדער־הויז און אויפגעלייגטער און געשיט דעם סעקרעטאַר זאָל אויף די וואונדען:

— האַ, צייטען, מלמדים סטרייקען, פיין, פיין! נאָך די מלמדים וועלען די סעקרעטאַרס נעהמען סטרייקען! לאָזען זיי ווי־סען די „באָסעס", אַז אַ לעהרער איז ניט הפקר!

ראַבינאָוויטש האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסען, אַז ער האָט זיך נור וואָס געשלאָגען מיט דער דעה פאַר פופצעהן דאָלאַר צו פאַר־קויפען דעם סטרייק און ווען ניט די קינדער, וואָס האָבען אָנגע־מאַכט אַזאַ טומעל, ווער ווייס? דער אַגיטאַטאָר האָט זיך אין איהם דערוועקט, פאַרגעסען, אַז פאַר איהם שטעהען בלויז פיער־פינף מענשען, געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרמע, אָנגעהויבען מיט דער העכסטער אָקטאַווע, אַזוי אַז די שטימע האָט זיך באַלד ביי איהם איבערגעריסען, אָנגעהויבען כריי־פען:

„— און אַז דער העברעאישער לעהרער וועט פאַרבעסערען זיין מצב, וועט ער ניט זיין אַזוי געפאַלען ביי זיך און פאָדערען אַז יעדער פּרעזידענט זאָל אויף איהם קוקען ווי אויף אַ מענשען און ס'וועט במילא אויסקומען, אַז אַלע לאַ יצלח'ס וועלען זיך מעהר ניט שטופּען אין מלמדות, אַזוי אַז ס'וועט זיין אַ מינימום אין שכירות, דאָס הייסט צוואַנציג דאָלאַר אַ שעה און יעדער גראָבער יונג וועט מעהר ניט קאָנען קאָנקורירען מיט אַ העברעאישען לעה־לער!

„חברים, מיר דאַנקען אייך, וואָס איהר האָט זיך אָפּגערופען אויפ'ן „אַפּיעל" פון אייערע קאָלעגען, וואָס סטרייקען שוין איבער אַ חדש, טיילען זיך מיט'ן ביסען, כאָטש מעהר ווי אַ העלפט האָבען ווייבער מיט קינדער און מיר האָפען אויב די איבעריגע וועלען נאָכ־טאָן אייער ביישפּיעל און שטעהן מיט אונז, וועלען מיר זיכער גע־

ווינגען דעם סטרייק, אויסקעמפּען אנשטענדיגע שכירות, ארויסנע־מען דעם חנוך פון עם־הארצ׳ישע הענט...״

אין מיטען רעדען איז דער פּרעזידענט. מיסטער שולץ, אריינ־געקומען, באַלד זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, אויסגעהערט ראַ־בינאָוויטשעס דרשה און אַז ער האָט דערהערט, אַז די בחורים׳לעך ווילען ארויסנעמען דעם ח נ ו ך פון די ע מ י ־ ה א ר צ י מ׳ ש ע הענט, איז ער אריין אין דער מיט און אָנגעכאַפּט ראַבינאָוויטשען ביים קאָלנער:

— יונגערמאַן, אויב איהר רעכענט, אַז אַ תלמוד־תורה איז ניט מעהר ווי אַ „שאָפּ״, וואו מען פיהרט אָן סטרייקס, געהט ארוים פון דאַן, גיכער, דען איך היים דער גוי זאָל אייך ארויסוואַרפען!

ראַבינאָוויטש האָט זיך ניט געריכט אויף אַזא ברוך־הבא, גע־קוועטשט מיט די אויגען, געקלערט ווי זיך ארויסצודרעהען, ס׳זאָל זיין גוט פאַרביידע צדדים און איידער ער האָט צייט געהאַט עט־וואָס צו באַשליסען, האָט דער בחור מיט׳ן שטעקעלע אָנגעכאַפּט דעם פּרעזידענט, איהם אַ רים געטון פון ראַבינאָוויטשען, געהאַלטען פאַר די לאַצען און אריינגעשריען אין איהם מיט דער הברה־הספרדית:

— דו מיינסט ביזט ביי דיר אין שאָפּ, וואו דו שטעלסט אָן „גענגסטערס״, מען זאָל צוברעכען יעדען סטרייק? אויב דו הערסט ניט אויף צו שטערען, שליידער איך דיך ארויס פון דיין אייגענער שוהל! וואָס מיינסטו, ווערסט דאָ איינפיהרען די „לשכה־השחורה״?

— פּע, פּע — האָבען עטליכע לעהרער מיט אַמאָל זיך גענומען קרימען, געהויבען מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטען זיך אָפּגעשאָ־קעלט פונ׳ם בחור מיט׳ן שטעקעלע — ניט שעהן, וואָס עפּעס שלאָ־גען? ווי הייבט מען דאָס אַ האַנט אויף אַ אידען?

דער פּרעזידענט איז געשטאַנען אַ בלאַסער, מורא געהאַט מען זאָל איהם ניט שלאָגען און ניט געגלויבט ס׳זאָלען זיין מענשען, וואָס פאַר ברויט באַוואַרפען זיי איהם מיט שטיינער.

דער סעקרעטאַר האָט דערווייל אריינגערופען דעם שבת־גוי,

אליין האָט ער זיך פון זיכערקייט וועגן בעוואָרענט מיט אַ מעשענע „צדקה תציל ממות“ פושקע און גענומען שרייען:

— סטאָף, וואַרף אָט אַ דעם יונגענמאַן מיט׳ן שטעקעלע ארויס!

איינציגוויז האָט דער עולם זיך גענומען ארויסרוקען. פרידקין, וואָס איז געווען דער לעצטער, האָט זיך צושמייכעלט, ווען דער סעקרעטאַר האָט איהם איינגערוימט:

— דער פרעזידענט וויל אייך זעהן, קומט היינט אין אָבענד צו איהם אריבער, איהר וועט קומען?

— אָל־רייט!

---

פרידקינען האָט פאַרדראָסען צו וואָס ער האָט זיך פאַרדרעהט אַ קאָפּ מיט שושנה׳ן. איצט געהענדיג אהיים, האָט ער דערפון נאָך מעהר געליטען. ער האָט געפיהלט אַז דאָס וואָס דער פרעזידענט שיקט נאָך איהם, ווען אַלע לעהרערס זיינען ארויס אין סטרייק, הייסט, אַז ער בלייבט ווייטער פרינסיפּאַל, וועט מסתמא קריגען אַ הוספה, וועט... איהם האָט הנאה געטון, וואָס ער האָט אָפּגעלייגט די חתונה מיט שושנה׳ן פון טאָג צו טאָג. נו, טאַקע, וואָס איז ס׳געאייל? אַזאַ גליק וועט ער קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיגען! ס׳וואָלט אפילו גלייכער געווען ווען ער נעמט ניט צוזאַמען מיט איהר די דירה, האָט ער זיך אָבער ניט געקענט פון איהר אָפּטשעפּען. אַזאַ מויד, זי קען איהם נאָך לאָזען ארעסטירען, גאָ, שפּיעל זיך מיט אַמעריקאַנער געזעצען! אַז אַ מויד, וואָס זי זאָל ניט אויסטראַכטען, איז זי באַגלויבט, כאָטש אין הארצען איז ער געווען זיכער, אַז שושנה טראָגט ניט, אַנדערש וואָלט זי זיך ניט אויפגעהערט איבערצונעמען דערמיט און זי האַלט עס אין איין פאַרשווייגען. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב ער וועט שליסען מיט׳ן פרעזידענט אַ קאָנטראַקט אויף צוויי יאָהר, צוגעהט ער זיך מיט איהר, זי איז ניט פאַר איהם, דערצו, ווער ווייס, ס׳קען זיין דעם פרעזידענט׳ס טאָכטער... איצט וואָלט זי געווען גליקליך, ווען ער מאַכט איהר אַ פאָרשלאָג! אַ מיידעל, אַלע ווייַ־

סען—זי האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט גרינען, מסתמא געווען אין נאָהנטע באַציהונגען מיט איהם, האָט זיך מעהר ניט מיט וואָס אי־בערצונעמען, דאַרף דאַנקען גאָט, אַז ער, פרידקין, וויל זי!

אַז ער האָט איבערגעטראַכטען די שוועל, איז די גוטע שטימונג פון איהם אוועק. ער האָט זיך מיט שושנה'ן ניט באַגריסט, אראָפּ־געוואָרפען דעם קאָפּעליוש, דעם ראָק, געשליידערט די בענקלעך, ווי זיי וואָלטען איהם געווען אין וועג און געזוכט זיך צו פארטשע־פּען מיט איהר.

— וואָס עפּעס אַזוי פריה היינט? — האָט שושנה אָפּגע־שוימט די יויך.

—אַז מען האָט קיין ארבייט, קומט מען פריה! — האָט פריד־קין זיך אַ בייזער געטון.

זי האָט אוועקגעלייגט דעם זופּ־לעפעל און איז צוגעקומען צו איהם:

— וואָס, האָסט זיך צוקריעגט מיט'ן פּרעזידענט?

— כ'האָב איהם אויסגעהאַקט אַ פּאַטש!

— וואָס?

— וואָס דו הערסט! זיך לאָזען יאָהרען לאַנג ארומקריכען איבער'ן קאָפּ? כ'וואָלט געווען פון אייזען, וואָלט דאָס געדולד אויך געפּלאַצט! — האָט פרידקין הנאה געהאַט, וואָס ער נאַרט זי אָפּ.

— נו, האָט ער דיר אָפּגעזאָגט פון דער שטעל?

— נייןָ, ער האָט מיר געגעבען אַ הוספה, וואָס פרעגסטו, נאַר דו?

זי האָט ניט געענטפערט, זיך געפּיהלט באַליידיגט וואָס ער רופט זי נאַר, גענומען די הענט פאַר דער טאַליע און ארויסגעלאָזט אַ זיפץ:

— נו?

— וועט מען הונגערען!

— ניט געפעהרליך, וועסט קריגען אַנאַנדער שטעל.

— איצט קריגט מען ניט!

— איז ניט — האט זי צוגומען די הענט — אין גיכען וועל איך עפענען א פלאץ, ועסטו זיין דער מענעדזשער, גוט?

— דו עפענסט שוין אזוי — האט פרידקין א צוג געטון מיט אן אקסעל — צייט איך קען דיך! פאלג מיך, שושנה, און קריג בעסער אן אנדער מאן, וואס דארפסטו א מאן ער זאל דיר אפעסען די ביינער? כ'מיין עס ערנסט!

— דו קאנסט ניט זעהן כ'זאל א מינוט ניט האבען קיין עגמת־נפש.

— ס'מוז דאך נעמען א מאל א סוף!

— וואס מיינסטו? — איז שושנה געווארען בלאס.

— כ'מיין, אז איך טאר ניט חתונה האבען!

— ווער צווינגט דיך! — האט זי א באליידיגטע א זאג געטון.

— דו!

— איך?

— יעס!

— ברעך שוין הענט און פיס, הערסט? אזא נישט, אזא, ער האט נאך ניט חתונה געהאט און ווארפט מיר שוין צעהן מאל א טאג דעם גט אונטער די פיס.

— אודאי האב איך ניט חתונה געהאט!

— האסט ניט חתונה געהאט? — איז זי מיט אמאל צוגעלאפען צו איהם און איהם אנגעכאפט פאר א לאץ — הא, וואס שווייגסטו? פאדליעץ דו, אונמענש, כ'וועל דיך ארויסיאגען!

זי האט איהם א ווארף געטון אויף דער וואנט. ער האט זיך קוים דערהאלטען אויף די פיס, געשטאנען א ווייל'ע, זיך דערמאנט אז ער איז שטארקער און איהר א קניפ געטון. זי האט ארויסגעלאזט א קוויטש, זיך איינגעביסען מיט די צייהנער אין זיין האנט און געשלאגען וואו זי האט נאר געטראפען.

---

— האללא, מיסטער פרדיקין — האט בעססי איהם געעפענט

די טיר און באַגעגנט ווי אַן אַלטען בעקאַנטען — דער פֿאָטער האָט געבעטען איהר זאָלט צוואָווארטען, ער קומט גלייך.

— ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט — האָט פֿרידקין אַראָפּגענומען דעם שטייפען קאַפּעליוש, איהם געהאַלטען איןביידע הענד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ס'זאָל זיך עפּעס פֿון איהם נישט אַרויסגיסען און געוואַרט וואו מען וועט איהם הייסען אַריינגעהן.

בעססי האָט געעפֿענט אַ זייטיגע טיר, איהם אַריינגעפֿיהרט אין דער סאַליע, וואו שווערע שטיקער מעבעל זיינען געווען אויסגעשטעלט, אַז ס'איז אַזש קיין אָרט נישט געווען וואו זיך אויסצודרעהען און איהם געוויזען אויף אַ „מאַררים" שטוהל ער זאָל זיך זעצען:

— איהר וועט טרינקען טעע?

— טעע און תהילים — האָט פֿרידקין אָנגעהויבען און איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענטפֿערען איז בעססי שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

ער איז געווען גוט אויפגעלעגט, געפֿיהלט אַז בעססי איז היינט צו איהם העפֿליכער ווי תמיד, דערצו זעהט זי אויס עפּעס אַזוי פֿריש און יונג, די ליפּ פֿערשאַרצט זיך אַזוי זיס, איז איהם איינגעפֿאַלען אַז איצט איז די בעסטע געלעגענהייט. אויב ער וועט זיך מיט איהר איצט ניט אויסשמועסען, איז ער אַ לאַ־יוצלח, וועט עס תמיד בעדויערן און ס'גאַנצע לעבען וועט ער מוזען אָבפֿינסטערען מיט שושנה'ן. אין איין רגע האָט ער ביידע פֿאַרגליכען און אָפּגעמאַכט אַז ער מוז פֿון שושנה'ן פּטור ווערען. ער האָט בעטראַכט די מאַרים שטוהל, זיך באַקוועמער אויסגעצויגען, בעקוקט די אויל־בילדער אין שווערע גאָלדענע רעהמען, וואָס האָבען געהאָנגען אויף די ווענד און זיך צוגעגרייט, איידער דער פּרעזידענט וועט אָנקומען, זיך דורכצושמועסען מיט בעססי'ן.

פֿון גרויס התפּעלות האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער, אָנגעטאַפּט מיט די פֿינגער די גלאַטיגע טונקעל־רויטע שטיקער מעבעל, די אויל־בילדער, חשק געהאַט צו

עפענען די וויקטראָלאַ, איז בעססי אַריינגעקומען מיט צוויי גלע־זער טעע.

— איהר זייט שוין אַ לאַנגע צייט ביי אונז נישט געווען? — האָט בעססי איהם אונטערגערוקט אַ גלאָז טעע — וואָס מאַכט איהר עפּעס, מיסטער פרידקין?

פרידקין האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ צופרידענער אָנגעצויגען די גאָמבע, פילאָזאָפיש געקוקט אין רויטען גלאָז טעע אַריין און נישט אויפהויבענדיג די אויגען זיך אָנגערופען:

— איהר האָט דען געבענקט נאָך מיר?

בעססי האָט זיך עטוואָס פאַרלוירען, נישט געוואוסט גלייך וואָס צו ענטפערען און אַ שפּאַס געטון:

— איהר ווילט דען כ'זאָל בענקען נאָך אייך?

— וואָס איך וויל — האָט פרידקין אָנגעהויבען, זיך נאַריש צושמייכעלט און נישט געענדיגט — נאָר איין זאַך וועל איך אייך זאָגען, כ'האָב פיינד אַ צווייטען צו קריכען אין וועג אַריין!

— וואָס מיינט איהר?

— איהר ווייסט בעסער פון מיר!

— איך? — האָט זי אַ צוג געטון מיט די אַקסלען.

— אַז ער איז דאָ גאַנצע טעג געלעגען — האָט פרידקין אָפּ־געררוקט פון זיך דעם טעע, ווי ער וואָלט איהם געשטערט — האָב איך נישט געקענט קומען!

— ווער? — האָט בעססי געשמייכעלט.

— דער פּוילישער.

— גרינען מיינט איהר? — האָט זיך בעססי צולאַכט.

— יעס.

— פאַרוואָס האָט איהר איהם אַזוי פיינד?

— כ'האָב פיינד אַלע פּוילישע, — האָט פרידקין גענומען אויף גיך זופּען דעם טעע — אַז זיי זיינען גנבים! איהר לאַכט? יעדער וואַרשעווער אויב ער וועט נור קענען וועט ער אייך באַשווינד־לען, דערצו זיינען זיי „דזשיקאַנער“, עמי־הארצים, קענען קיין עברי נישט, אויף אַן אַ, זאָגען זיי או, הא, הא! אונזערע מיידלעך

זיינען בעסער? אַלע הייסען זיי רוזשקע, און בראָנקע און פאַר א באַמבאַנערקע זיינען זיי גרייט, האַ, האַ, האַ!... איך קען זיי גוט, די פוילישע דריבעס! כ'האָב זיי פיינד!

— און מאַלאָרוסיש האָט איהר אויך פיינד? — האָט בעססי זיך איינגעהאַלטען זי זאָל נישט אַרויסלאַכען.

— כ'זעה איהר ציהט מיך היינט עפּעס צופיעל פאַר דער צונג — האָט פרידקין אַראָפּגעלאָזט די אויגען, מעהר איינגעצויגען די גאָמבע, געוואַרט אַ ווייל'ע, ווי ער וואָלט זיך גע'ישובט און אָנגעהויבען מיט איין אָטעם — איהר דאַרפט וויסען, אַז איהר געפעהלט מיר, כ'מיין, פון ערשטען טאָג אָן וואָס כ'האָב אייך געזעהן זייט איהר מיר געפעלען... ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך אַ שטילער מענש, נישט ווי אַנדערע, וואָס מאַכען אָנשטעלען, זינגען, טאַנצען, ליגען אָפּ גאַנצע נעכט אין קאַבאַרעטען... ביי מיר וועט אַ ווייב האָבען זעהר גוט, כ'בין אַ הויז זיצער, מיין בעסטער פאַרגעניגען איז אין שטוב! קען זיין אַ גרעסערע פאַרגעניגען ווי אין אַ רעגען, צו גלאַט אין אַ שלעכט וועטער צו זיצען אין פענסטער און קוקען ווי אַנדערע ווערען אויסגעריסען, לויפען ווי אָפּגעוואַשענע קעץ? טענה איך... יאָ... מיינט נישט אַז כ'בין אַ לעהרער האָב איך קיין געלד נישט. כ'האָב אַ באַנק־ביכעל און קיין עין־הרע אַ שווער באַנק־ביכעל, פאַרזיכער איך אייך אַז כ'וועל אייך אויסמעבלירען פונקט אַזאַ זאָל — ער האָט געצייגט מיט דער האַנד אויפ'ן מעביל און בילדער — ווי איהר האָט ביי אייער פאָטער, נאָך מעהר, דאָס מעביל וועט מוזען זיין געגילדט.

בעססי האָט געזעהן אַז פרידקין איז ערנסט, שפּאַסט נישט, האָט זי זיך פאַרלוירען און געקלערט ווי ר'נאָך זיך אַרויסצודרעהען און איהם לאָזען אַליין.

— אַז איך האַלט אָבער ניט פון חתונה האָבען?

— און איהר מיינט אַז איך בין אַזוי פאַנאַטיש? האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך איבערגעזעצט אויף אַנאַנדער שטול נעהנטער צו בעססי'ן — דאָס רעד איך דאָך וועגען אייערע עלטערן, זיי ווע־

לען נישט דערלאָזען זייער טאָכטער זאָל וואוינען מיט אַ מאַן אָהן חופּה וקדושין.

— איהר האָט מיך נישט פארשטאַנען, מיסטער פרידקין — האָט בעססי זיך צולאַכט און געטראַכט אַז מען דאַרף גאָר ארויס־לויפען און איהם איבערלאָזען.

— וואָס הייסט? — האָט פרידקין זי אָנגענומען פאַר אַ האַנד.

— איך האָב געמיינט צו זאָגען — האָט בעססי ארויסגעגר־מען די האַנד פון זיינע — אַז כ'האַלט סתם נישט ביי חתונה האָבען.

— וואָס, כ'געפעל אייך נישט?

— איהר געפעלט מיר — האָט בעססי פון שרעק ארויסגע־שטאַמעלט — נור נישט חתונה צו האָבען מיט אייך.

— אַזוי? — האָט ער זיך אויפגעשטעלט, די אויסגעלאַשענע אויגען זיינען געוואָרען גלאַנציג, זיך איינגעגעסען מיט זיי אין בעססי'ן, ווי ער וואָלט זיך געקליבען וואַרפען אויף איהר.

בעססי האָט זיך אַ רוק געטון פון איהם, זיך פארשטעלט מיט'ן ווענטיל פון אַ שטוהל.

— איהר מיינט ס'איז אַ סוד אַז איהר האָט זיך ארומגשלעפט מיט גרינען?

— טאָ וואָס ווילט איהר?

— וויל איך אייך זאָגען — איז ער נעהנטער צו צו איהר — אַז ס'דאַרף פאַר אייך זיין אַ כבוד אויב כ'וויל אייך, נישט מאַכען ווייבערשע שטיק, איהר מיינט די וועלט שלאָפט? טאָ וואָס נעמט איהר זיך אַזוי איבער?

בעססי האָט געפיהלט ווי איהם אַראָפּצולאָזען אַ פּאַטש, נישט געגלויבט אַזפרידקין, אַזאַ אידיאָט, וועט איהר אויך אויפוואַרפען אַז זי איז נישט מאָראַליש געגוג, אַז ער שטעהט פיעל העכער פון איהר און איז זיכער אַז ער טוט איהר אַ טובה וואָס ער בעט איהר האַנד. זי האָט זיך באַהערשט, מורא געהאַט זי זאָל זיך פון ערגערניש נישט פונאַנדערוויינען, גאַרנישט געענטפערט און גענומען ארויס־

געהן. ער האט איהר פארשטעלט דעם וועג:

— נו, וואס בלייבט?

זי האט געעפענט אויף איהם א פאר אויגען אז ער האט זיך אפגערוקט.

— לאזט דורך!

— וואס מיינט איהר כ'וועל זיך לאזען ארומפיהרען ביי דער נאז? — האט פרידקין זי ארומגעכאפט מיטביידע הענט.

בעססי האטזיך א ריס געטון, איהם א שפיי געטון אין פנים אריין און מיט א קוויטש פון אן איבערגעשראקענעם אז ס'גאנצע הויז איז זיך צונויפגעקומען, איז זי ארוים פון צימער און פארהאקט נאך זיך די טיר.

פרידקין איז געבליבען שטעהן נישט טויט, נישט לעבעדיג, אליין נישט געגלויבט וואס מיט איהם איז נור וואס פארגעקומען, זיך געהאלטען אין איין ווישען דאס פנים, די אויגען און געהערט הינטער זיך קולות:

— וואס איז?

— וואס איז געשעהן?

— בעססי?

— א מויז!

— וואס?

— כ'האב זיך איבערגעשראקען — א מייזעל איז נור וואס פארביי געלאפען!

— משוגענע!

— שרייט מען אזוי? גוט, גוט, — האט די מוטער גערעדט — כ'זאג שוין לאנג מען זאל אויף ביי נאכט אריינלאזען אין שטוב די קאץ. אז איהר אלע טרייבט זי!

מען איז זיך צוגאנגען. ס'איז געווארען שטיל. פרידקין איז נאך אלץ געשטאנען אויפ'ן זעלבען פלאץ, זיך געווישט דאס פנים, געפיהלט ווי אלץ אין איהם קארטשעט זיך פון וועהטאג, פון חרפה. ער האט חשק געהאט צו צוברעכען דאס מעביל, א שליידער צו טון

די בראָנזענע סטאַטועטקאָ אין שפּיגעל אריין, אַרויסצעוואָרפן די רעקאָרדס פון דער וויקטראָלא, קלאַפּן איבער זיי מיט די פיס, איבערצודרעהען די סערוואַנטקע מיט פּאַיאַנס, ס'זאָלן בלייבן בלויז שערבלאך. דער שרעק אַז עמיצער קען נאָך אָנקומען האָט גובר געווען דעם כעס. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין מעסעריל און מיט דער מיט גענומען קראַצן איבער די פיס פונ'ם מאַהאָ־גענעם טיש, איבער די ווענטלאך פון די שטוהלען און וואָס שטאַר־קער ער האָט געקראַצט, אַלץ מעהר האָט זיך אין איהם דער טייפעל צושפּיעלט, חשק געהאַט דעם שפּיגעל צו צושמעטערן, איבער־לאָזן די „היברו־סקוהל", שושנה'ען און אוועק ערגיץ אין דער וועלט אריין.

— איהר וואַרט שוין לאַנג? — איז דער פּרעזידענט אריינ־געקומען.

פרידקין האָט אין איין אויגענבליק זיך אין גאַנצען געענד־ערט, בלאַס געוואָרען, דערנאָך זיך פּעררויטעלט, אריינגערוקט דאָס מעסעריל אין אַרבעל און ווי ער האָט נישט אַ דרעה געטון מיט די אויגען, האָט ער אַלץ געזעהן די צוקראַצטע פיס פון טיש. ער האָט זיך אַ דרעה געטון ער זאָל פאַרשטעלען די פיס און גענומען הכנעה'דיג שמייכלען:

—נור וואָס אריינגעקומען.

— נו, מיסטער פרידקין, האָב איך עס גענדאַרפט? אויסגעבויט אַ שוהל, אַ תּלמוד תורה, כ'פאַרנאַכלעסיג ס'הויז, די קינדער, מאַכט זיך מיר אַ לעדיגער אָבענד, כ'קען שוין אַמאָל פאַרברייננגען מיט מיין פאַמיליע, פּטור איך איהם אין דער „היברו" און אַז כ'מאַך דער־פון נישט אַ לעבען, ווייסט איהר דאָך אודאי, פרעג איך אייך, איז עס רעכט מען זאָל זיך כאַפּען מיך שלאָגען?

— עפּעס אַ ווילדער יונג — האָט פרידקין אריינגעוואָרפן.

— און די לעהרער האָבען אויך שעהן געהאַנדעלט, ס'מאַכט נישט — האָט דער פּרעזידענט זיך נישט צוגעהערט צו פרידקינען און גערעדט זיינס — איהר זייט נישט צופרידען מיט די שכירות?

קומט מען אריבער, מיין אדרעס, ברוך השם, ווייס מען, מען שמועסט זיך דורך, מיר זיינען דאָך אידען... ניט מיט אמאָל א סטרייק! וואָס, די תלמוד תורה איז להבדיל א „שאָפּ“? אז מען וועט זיי לאָזען סטרייקען, קענען זיי מאָרגען פאָדערען מען זאָל אנשטאָט חומש לערנען א קאַפּיטעל סאָציאַליזם, ווער איז זיכער מיט זיי? אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, מיין נאָמען איז נישט שולץ, ווי לאַנג איך וועל לעבען, וועט מען אין מיין תלמוד תורה נישט סטרייקען! אויב איך וועל נישט קענען אויספיהרען, וועל איך צומאַכען די תלמוד תורה און נישט נאָכגעבען! אזא עקשן בין איך! און קיין איין לעהרער וואָס וועט סטרייקען וועל איך נישט צונעמען אויף צוריק. לאָזען זיי וויסען! כ'וועל זיי עוקר מן השורש זיין!

דער פּרעזידענט איז זיך דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל איבער דעם זאָל, געמאַכט גרימאַסע, ווי ער וואָלט איינגע'טענה'ט מיט זיך און זיך צוריק אַפּגעשטעלט ביי פרידקין.

— יעס, איך וויל איהר זאָלט בלייבען פּרינסיפּאַל.

— אָל־רייט — האָט זיך פרידקין פון גרויס פרייד צושמייכעלט — אָבער...

— וואָס אָבער?

— מאָרגען צו קומען אין דער „היברו“ איז א געפאַהר — —

— איהר האָט מורא מען זאָל אייך נישט שלאָגען?

— כ'האָב נישט מורא, נור זיי האָבען גע'טענה'ט, אז אויב זיי וועלען מאָרגען כאַפּען אין א קלאַס א לעהרער, וועלען זיי איהם דער'הרג'ענען.

— אויב איהר ווילט, וועל איך מיט אייך מיטשיקען א פּאָליסמאַן?

— ס'וואָלט נישט געשאַט.

— הייסט עס, יאָ — האָט דער פּרעזידענט זיך געקנאַקט די פינגער — איהר וועט מאָרגען אָנגעהן מיט אייערע קלאַסען ווי גע־וועהנליך.

פרידקינען איז געלעגען אויף דער צונג אז ער דאַרף בעטען

א קאָנטראַקט אויף צוויי יאָהר, זיך געשעמט, באַמערקט ווי דער פּרעזידענט קוקט אויפ'ן זייגער, ווי ער וואָלט איהם געגעבען אָנ־צוהערען אַז דער וויזיט איז צו ענדע, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט:

— א גוטע נאַכט, מיסטער שולץ.

— א גוטע נאַכט. הייסט עס, מאָרגען זעהען מיר זיך?

— אָל־רייט.

איבער'ן טראָטואַר וואָס פאַר דער „מחזיקי־תורה" האָבען עטליכע יונגע לייט פּאָרוויז שפּאַצירט הין און צוריק. איינער פון זיי האָט געטראָגען אויף דער ברוסט א טאָוועל, וואָס האָט געהאַנ־גען מיט שטריקלעך ביים קאַרק און אויסגעזעהן פון דערווייטענס ווי א „חושן", וואָס א מלמד פלעגט אויסשניידען פאַר זיינע תלמידים, אויפ'ן טאָוועל איז געווען גע'חתב'עט מיט גרויסע אותיות:

> העלפט די לעהרער אין סטרייק!
> וחי אחיך עמך!

אין גאַס איז געווען שטיל. בלויז פון דער מחזיקי־תורה", וואו עטליכע אַלטע אידען זיינען געזעסען איבער א לאַנגען טיש און געלערענט, האָט זיך געטראָגען אַן אומעטיגער ניגון, וואָס האָט דערמאָנט אַן אַלטען זיידען, א לאַנג פארגעסען בית־המדרש געסעל. פאַרבייגעהער האָבען זיך אָפּגעשטעלט. טייל האָבען געצוגט מיט די אַקסלען, געגאַנגען ווייטער, אַנדערע האָבען ווי צו זיך גערעדט:

— אַמעריקאַ, סטרייקען שוין מלמדים אויך!

— ניש קשה, חדר קינדער וועלען אויך באַלד אָנהויבען סטריי־קען.

ביים אריינגאַנג אין דער „מחזיקי" איז געשטאַנען א פּאָליס־מאַן אָנגעשפּאַרט אָן דער ברייט־צועפענטער טיר. פון לאַנגוויי־ליגקייט האָט ער פּרובירט צו פערפיהרען א שמועס מיט די אידען וואָס האָבען געלערענט אין שוהל. יעדע ווייליע איז אַנאַנדערער

אויסגעוואקסען ביי דער טיר, וואו א לאנג האנדטוך האט געהאָנגען אויף צוויי וואלקלעך און זיך געדרעהט ווי א פאסעק ארום די רעדער פון א מאשין. די אידען האָבען זיך לאנג געווישט די הענד הויך געזאָגט „אשר־יצר", תמ'עוואטע געשאָקעלט מיט די קעפ אויף דעם פאָליסמאנ'ס רייד, אבי פון איהם פטור צו ווערען און פער־שוואונדען אין שוהל. דער פאָליסמאן האט שטעהענדיגערהייט פארמאכט די אויגען, געוואָלט כאפען א דרימעל און אום ער זאָל ניט איינשלאָפען, האט ער פון געוואוינהייט געהאלטען אין איין וויעגען מיט דער רעכטער האנד, וואו דער „קלאָב" האט געהאָנגען אויף א לעדעריל.

אן אטאמאָביל האט זיך אָפּגעשטעלט פאר דער תלמוד־תורה. דער סעקרעטאר א קליינס, א גיכס, ווי א מייזעל, האט ארויסגע־שטעקט דעם קאָפּ, זיך ארומגעקוקט און ארויס פון'ם אָטאָמאָביל מיט צוויי אידען. דער בחור מיט דער שילד אויף דער ברוסט איז אויסגעוואקסען פאר זייערע אויגען און פארשטעלט דעם וועג:

— אידען בעלי־תורה זאָלען „מסיג גבול" זיין, צונעמען ביי טאטעס פון קינדער דאס שטיקעל ברויט?

די אידען, צעשראָקענע האָבען זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָל־טען פון קיין זאך נישט געוואוסט און גענומען שטאמלען:

— מיר ווילען קיינעם קיין ברויט נישט צונעמען — — —

— הערט איהם ווי דעם קאָטער! — האט דער סעקרעטאר זיי כמעט איבערגעוואלד געהאלטען אין שטופּען אויף די טרעפּ־לעך ארויף...

דער פאָליסמאן איז אונטערגעקומען, מיט בטול געקוקט אויפ'ן בחור מיט דער שילד און געררעדט דורך א ווינקעל פון מויל, ווי ער וואָלט געזייט די ווערטער:

Keep on, keep on, don't block the street!

די עלטערע אידען האָבען זיך איינציגווייז ארויסגעשארט פון שוהל געבליבען שטעהן אין א קופּקע, יעדער אין אנאנדער פּאָזע און שטיל צווישען זיך גערעדט:

— נאָך אַלעמען איז עס אַ חלול השם — האָט אַ זקן, וועמעס זוהן איז פּונקט דעמאָלט געווען אין סטרייק ביי הויזען, זיך אָנגע־רופען — מען זאָל עס גאָר דערלאָזען צו אַ סטרייק אין אַ תלמוד־תורה.

— וואָס, נאָכגעבען זיי? — איז אַ קליין ליטוויש אידעל, אַ געוועזענער וועסטיל „באָס”, אַריין אין דער קופּקע —כ'טענה שוין פון לאַנג אַז מען דאַרף נישט אין דער „מחזיקי תורה” קיין גאַלע־מאָרדעס! אַז אַ איד איז אַ גלות, ווער וועט מיר דאָס קאָווירען, אַז ער איז נישט קיין מחלל־שבת? אַגלות וועט מדריך זיין מיינס אַ קינד? נאָ־סיר!

— הייבט זיך אָן — האָבען עטליכע זקנים מיט אַמאָל אויפ־געהויבען די קעפּ און זייערע אונטערגעשווירענע בערד האָבען זיך אָוועקגעשטעלט ווי בעזעמלעך — ס'איז דאָך אַמעריקאַ!

אַרום דער קופּקע האָט זיך געקליבען אַן עולם. יאָהרצייט לייט, קדיש זאָגערס, צוויי שוסטערס וואָס האָבען צווישען מנחה און מעריב אָוועקגעלעגט די דראַטווע, פאַרשלאָסען די וואַרשטאַ־טען און אויסגעשמירטע זיך צו יעדער זאַך איינגעהערט מיט ערנסטע פּנים'ער. די ווערענדע וואָס אַרום דער שוהל איז פול געוואָרען מיט מענשען. אַלע האָבען גערעדט וועגען סטרייק, זיךגעקאָכט, געווען אונצופרידען וואָס מען האָט אַזאַ זאַך געקענט דערלאָזען. דער פּאָליסמאַן האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון, געקוקט אויף זיי ווי אויף קינעזער און זיך געטראַכט אַז מען וואָלט זיי אויך גע־דאַרפט צוטרייבען.

וואַקסמאַן האָט זיך געדרעהט צווישען עולם, גערעדט, גע־שפּריצט, איהם איז געווען קשה פאַרוואָס מען זעהט עפּעס ניט פריד־קינען. זאָל ער „סקעבען”? ער איז עטליכע מאָל אַרויפגעגאַנגען אויף אַ ווערענדע וואָס קענען איבער דער שוהל, געקוקט אין דעם פענסטער וואו פרידקין לערנט און באַמערקט אַז דאָרט דרעהט זיך אַרום איינער פון די אידען, וואָס מען האָט נאָר וואָס געבראַכט מיט'ן אויטאָמאָביל. וואַקסמאַן האָט גענומען צו איהם ווינקען

מיט א פינגער. דער איד איז אַן איבערגעשראָקענער צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און א שאָקעל געטאָן צו וואקסמאַנען מיט'ן קאָפּ און הענט, ווי ער וואָלט געזאָגט — וואָס ווילט איהר?

— ר' איד, פאָלגט מיך און געהט בעסער ארונטער! — האָט וואקסמאַן צו איהם אַרויפגעשריען.

דער פרעמדער האָט פארהאַקט ס'פענסטער און פון קלאַס האָבען זיך העכער געגומען טראָגען די קולות פון די קינדער.

ראָזען אי זאונטערגעקומען, פארצויגען א סיגארעט, עטליבע ציל געטון און איבערגעגעבען:

— ווייסט, פרידקין „סקעבט".

— פון וואַן ווייסטו עס? — האָט וואקסמאַן א ציה געטון דעם לאַנגען האַלז.

— דער אַלטער משה האָט מיר נאָר וואָס פארטרויט — האָט ראָזען ווידער אָנגעצונדען א שוועבעלע, וואָס האָט זיך באַלד פאַרלאָשען — אז ער האָט בייטאָג געזעהן ווי פרידקין איז אָנגעקומען מיט'ן סעקרעטער.

— דאָס הייסט נאָך ניט, אז ער „סקעבט".

— און איך זאָג דיר — האָט ראָזען אָנגעריבען אין זייל פון שוך א שוועבעלע — אז דער בחור איז אויף אַלעם פעהיג.

— פרידקין מיינסטו?

— יעס.

— אויב ס'זאָל זיין אמת — האָט וואקסמאַן זיך געצופּט די שטעכיגע האָר פון דער גאָמבע — איז עס דאָך א מיאוס'ע זאַך.

— אָט געהט סעם — האָט ראָזען זיך א לאָז געטון נאָך א אינגעל, וואָס איז ארויס פון דער „היברו" און איבערגעלאָזט אויפ'ן פּלאַץ וואו ער איז געשטאַנען פינף מינוט א בערגעלע אויסגעריבענע שוועבעלעך.

— ווער האָט היינט מיט אייך געלערנט? — האָט וואקסמאַן נעפרעגט דעם אינגעל.

— דער לעהרער האָט ניט געהייסען זאָגען — האָט ס'אינגעל

געשמייכעלט.

— וואָס'רער לעהרער?

— מיסטער פרידקין.

— דאָס דאַרף מען גלייך לאָזען וויסען — האָט וואַקסמאַן אָנגעכאַפּט ראָזענ'ען פאַר א האַנט — געה, טעלעפאָניר גלייך, אַז פרידקין „סקעבט", מיר וועלען זיך אָפּרעכענען מיט איהם!

פרידקין איז געזעסען ביי זיך אין קלאַס און געציטערט. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען צווישען ביידע פענסטער אַזוי, אַז אויב אפילו אַ שטיין וועט פליהען, זאָל ער איהם ניט טרעפען. ביים יעדען עפען פון דער טיר האָט איהם פאַרפעהלט אָטעם, גע־מיינט אַז אָט קומען אָן די סטרייקערס. זיך געטרייסט וואָס אַ פּאָליסמאַן שטעהט ביים ארייננגאַנג און וועט די חברה ניט אריינ־לאָזען. ער איז געווען זיכער, אַז אין צוויי העכסטענס אין דריי טעג ארום וועט דער סטרייק זיין געבראָכען, אַזוי האָט איהם דער פּרעזידענט פאַרזיכערט, די אָרימעלייט וועלען קומען בעטען מען זאָל זיי צוריקנעמען און ער, פרידקין, וועט ניט וועלען הערען, וועלען זיי שיקען די ווייבער מיט די קינדער אויף די אָרעמס, פאַ־לען איהם צו די פיס, קושען די הענט... ער, פרידקין, האָט געהאַט אַ באַקאַנטען צושניידער פון מענער־רעק, איז יעדעס מאָל ווען אַ „באָס" האָט איהם אָפּגעזאָגט האָט ער געשיקט זיין ווייבעל, אמת, ניט קיין מיאוס'ע, בעטען פאַר איהם ביים „באָס" און מען האָט איהם תמיד צוריקגערופען ארבייטען. פרידקין האָט גע־שמייכעלט, געווען צופרידען מיט זיך, און בלויז ניט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז נעכטען געווען מיט בעססי'ן. ער איז דאַכט זיך גע־ווען זעהר אַנשטענדיג אין איהר געגענוואַרט. און מען קען ניט זאָגען, פון אָנפאַנג איז אַלץ געגאַנגען ווי געהעריג, געווען זיכער, אַז ער נעמט דאָס מאָל אוים און מיט אַמאָל: נאַ דיר אַזאַ ברוך הבא! אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט! ווען ער ווייס אַז דאָס וועט זיך אַזוי אויסלאָזען, וואָלט ער נישט „געסקעבט", איינגעשטעלט דאָס לעבען. ער וועט זיך קיינעם אויף די אויגען

נישט קענען ווייזען און ווער וויים ווי ער וועט אָפּשניידען?

ווען פרידקין איז אזוי געשטאַנען אַנגעשפּאַרט ביים ווענטיל, וואָס צווישעןביידע פענסטער און געטראַכט, האָבען די קינדער דערוויייל געגוואַלדעוועט, געקראַכען אויף די בענק, ווי זיי וואָלטען געוועז אליין אין קלאַס.

— ווייסט, — האָט אַ אינגעל זיך אָנגערופען — מיר דאַרפען ניט געהן אין „היברו“.

— פאַרוואָס?

— די לעהרער סטרייקען.

— און מיסטער פרידקען? — האָט אַ אינגעל אזוי הויך אַ זאָג געטאַן, אַז פרידקין האָט דערהערט.

— ער סטרייקט נישט.

— איז ער אַ „סקעב“?

— וואָס איז אַ „סקעב“?

— אַ „סקעב“ שלאָגט מען.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער וויל נישט סטרייקען.

— וועט מען פרידקינען שלאָגען?

— מיין טאַטע האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט שיעור נישט דער׳הרג׳עט אין שאָפּ אַן ארבייטער, וואָס האָט נישט געוואָלט סטרייקען.

— אָ, זיין טאַטע איז שטאַרק, — האָט זיך אַ דאַר אינגעלע אָנגערופען.

פרידקינען איז געוואָרען קאַלאַמוטנע פון די קינדערס רייד. ער האָט געפיהלט אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען אַראָפּצוגעהן צו וואַקסמאַנען, זיך ענטשולדיגען, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עולה און סטרייקען מיט אַלע גלייך. און אַז מען וועט איהם באַפאַלען? וואָס איז ער, אַ גבר? ער קען זיך ווערען? ער האָט באַטאַפּט די מוסקולען פון די הענד, וועלכע זיינען געווען שלאַבערדיג ווי צוקאָכטע קעלבערן פלייש און געווען זיכער, אַז איין גוטער קלאַפּ לעגט איהם

אוועק. פאַר די אויגן זיינען איהם געשטאַנען אָנגעצויגענע מוס־קולען, וואָס מען זעהט ביי א דורכשניטליכען אַמעריקאַנער, וועמען ער האָט תמיד מקנא געווען. די מוסקולען הארט און שטייף, ווי די הענד וואָלטען געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטאָהל, — איז פון בלויזען געדאַנק פרידקינען קאַלט געוואָרען. פון שרעק האָט ער גע־כאַפּט א אינגעל און אַראָפּגעשיקט נאָך'ן סעקרעטאַר. ער האָט זיך מעהר נישט צוגעהערט ווי די קינדער שרייען, געשפּרייזט איבער'ן חדר, פּרובירט פאַרביינגעהענדיג אויפצוהייבען די שטוהל אויף וועלכע ער זיצט, אונטערגעהויבען די בענק, דעם טיש, מיט איין האַנד א הויב געטאָן א אינגעל, וואָס איז איהם געשטאַנען אין וועג, ווי א הערינג, און זיך דערפיהלט לייכטער. ער האָט אָפּגע־מאַכט ביי זיך אַז זיינס א קלאַפּ איז אויך עפּעס ווערט, אַז ער איז נאָך נישט אַזאַ שוואַכער. דער בלויזער געדאַנק האָט איהם אויפ־געהייטערט און וואָס אָפטער ער האָט זיך געטאַפּט די מוסקולען אַלץ שטייפער האָבען זיי זיך איהם אויסגעדאַכט.

— איהר דאַרפט מיך ? — האָט דער סעקרעטאַר געעפענט די טיר פון קלאַס.

— הערט, מיסטער קליין, — איז פרידקין איהם נאָך אין קאָרידאָר אַריין — כ'האָב געהערט זאָגען, אַז די לעהרער פאַרנעמען זיך אויף מיר, ווילען מיך שלאָגען.

— נישט דערלעבען וועלען זיי ! — האָט דער סעקרעטאַר אַריינגעשטעקט ביידע הענד אין די הויזען־קעשענעס — מיר וועלען אייך אָפּפיהרען אין אַן אָטאָמאָביל מיט א פּאָליסמאַן, גוט ? און ווער האָט דאָס אייך געזאָגט אַז זיי קלייבען זיך שלאָגען ?

— כ'וויים — — —

— ווער, למשל ? — איז דער סעקרעטאַר צוגעשטאַנען.

זיי האָבען מיט אַמאָל דערהערט א קוויטש. דער קוויטש האָט זיך געצויגען איבער א מינוט, זיך איבערגעריסען און ס'איז אויף א רגע שטיל געוואָרען. דער סעקרעטאַר מיט פרידקינען זיינען אַריין אין אַנאַנדער קלאַס און געזעהן דורך'ן פענסטער ווי דער

פאליסמאן ראנגעלט זיך מיט א צובלוטיגטען בחור און וואס ער הויבט אויף דעם „קלאב", וויל איהם א קלאפ טאן, כאפט איהם דער בחור אן מיט דער האנד. אן עולם איז געשטאנען ארום, נייגעריג גיזקוקט און יעדעס מאל ווען דעם בחור איז געלונגען אנצוכאפען דעם „קלאב", האט דער עולם זיך פארגאנגען אין א געלעכטער. עס איז אנגעקומען נאך א פאליסמאן און איידער פרידקין האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען איז שוין דער בחור געלעגען א צו'הרג'ע־טער אויף דער ערד. א צושלאגענעם, א פארבלוטיגטען, אהן א קאפעלוש האט מען איהם אוועקגעפיהרט. אויף'ן וועג האבען זיי אויך ארעסטירט דעם בחור מיט דעם שילד און דער עולם איז זיך צוגאנגען.

— נאכ'ן סטרייק, — האט דער סעקרעטאר א צופרידענער איינגערוימט פרידקינען, וואס איז געשטאנען און געציטערט פון שרעק, — איינעם צושלאגען, דעם צווייטען ארעסטירט, און אוים חתונה! אזוי דארף מען זיך באגעהן מיט די יונגאטשעס!

דערווייל האט זיך אין שוהל געקאכט. די אידען האבען פאר־געסען אן מנחה, געשטאנען אין קופקעס, זיך געערגערט, און אלע זיינען געווען אש להבה אויף'ן סעקרעטאר וואס ער האט געבראכט אין שול אריין א פאליסמאן.

— ס'איז א חלול השם, — האט איינער געשריען.

— ווער איז ער, דער גאליציאנער ?

— מען דארף איהם עוקר מן השורש זיין !

— און וואס מיינט ער, דער פרעזידענט ? ס'איז זיין שוהל, לאז ער איינבייסען אין איהר מיט די צייהן! געהערט, מען לאזט צושלאגען אזוי א איד !

— נו, וואס איז אז זיי סטרייקען ? א איד האט א ווייב מיט קינדער, קען ער היינטיגע צייטען נישט דורכקומען מיט פופצעהן דאלער א וואך !

— זיי גיבען דען פון זייער קעשענע ? מיר צאהלען דאך אויף דער תלמוד תורה !

— אודאי מיר, איך צאהל פיער דאלער א יאהר !

— איך אויך !

— און איך אויך !

— וואו איז דער סעקרעטאר ?

— וואו איז ער, דער גאליציאנער ?

— אט איז ער !

— איצט זייט איהר שוין ציפרידען — איז אן עולם איהם אנטקעגען געגאנגען — אז מען האט צושלאגען א אידען ? זעהר שעהן, זעהר שעהן !

— צו מיר דארפט איהר גארנישט האבען — איז דער סעק־רעטאר געשטאנען א בלאסער און זיך פארטיידיגט — איך בין אן אנגעשטעלטער, איז וואס מען הייסט מיר, טו איך !

— און אז מען וועט אייך הייסען גנב'ענען ?

— א משל ? — האט דער סעקרעטאר געוואלט א שמייכעל טאן, און ס'האט זיך נישט איינגעגעבען.

— ס'איז גאר א משל, — האט זיך איינער אנגערופען — פאר אזא מעשה זייט איהר ווערט פעטש ! ס'פאסט אייך צו זיין א „בוטשער", נישט קיין סעקרעטאר אין א שוהל.

— איהר שווייגט בעסער, שווייגט, — האט דער סעקרעטאר זיך צוגעגעבען קוראזש, — אז ניט היים איך אייך גלייך מיט'ן גוי ארויספיהרען.

— מיך ? — איז דער זקן צוגעלאפען צום סעקרעטאר, — שייגעץ די !

— ביזט א גרעסערער !

— גענוג, גענוג, — האבען זיך געהויבען הענד איבער'ן סעק־רעטאר פון אלע זייטען.

— קומט אידען, קומט, — איז איינער אריין אין דער מיט, — אז ס'איז דא אזא סעקרעטאר און א פרעזידענט — — — —

— טשעפעט נישט דעם פרעזיד — האט א צווייטער איבערגעהאקט.

— דאַרפֿען מיר דאָ נישט דאַוונען.

— זינגדיגט נישט — האָט זיך אַ דריטער אָנגערופֿען — אַרויסצוגעהן פון דער שוהל איז אַ פּחיתת הכבוד פאַר די ספרי תורות.

— גערעכט, גערעכט!

— גערעכט!

— דער סעקרעטאַר אָבער טאָר דאָ מעהר נישט בלייבען!

— לאָז ער ווערען אַן „אָרגעניזער" אין דער „בוטשער יוניאָן"!

— שפּעטליך, לאָמיר זיך שטעלען דאַוונען.

— שאַ, שאַ, — האָבען הענד פון אַלע זייטען גענומען קלאַפּען אין שטענדערס.

ביים עמוד איז אויסגעוואַקסען אַ איד, געוואַרט ביז די שאַ'ס האָבען אויפגעהערט, אָפּגעהוסט, אָנגענומען דעם עמוד מיט ביידע הענד און זיך צעוויגט:

— אשרי יושבי — — — —

---

שפּעט אין אָבענד האָט דער פּרעזידענט פרידקען אָפּגעפיהרט. ער האָט איהם געוואָלט אַרויספיהרען אין שטוב אַריין, איז פרידקען געבליבען אַ פּאַרציטערטער, מורא געהאַט ער זאָל ביי איהם טרעפען שושנה'ן, דערצו זיך דערמאָנט אַז ביי זיין טיר הענגט נישט קיין מזוזה, און אָנגעהויבען שטאַמלען:

— איהר שפּאַסט, האַ? איהר מיינט טאַקע אַז כ'בין אַזאַ בעל פּחדן? זאָג איך אייך, אַז כ'וואָלט אַליין אויך נישט מורא געהאַט אַ היים צו געהן!

— נו, נו, נו, — האָט דער פּרעזידענט איהם גוט־ברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע, — פון דעסטוועגען וועל איך מאָרגען נאָך אייך שיקען די „מאַשין". אַ גוטע נאַכט.

פרידקען איז געבליבען שטעהן ביי זיין הויז, נאָכגעקוקט דעם אָטאָמאָביל וואָס איז פאַרשוואונדען מיט'ן פּרעזידענט און אַ צופרידענער, וואָס ער איז נאָר אָפּגעקומען מיט שרעק, און אַז מאָר־

גען וועט מען ווידער נאָך איהם קומען, איז ער אריין אין האַלב־פינסטערען קאָרידאָר, ברומענדיג א ניגון.

ער האָט דערפיהלט א בריה אין קארק, א דרעה געטאָן דעם קאָפּ, געוואָלט זעהן, פון וואנען דאָס איז געקומען, האָט ער גע־כאפּט א פּלעם אין רעכטען אויער, אז פונקען האָבען זיך א צינד געטאָן פאר די אויגען. אינסטינקטיוו האָט איהם ס'הארץ געזאָגט, אז סטרייקער האָבען געדונגען גענגסטערס איהם צו שלאָגען. ער האָט אריינגעכאפּט דעם קאָפּ צווישען די אקסלען, אויסגעהויקערט א פּלייצע ווי א קאטער ווען ער נעמט זיך ציהען, צושפּרייט די הענד, ווי זיך צו ווערען און איידער ער האָט צייט געהאט א געשריי צו טאָן, איז ער שוין געלעגען אויף דער ערד. עס איז געוואָרען פינסטער. פון שרעק, אז מען וועט איהם דער'הרג'ענען, איז פרידקען אזוי צוטומעלט געוואָרען, אז דער געשריי איז ביי איהם געבליבען אין גרגרת ווי א ביין, געשפּארט די אויגען פון קאָפּ. די קלעפּ זיינען געוועזען אזוי גיך און איבער'ן גאנצען קערפּער, אז זיי האָבען אויפגעהערט וועה טאָן, איהם אויסגעניכטערט, און ער האָט דערזעהען איבער זיך א פרעמדען. דער פרעמדער איז געשטאנען איבער איהם, געשלאָגען אין פּנים אריין אז דער קאָפּ האָט אזש אונטערגעטאנצט אויף דער שטיינערנער פּאדלאָגע.

— מערדער, וואָס שלאָגסטו ? — האָט פרידקען זיך א ריס געטאָן, געוואָלט דעם פרעמדען אָנכאפּען פאר א פוס.

ער האָט געכאפּט א כמאַל אין דער באק און געפיהלט ווי די צייהנער שאָקלען זיך ביי איהם אין מויל.

ער האָט זיך ווידער א ריס געטאָן, האָט יענער מיט א פוס איהם געקלאַפּט איבער'ן פּנים, איבער'ן הארץ, געשלאָגען אָהן אויפהער. געזאלצענע שנירלעך זיינען פרידקענעס גערונען אין מויל אריין, זיך געקייקעלט איבער'ן האלז, איז איהם מיט אמאָל אזוי היים געוואָ־רען, געבליבען ליגען אָהן כחות, מעהר קיין וועהטאָג געפיהלט או ס'האָט זיך איהם געדאכט, ווי דער גאנצער קערפּער איז ביי איהם איינגעשלאָפען, ווי עס שלאָפט אמאָל איין א פוס פון צופיעל זיצען, און וואָס מעהר מען קנייפּט, שלאָגט דעם פוס, אלץ אנגענעהמער

איז די טעמפּע וועהטאָג וואָס וועקט איהם אויף. די אויגען זיינען ביי איהם געוואָרען גרעסער, ס'מויל האָט זיך עטוואס פארדרעהט, געזעהן ווי מען שטעהט איבער איהם, מען שלאָגט, און צומאָל קיין ריהר געטאָן מיט א ברעם. עס האָט איהם אָנגעהויבען ווערען הויל ביים האַרץ, געווען זיכער אז מען וועט איהם אזוי אייביג שלאָגען און ביסלעכווייז גענומען פארשווינדען מיט'ן קאָרידאָר צוזאַמען.

אז ער האָט געעפענט די אויגען איז צוריק געווען ליכטיג. ער האָט געזעהן איבער זיך פרעמדע פּנים'ער, נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, נישט געדענקט וואָס ס'איז נאָר וואָס פאָרגעקומען, בלויז געפיהלט ווי דער גאנצער קערפּער איז ביי איהם איינגעפרוירען און מען שטעהט איבער איהם מיט צוואַנגען, מען רייסט, אז דער מח פּלאצט און זיך דערמאָנט אז דאָס האָט שוין מיט איהם אמאָל פּאַסירט, ביי א דענטיסט און אויפ'ן האַרצען האָט זיך מיט אמאָל ארויפגעלעגט אזא משא, ווי די אַלע פּנים'ער וואָלטען נישט געשטאַנען ארום, נאָר געזעסען ביי איהם אויף דער ברוסט און נישט גע־לאָזט אָפּאָטעמען.

— וואו וואוינט איהר? — האָט זיך איינער איבערגעבויגען איבער איהם.

— וואָס איז אייער נאָמען?

— דאָס הייסט צושלאָגען!

— „צובוטשערט"! צו'נהרג'ט!

— ער ליגט דאָך באוואוסטלאָז!

— לאָמיר איהם אריינגעהמען אין א דראָג סטאָר!

— בעסער רופט אן אמבולאַנס.

— ער וועט דאָך אָפּגעהן מיט בלוט.

— ס'איז דאכט זיך א איד?

— אודאי א איד!

פרידקען האָט אויף אַלעמען געקוקט מיט שטאַרע אויגען, נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, כאָטש געהערט יעדעס וואָרט. באַלד האָט א פּאָליסמען פאנאנדערגעשטופּט דעם עולם, זיך אויסגעפרעגט

און ס'ערשטע גענומען באַזוכען דעם הרוג. ער האָט געזוכט אין אַלע קעשענעס, אַרויסגעשלעפּט וואָס ס'איז נאָר געווען און אַלץ איינ־געוויקעלט אין פרידקענס א נאָז־טיכעל. ער האָט אַרויסגענומען פון א וועסטעל קעשענע א פאונטיין־פּען מיט א זילבערנעם בעשלאַג, עס באַטראַכט, אַפּנים געפעלען געוואָרען און עס זיך אַריינגע־שטעקט אין א בוזעם־קעשענע. מען האָט געפונען א בריעף אַדרע־סירט אין דעם הויז אַריין וואו זיי זיינען געווען, און דער פּאָליסמאַן האָט גענומען געהן מיט'ן בריעף פון וואָהנונג צו וואָהנונג. א שכן'טע האָט געוויזען אויף שושנה'ס טיר און דער פּאָליסמאַן האָט אָנגעקלאַפּט:

— וואוינט דאָ מיסטער פרידקען?

— יעס, — האָט שושנה אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, נעזעהן דעם פּאָליסמאַן און זיך גענומען צורעכט מאַכען די האָר.

— איז ער אין דער היים?

— נאָ.

— וואו איז ער?

— ער דאַרף יעדע מינוט אָנקומען.

— פאַרמאַך די טיר און קום מיט מיר אַרונטער.

— וואָס איז? — האָט זי צועפּענט א פּאָר אויגען און איינ־סטינקטיוו א טאַפּ געטאָן צו דער ראָספּער פון קלייד איז נישט אָפען. — ס'איז עפּעס געשעהן מיט מיסטער פרידקין?

דער פּאָליסמען האָט נישט געענטפערט, פאַנאַנדערגעשטופּט מיט די עלענבויגענס דעם עולם און זי צוגעפיהרט צו פרידקענען.

— דערקענסטו איהם?

— פרידקען! — האָט שושנה אויסגעשריען, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און דער אַרומיגער עולם האָט זי אונטערגעכאַפּט.

.16

די קאַפּע איז כמעט געווען לעדיג. גרין איז געזעסען איבער אַ גלאָז טעע, די פיס פאַרוואָרפען, די הענד אין די הויזען־קעשענעס און דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויף זיין אייגענער ברוסט. פון לאַנג־וויילינקייט האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוציהלען מיט די שפּיץ פינגער די פּאָר זילבערנע מטבעות וואָס האָבען זיך געוואַל־גערט ביי איהם אין די קעשענעס. ער האָט זיך אַזוי פאַרגעסען אין צעהלען, אַז די מטבעות האָבען זיך נישט אויסגעשעפּט, געהאַלטען אין איין צוקומען און לויט ווי דער קאַפּיטאַל איז ביי איהם גע־וואַקסען, אַלץ אויפגערוימטער איז ער געוואָרען.

אימיצער איז אריינגעקומען, גענומען אָפּשאָקלען ביי דער צו־עפּענטער טיר זיינע פאַרשנעעטע מלבושים און מיטגעבראַכט אַ נאַסע קעלט. גרין האָט אַ ציטער געטאָן, זיך געכאַפּט אַז ער נאַרט זיך אַליין, אַרויסגעלאָזט פון די הענד די מטבעות און גענו־מען דערזופּען דאָס לעבליכע גלאָז טהעע. ער האָט זיך איינגע־קוקט, געזוכט מיט די אויגען אַ באַקאַנטען ביי וועמען ער וועט קענען איבערנעכטיגען. ס'איז קיינער נישט געווען. אהיים געהן צו זיך האָט ער נישט געקענט, צוגעזאָגט דער בעל־הבית'טע, אַז ער וועט איהר היינט זיכער געבען געלד און אַלס אַ שפּאַס איהר איבער־געלאָזט דעם שליסעל אויף אַ משכון. ער האָט געטראַכט אַז געלד איז אַ מיאוסע זאַך, ס'איז אָבער נאָך מיאוסער נישט צו האָבען קיין געלד. אַ טעמפּע משא האָט זיך איהם געפּאַקט אין מח אריין, אַלץ פאַרשטעלט און ער האָט נישט געזעהן אַז זיין לעבען זאָל קענען אַננעמען אַנאַנדער ווענדונג. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסען צו האַלטען אַ פּעדער אין דער האַנד, נישט געגלויבט אַז ער האָט אַמאָל עפּעס אָנגעשריבען, אַז וועגען איהם האָט מען גערעדט.

בעססי׳ן האָט ער כמעט די גאַנצע צייט נישט געזעהן, געהערט אַז זי געהט חתונה האָבען מיט ליפשיץ׳ען און זיך געטרייסט אַז ער וועט נאָך אַמאָל איהם אַנכאַפּען פאַר די לאַנגע אויערען אין דער כלה׳ס געגענוואַרט, קלאַפּען קאָפּ אָן וואַנד, וועט ער וויסען אַז לידער איז קיין ליעבע, דאָס קען מען פאַר געלד נישט קויפען !

גרין האָט פון דער זייט געכאַפּט עטליכע ווערטער, אַ דרעה געטאָן מיט׳ן קאָפּ און זיך איינגעהערט ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועטער יונגערמאַן מיט אַ גאָלען קאָפּ וואו פון קאַרק זיינען ביי איהם געפאַלען איבער די פּלייצעס שווארצע האָר, פאַסמעסווייז, און אויסגעזעהען ווי צוגעקלעפּטע האָט איינגע׳טענה׳ט מיט צוויי דאַמען וואָס זיינען געשטאַנען גרייט אָוועקצוגעהן.

— געפעלט אייך נישט ניו יאָרק ? — האָט איין דאַמע פאַרשנירעלט די ליפּען און אָנגעצויגען אַ הענטשקע ביז צום פּלאַצען.

— ס׳הייסט — האָט דער יונגערמאַן זיך אַ בויג געטאָן און אויסגעזעהן ווי אַ קאַריקאַטור פון אַ פּאָעט וואָס מען מאָלט אין אַ וויצען בלאַט — פאַר אַ דיכטער איז עס נישט קיין פּאַסיגע שטאָט.

— וואו דאַרף דען אַ דיכטער וואוינען ? — האָט די צווייטע געפרעגט.

— ווען איך וואָלט רייך געווען, — האָט דער יונגערמאַן זיך געגלעט מיט איין פינגער איבער׳ן גאָלען קאָפּ — וואָלט איך נישט געוואוינט צווישען אַזוי פיעל מענשען. אַ דיכטער דאַרף זיין אַליין, ווייט פון טומעל. סיי זומער, סיי ווינטער וואָלט איך געוואוינט ערגעץ אין מיטען ים, אויף אַ פעלז, פאַרשטעהט זיך, אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ, וואו ער זאָל זיין אָפען צום ים פון אַלע זייטען און אָפּשפּיגלען די בלויע וואַלען — — — —

גרין האָט געשמייכעלט, זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט אין׳ם יונגענמאַן, וואָס האָט גערעדט מיט אַ ווייכע למד, וועלכע האָט צוגעגעבען די ווערטער עפּעס מוזיקאַלישעס. ס׳פּנים איז איהם געווען באַקאַנט, געוואוסט אַז ער שרייבט לידער און קוים געגלויבט אַז היינטיגע צייטען אין אַ קאָפּע זאָלען זיך וואַלגערן אַזעלכע

ראָמאַנטישע יונגעלייט, כאַטש די באַנדורע מיט'ן פּלאַשטש זיינען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע.

אַז די דאַמען זיינען אַרויס, האָט דער יונגערמאַן צוגערופען אַ קעלנער און איהם עפּעס איינגערוימט.

— כ'קען מעהר נישט באָרגען — האָט דער קעלנער אַ מיעדער זיך צוגענעצט.

— מאָרגען באַצאָהל איך — — — —

— איהר זאָגט אַזוי יעדען טאָג, — האָט דער קעלנער אַרויס־גענומען אַ ביכעל וואו די חובות זיינען געווען פאַרשריבען, — וואָס מיינט איהר, כ'בין אַ קאַפּיטאַליסט ? יעדען אָבענד מוז איך באַצאָהלען דעם בעל הבית — — — איהר קומט מיר, באַלד —

— כ'גלויב איך, — האָט זיך דער יונגערמאַן געכאַפּט פאַר די אויערען, נישט געוואָלט הערען, — איהר באַליידיגט מיך, הערר קעלנער ! כ'וועל מעהר אין קאַפע נישט אַריינקומען !

— קומט נישט !

— דרך ארץ, קעלנער, דו ! ווייסט מיט וועמען דו רעדסט ? זאָלסט נישט וואַגען אונטערצוקומען צו מיין טישעל, הערסט ?

— ס'איז אַן אָפענע טיר, מיסטער, — האָט דער קעלנער זיך אָפּגערוקט און גענומען דערצעהלען די גאַנצע מעשה אַ צווייטען קעלנער.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַפּעלוש מיט'ן שטעקען, געבליבען שטעהן ביי גרין'ס טישעל און זיך פאַרנייגט :

— ענטשולדיגט, הערר גרין, אויב כ'שטער אייך — — — —

— אין געגענטייל, — האָט גרין העפליך געוויזען מיט דער האַנד ער זאָל זיך זעצען.

— דאָס פּלאַץ איז געוואָרען אונערטרעגליך, — האָט ער אַוועקגעלעגט אויפ'ן טישעל דעם שטעקען מיט'ן קאַפּעלוש און זיך צוגעזעצט, — אַן אַנשטענדיגער מענש קען דאָ מעהר נישט אַריינ־קומען ! זיי שינדען די הויט, יעדע זאַך קאָסט דאָ דאָפּעלט און

דער קעלנער טוט דיר א טובה אז ער באדינט דיך! ס'איז נישט קיין פלאץ פאר קינסטלער! ווען אזא לומפ — האט ער געוויזען מיט א פינגער אויף'ן פלאץ וואו דער קעלנער איז געשטאנען, — באליידיגט מיך אין וויען אין א קאפע, צו אין פאריז, וואלט ער מעהר אין דעם פלאץ נישט געווען, ס'איז אבער אמעריקא! אזא פלעביי מיט אויסגעבויגענע פיס איז דאך אין הארצען מיך מבטל, ווייל איך בין איהם שולדיג א פאר טאלער! כ'טענה פון ערשטען טאג אן, אז אמעריקא איז נישט קיין פלאץ פאר קיין דיכטער! נו, ווי געהט'ס, הערר גרין? דער נאמען איז זעהר מוזיקאליש, — האט ער האלב פארמאכט די אויגען און געצויגען דעם נאמען — ג־ר־יי־ן! — א נאמען וואס האט נישט קיין קאלירען זאגט גאר נישט, איז לעבליך. מיר אידען האבען נישט קיין שעהנע נע־מען, ס'איז גענוג מען זאל אין מיטען עסען דיר פארשטעלען אן איצקאוויטש צו האצקעלעוויטש, דו זאלסט פארלירען דעם אפעטיט! גרין, זעהט איהר, זאגט שוין עפעס, דערמאנט אן טונקעלע צימערען, וואו די ווענד זיינען באהאנגען מיט לויזע גרינע שטיקער סאמעט, אויסגעקניפט פון דעם זעלבען געוואנד מיט בלומען, ס'דערמאנט אן שאפען'ס נאקטורנס. אפילו אונזערע קינסטלער האבען קיין געשמאק. זייערע פסעוודאנימען גרילצען אין די אויערען. קענט איהר זיך פארשטעלען עפעס א פערזענליכקייט הינטער משה חוזק, בן פרהצר, ויקהל פקודי? א, זעהט איהר, ד'אברוצי, פאן־ד'אב־רוצי, דער נאמען רעדט פאר זיך, ס'איז א שטיק אפערא, איהר קאנט פארמאכען די אויגען ציהען דעם נאמען אויף פארשידענע טענער, צעווארפען אין זילבען, און וואס לענגער איהר וועט איהם ציהען, אלץ מעהר וועט עס אייך באפרידיגען. וואס אנבאלאנגט א נאמען, זעהט איהר, בין איך נישט איינפארשטאנען מיט שעקס־פיר'ן, א נאמען, זאג איך, דאס איז דער מענש, זיין נשמה.

ער האט ארויסגענומען א וויזיט־קארטע געדרוקט אויף העל־פאנט־ביין פאפיער און ער אונטערגעטראגען גרין'ען:

— ביטטע!

גרין האט איבערגעלייגט:

| סאלאמאן דיקשטיין |
| --- |
| פאעט - אימפעראטאר. |

— ווי איז אייער ערשטער נאמען?

— שלמה.

— פאסט עס פאר א אידישען דיכטער ער זאל זיך איבערמאכען דעם נאמען?

— כ'וועל אייך זאגען — האט ער ערנסט ארויפגעלעגט איין פינגער אויף'ן גאלען קאפ, ווי ס'וואלט געווען עפעס א געהיימער צייכען — שלמה קלינגט נישט, ס'דערמאנט אן „שלמה'לע שארלאטאן". ביי אונז אין שטעטעל איז געווען א שלמה'לע שכור, האב איך געמוזט איבערמאכען אויף סאלאמאן, פארט עסטעטישער. אט, — האט ער געמאכט א זשעסט מיט דער האנד, ווי ער וואלט געוואלט דערמיט איהם איבערצייגען און ארויסגעשלעפט פון א בוזעםקעשענע, וואס איז געווען לאנג ווי א זאק און אנגעפאקט מיט דינע ביכלעך, — האב איך מיין אייגען בוך מיט לידער, עס הייסט „קליאנגען", וועט איהר זיך דאך פרעגען, סטייטש, מען שרייבט דאך קלאנגען, זאג איך אייך, אז א מענש מיט געשמאק דארף זאגען „קליאנגען".

א קעלנער איז אונטערגעקומען צום טישעל, געבעטען מען זאל איהם באצאהלען און געהייסען האט עס, אז ס'איז שוין צוויי ביי נאכט, די קאפע שליסט זיך.

גרין האט איבערגעלאזט א פאר סענט אויף'ן טישעל וואו ער איז געזעסען, זיך געזעגענט מיט'ן „פאעט-אימפעראטאר" און איז ארויס. ער האט געטראכט אז נאך אלע שטות'ערייען איז דער יונגערמאן א דיכטער, געווען זיכער אז זיינע לידער זיינען מסתמא ניט ערגער פון אנדערע קלאסישע, ער האט זיך בלויז פארשפעטיגט מיט א הונדערט יאהר, ארויס פון דער מאדע, לאכען פון איהם אלע, האלטען איהם פאר א „בבל". און ווער וויים? האט דאך רוס-

לאנד א גרופּע דיכטער, גאר יונגע, וואס באזינגען בלויז פּרינצעסינס, קריסטאָלענע פּאַלאַצען און קלינגענדע נעמען. ווער ווייס ?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך געוואָלט באפרייען פון פּאָעזיע. דער שנעע האָט זיך געלעגט פּלאכטעווייז, דורכגענומען די ביינער און דאָ האָט ער נישט געהאט וואו איבערצונעכטיגען.

ער האָט געפיהלט אז דער באָ־ען פון אונטער די פיס איז שוין לאנג אָפּערגעשוואומען, נישטאָ מעהר קיין גלייכגעוויכט און גע־ווען גלייכגילטיג אויב ס'וועט איהם אויסקומען איבערצונעכטיגען אין א קאָרידאָר. וואָס איז ער בעסער פון טויזענד אנדערע ? דיקשטיין איז אויסגעוואקסען נעבען איהם :

— אה, הערר גרין, דאָס זייט איהר ? כ'וואָלט אייך געוואָלט בעטען א געפעלינקייט — ווי איהר זעהט האָב איך געסטערן אויפ־געגעבען מיין „לאָזשי", כ'מיין, אויב איהר זייט רייך און קענט מיר ביז מאָרגען געבען פינף און צוואנציג סענט, וואָלט איך איבער־גענעכטיגט אין „פּיפּעלס האוז".

— געוויס קען איך אייך געבען, — האָט גרין גענומען זוכען אין די קעשענעס און זיך געטראכט אז ס'איז א פּלאן מיטצוגעהן מיט איהם. — ס'איז דאָ גענוג פּלאץ אין „פּיפּעלס האוז" ?

— וואָס, איהר ווילט דען מיטגעהן ?

— כ'ווייס, — האָט גרין געשטאמעלט, — ס'גלוסט זיך איצט נישט אהיימצופאָהרען, כ'וואָהן ווייט.

— איהר האָט פופציג סענט ?

— כ'האָב.

— אויסגעצייכענט ! צוזאמען וועט זיין היימליכער !

זיי זיינען געגאנגען, זיך געקארטשעט אונטער דער בייסענדער קעלט און געשוויגען. גרין האָט זיך געטראכט אז אין די קליינע צימערלעך, וואו טויזענדער היימלאָזע נעכטיגען יעדע נאכט, חלום'ען די „פּאַטען־אימפּעראטארס" וועגען צעשוואומענע פּרווי־ען־געשטאַלטען, גלעזערנע פּאַלאַצען, טונקעלע צימערען באהאנ־ען מיט גרינע שטיקער סאמעט — — — האָט דאָך ווערלען

זיין „קעניגרייך” אויסגע'חלום'ט אין אזא צימערל! אינטערע־סאנט! ער איז אמאָל געווען אין הכנסת־אורחים אין ווארשע אויף סמאָטשע גאס, וועט ער עס קיינמאָל נישט פארגעסן. דער איינגעטימער האָט איהם ארייגגעפיהרט אין קעלער, געוויזען דעם ערשטען צימער וואו איבערצונעכטיגען האָט געקאָסט פינף קאָפּי־קעס, איז ער שיער נישט דערשטיקט געווארען, אזוי דושנע איז געווען; טיעפער האָט געקאָסט פיער גראשען, און וואס ווייטער אלץ ביליגער. דער איינגעטימער האָט געעפענט א פינסטערען צימער, אָהן פענסטער און מיט הרחבה געזאָגט אז דאָ איבערצו־נעכטיגען קאסט גאר נישט. אויף דער ציגעלנער פאדלאגע זיינען געלעגען אָנגעשטאפּטע זעק וואו שורות מיט מענשען זיינען געשלאָ־פען, און די געלעגערס האָבען דערמאָנט קברים אויף א בית־עלמין. אז מען האָט זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערניש, האָט זיך ביסלעכווייז ארויסגעשיילט א נאקעטע פיגור פון א זקן, וואס איז געזעסען אין מיטען צימער אויף זיין זאק, דאָס העמד אראָפּגע־לאָזט, די ווייסע באָרד פארפלאָנטערט, ווי אָנדזשעלעס' אן אויס־געהאקטע סטאַטוע. דער זקן איז געווען אזוי פארטאָן מיט זיין העמד, אז ער האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט ווער עס איז אריינ־געקומען, גע'טענה'ט מיט זיך און די שפּיצען פון דער באָרד האָ־בען זיך געשאַרט איבער'ן נאקעטען לייב.

גרין האָט ערווארטעט צו זעהן דאס זעלבע בילד. אז זיי זיי־נען אריין אין א ליכטיגען, ווארעמען צימער, וואו אן עלטערער מאן איז געזעסען איבער א קאסע, האָט ער זיך עפּעס נישט גע־גלויבט און דיקשטיינען נאָך אמאָל איבערגעפרעגט:

— וואס, דאָ איז עס?

— יעס, גיט דעם מאן פופציג סענט.

— איהר ווילט שוין געהן שלאָפען? — האָט דער מאן ארייג־געווארפען דאס געלד אין „רעדזשיסטער” און איהם געגעבען צוויי בילעטען.

— מיר ועלען נאָך מאכען א שנעפּסעל.

— וואס? — האָט גרין דיקשטיינען א ציה געטאָן פאר אַן ארבעל — דאָ לאָזט מען טרינקען?

— דאָ טרינקט מען נישט — האָט דיקשטיין זיך צולאַכט — דאָ שכור'ט מען!

— ווי הייסט?

— פּשוט, א סענאַטאר, א פילאַנטראָפּ, האָט אויסגעבויט די הייזער און גע'פּועל'ט אז מען זאָל מעגען דאָ פארקויפען משקה, ס'הייסט טאקע נאָך איהם, „ריינ'ס לאָו."

זיי זיינען אריין אין א זעהר גרויסען צימער, כמעט א לע־דיגען. ארום די לאַנגע פיער־עקיגע טישען זיינען דאָ און דאָרט גע־זעסען מיטעל־יעהריגע מענער, וואס האָבען געליטען פון נישט קע־נען שלאָפען און אריינגעקוקט אין צייטונגען. דיקשטיין האָט גע־נומען צוויי ביערס און זיך מיט גרינ'ען צוגעזעצט צו א טישעל וואו א גרויער מאן מיט צוויי פּאָר ברילען אויף דער נאָז איז געזע־סען מיט א יונגען טרעמפּ און איינגע'טענה'ט, אז מען האָט גע־הערט איבער'ן זאָל.

— און איך טענה צו איהם — האָט דער יונגערער געשפּיגען אויף צוויי איילען פון זיך — אז די פרוי וויל מיט דיר נישט וואוי־נען, קענסטו צו איהר גארנישט האָבען! טענה'ט ער — אז אין אַלעם בין איך שולדיג, ווען נישט איך, וואלט זי מיט איהם ווייטער געשטאַנען און כאַפּט מיך שלאָגען. נו, נו, האָב איך איהם געמאכט לאַמטערנעס אונטער די אויגען און ווי ער איז געלעגען א צובלוטיגטער, בין איך מיט איהר אוועק!

— אז אין אַלעם איז שולדיג די קאַפּיטאַליסטישע ארדנונג — האָט דער אַלטער געעפענט א בוך וואס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד און וואו די מארגינס זיינען געוועזען באשריבען מיט הגהות — ווען דו וואָלסט געלייענט דעם „סאָציאַלען שיקזאַל פון מענ־שען", וואָלסטו געוואוסט, ווער עס איז אין אַלעם שולדיג. אז זיי האָבען אונז געשטערט, די פּאַראַזיטען! אין אונזער קאָלאָניע, אדער ווי מיר האָבען עס גערופען, „פּאַלאַנסטער", איז נישט גע־

ווען אזא זאך ווי מיין ווייב, דיין ווייב. די פרוי איז געווען פונקט אזוי פריי, ווי דער מאן, זי ליעבט א צווייטען — אַל רייט, געה צום צווייטען. אז די וועלט איז משוגע! ווען איך האב היינט איין מיליאן דאלאר וואלט איך איבער'ן גאנצען לאנג געגרינדעט קאָלאָניעס לויט פוריע'ס מוסטער. די ערשטע פּרובען זיינען דורכ־געפאלען, ווייסטו פארוואס? ווייל דער מענש איז נאָך נישט געווען דערוואקסען צו זיין פריי, יעדער מוז דורכגעהן דעם פּראָ־צעס, ס'איז אן עטישער, און צו אונז אין דער קאָלאָניע האָבען זיך אריינגעכאַפּט „פייקערס", געשלאָגען פון אלעם אייגענע נוצען, פארשטעהסט, נא, לייען — האָט דער אלטער אונטערגעטראָגען דעם בוך דעם יונגען.

גרין איז געזעסען א צוטומעלטער, באטראכט דעם אלטען מיט די צוויי פּאָר ברילען, דעם קעמפּער, וואס האָט נאָך אין די פער־ציגער פון לעצטען יאהר־הונדערט גע'חלום'ט צו פארבעסערען דעם מענשען'ס לעבען, איז אלט געווארען, גרוי געווארען, זיצט א היימלאָזער, מאכט הגהות צו פוריע'ס לעהרע און דער יונגערמאן, דער טרעמפּ, וואס פארשטעהט איהם נישט, פיהלט בלויז אז דער אלטער גיט איהם רעכט וואס אנבאלאנגט דער פרוי, וואס ער האָט צוגענומען ביי א חבר.

א מיעדער האָט גרין זיך לאנג געדרעהט אויפ'ן בעטעל, וואס איז געווען אזוי ריין און קלאָר, אז ס'האָט זיך נישט געוואלט אריינלייגען, מען זאל עס נישט איינשמוצען, און געפיהלט אז נישט דאָ איז דער פּלאַץ פאר איהם.

פארטאג האָט זיך גרין אויפגעכאפּט. ער האָט זיך ארומ־געקוקט, נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, געהערט איבער דער וואנד א קרעכצען, ווי מען וואלט עמיצען געשטיקט, איז איהם אן אימה באפאלען. ער איז אויפגעשפּרונגען אויפ'ן בעטעל, גע־זעהן דורך דעם האלבען וועגטעל, וואס האָט אָפּגעטיילט, ווי מיט א שפּאנישער וואנט, איין צימערעל פון צווייטען, ווי דער אלטער מיט די צוויי פּאר ברילען איז געזעסען ביי זיך אין בעטעל און

געלייענט א בוך ביי א סטרינגענעם ליכט. צווישען דעם שנארכען וואס האט זיך געטראגען פון אלע זייטען און געמאכט די שטיל־קייט בלוט'ער, האט דעם אלטענ'ס פארשטיקט קול, ווי ס'וואלט געקומען פון בויך, אפגעקלונגען ווי דאס זשומען פון א געפייניג־טער פליעג.

„— דער מענש מאטערט זיך, ווייל ער לעבט נישט פריי, ווייל ער אונטערדריקט זיינע אייגענע נייגונגען, זיינען ליידענ־שאפטען" — — —

דער אלטער האט ארייגעלאזט א האנד אין זיין האריגען לייב, פארמאכט די אויגען, זיך צעוויעגט, ווי ער וואלט געוואלט באגרייפען די ווערטער וואס ער האט נאר וואס איבערגעלייענט און אזוי געבליבען זיצען ביים דערברענענדען ליכט.

גרינ'ען איז דורך א סקרוך איבער די ביינער. ער האט גע־וואלט זיך א ארפאלאזען אויפ'ן בעטעל, געבליבען שטעהן, ווי עמיצער וואלט איהם צוגעהאלטען און געטייטעלט אויפ'ן גרייז:

— אט מאטערט זיך א מענש ס'גאנצע לעבען, וואו ער טאגט, דא נעכטיגט ער נישט, קען זיך אליין נישט פארזארגען, וועט מסתמא אויסגעהן פון הונגער ערגיץ הינטער א פלויט, און אט דער נעמט זיך ס'רעכט צו לערנען מענשען זיי זאלען נישט האבען קיין צרות, זאלען תמיד זיין גליקליך!

— און ווער וויים וואס דער אלטער פארשטעהט אונטער'ן ווארט גליקליך? ער איז דאך אן אוטאפיסט. און אויב ער גלויבט מיט אן אמת אז די ישועה איז אין דער „הארמאניע", טא וואס פאר א באטרעף האבען די מאטעריעלע אונבאקוועמליכקייטען, ווען די פרייד האט גאר קיין גרעניץ נישט?

ער האט געזעהן ווי דער אלטער איז איינגעדרעמעלט זיצענ־דיג, דאס בוך האט זיך ארויסגעגליטשט פון דער האנד און איבער דעם ארומגעשוירענעם בערדיל, האט פון צועפענטען מויל געריכען גאנווער, איז גרינ'ען אזא אומעט באפאלען, אז ער האט אזש פאר־ביסען די ליפען. ער האט זיך דערמאנט אן דעם נאקעטען בעטלער,

וואָס ער האָט געזעהן אין ווארשעיוער הכנסת אורחים, אונבאוואוסט דערפיהלט א שיכות צווישען זיך און די אַלטע לייט און אין דער פינסטער גענומען אַרויפוואַרפען אויף זיך די מלבושים, ווי ס׳וואָלט געווען א פייער אין הויז. שטילערהייט, מען זאָל איהם נישט באמערקען, איז ער אַראָפּ פון די טרעפּען, זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און אַז ער איז שוין געווען אויף דער גאַס, אַריינגעאָטעמט פולע לונגען מיט קאַלטען לופט, האָט ער זיך אויסגעטשוכעט ווי נאָך א שלעכטען חלום.

עס איז נאָך געווען טונקעל. די גאַסען זיינען כמעט געווען ליידיג. איטאַליענער, לייכט אָנגעטאָן, זיינען געווען צעוואָרפען איבער דער לענג פון דער גאַס, געארבייט מיט שפּאַדלעס און געלעגט דעם שנעע אין קופּעס. א טראַם מיט א באַרשט וואָס האָט פאַרנומען איבער א האַלבע גאַס האָט גערייניגט פון די שינעס דעם שנעע, אָנגעפילט די לופט מיט שנעעלעך, ווי מיט א דראָבנעם קאַלטען רעגען און יעדעס מאָל ווען אביסעל שנעע האָט איבערגעהאַקט דעם עלעקטרישען ראָד, האָבען פייערלעך זיך געצונדען, געבלענד די אויגען און געקנאַקט ווי מען וואָלט אויף זיי געשאָסען זאַלץ.

גרין האָט קיין זאַך נישט געזעהן, געגאַנגען גיך, ווי ער וואָלט געדאַרפט ערגעץ קומען אין א באַשטימטע צייט און געטראַכט אַז צו שרייבען אין ניו יאָרק אידיש איז פּונקט אַזוי ווי צו זיצען אַן עלענדער אין א מושב זקנים און זיין איבערצייגט אַז ווען די מענשען וואָלטען געלעבט לויט פּוריע׳ס תורה, וואָלטען קיין צרות נישט געווען אויף דער וועלט. הינקט דען נישט יעדע תורה אונטער? זיינע חברים שרייבער, דוקא די הייליגע צווישען זיי, די באַגרינדער פון „אידישיזם“, די וואָס האָבען תמיד אין זינען די א י י ב י ג ק י י ט, שרייבען אָהן אויסנאַם דעם ערגסטען אידיש און זייערע קינדער, ווי אויף צולהכעים, רעדען שוין אין גאַנצען קיין אידיש נית.

— הא לאָ, גרין, — האָט אַן עלטערער מאַן אויף איהם אַרויפגעלעגט א האַנד, — פון וואַנען שלעפּט איהר זיך אַזוי פריה?

— האַלאָ, מיסטער סולצער, — האָט גרין באַגריסט זיינעם אַ געוועזענעם רעדאַקטאָר און ס'איז איהם אויף'ן האַרץ איינגעפאַלען, אַז ער מוז ביי איהם נעמען אַ אוואַנס.

— וואָס זעהט מען אייך נישט ? — האָט דער רעדאַקטאָר איהם גענומען אונטער'ן אָרעם — איהר האָט אויפגעהערט שרייבען?

— וואָס פעלט אייך איין — האָט גרין זיך עטוואָס פארלוי־רען, — כ'האָב גראָדע ליגען אַ סעריע לידער, כ'דאַרף זיי נאָר איבערשרייבען.

— נו, נו ? ברענגט זיי אַריין. אַז איהר ווילט קען איך אייך געבען אַ אוואַנס, איהר ווייסט דאָך, אַז ביי מיר שפּיעלט געלד קיין ראָלע נישט.

— גיט אַ צעהנעריל.

— גוט, — האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַק מיט פּאַפּיר־געלד,

— נו, זעהט כ'זאָל היינט די לידער אונבאַדינגט האָבען. זאָגט איהר מיר צו ?

— איהר' ווייסט אַז כ'בין אַ וואָרטסמאַן.

אַז דער רעדאַקטאָר איז פאַרשוואונדען, האָט גרין צועפענט די האַנד, באַטראַכט דאָס צעהנערעל און זיך דערמאָנט אַז ס'הונ־גערט איהם. ער איז אַריין אין דער ערשטער בעקערי, אויסגע־טרונקען צוויי גלעזער קאַפע, געשלונגען פרישע זעמעל און דער־פיהלט אַ מיעדקייט אין גאַנצען קערפּער. ער האָט זיך געשלעפּט אַ היים. די בעל־הבית'טע האָט איהם באַגעגענט מיט אַ זויער פּנים, זיך געקליבען אויסצושיסען, נאָר אַז זי האָט דערזעהן ווי גרין טראָגט איהר אונטער געלד, האָט זיך ס'פּנים ביי אהר גלייך געביטען און זי איז געוואָרען רעדעוודיג :

— שעהן נחת האָב איך פון אייך, מיסטער גרין.

— וואָס איז ?

— וואו זייט איהר דאָס געווען אַ גאַנצע נאַכט ? — האָט זי אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אויג און צווייטייטיג געשמייכעלט.

גרין איז געווען גוט אויפגעלעגט וואָס ער האָט באַצאָהלט

דירה נעלד, האָט זיך ניט צונעהערט וואס מען האָט גערעדט צו איהם, בלויז געפיהלט ווי א שווערער עול איז איהם אראפּ פון די פּלייצעס. א צופרידענער האָט ער זיך צונעשפּארט און איז באלד איינגעשלאָפען.

א באוואקסענער, א גרויער, איז ער געזעסען אין מיטען ים אין א גלעזערנעם פּאלאַץ. מחנות אויסגעהונגערטע מענשען זיי־נען אנגעשוואומען מיט יעדען וואל, זיך געריסען מיט פארשוימטע מיילער צו איהם, איהם געוואלט איינשלינגען. ער איז זיך געזע־סען א רוהיגער, געשריבען אין ליעד נאָכ'ן צווייטען, געוועזן זי־כער אז ער מאכט גליקליך די וועלט און יעדעס מאָל ווען די קולות פון די אויסגעהונגערטע זיינען געווארען אונערטרעגליך, האָט ער זיי נעווארפען א ליעד און זיי האָבען זיך בארוהיגט.

עס האָט זיך דערהערט א קלונג. גרין האָט א צאפּעל גע־טאָן, דערפיהלט אויף זיך אן אונגעהויערע משא און אזוי געלי־טען וואס ער קען נישט געהן עפענען די טיר, אז ער האָט אזש געוויינט. די טיר האָט זיך געעפענט און מאדאם בליאש איז שטיל אריין.

— גרין, וואס איז מיט אייך? וואס זיצט איהר עפּעס אין דער פינסטער? קומט, ס'איז זעהר א שעהנע נאכט, מיר וועלען זיך דורכגעהן.

זי האָט איהם ארומגענומען.

— טשעפּעט זיך אפּ פון מיר! — האָט גרין זיך א ריס גע־טאָן פון איהרע הענד — אומגליק מיינס, ארויס, ארויס פון דאַ־נען!

— משוגע — האָט מאדאם בליאש א דערשראָקענע געשעפּ־טשעט און זיך גענומען רוקען צו דער טיר.

גרין האָט דערפיהלט ווי א פּאָר אויגען שטעכען איהם אין קארק, זיך אויפגעכאפּט, און געזעהן ווי זיין בעל־הבית'טע שלעפּט א נעה־מאשין מיט אזא גרילצען, ווי מען וואלט געקראַצט בלע־כענע טעפּ מיט מעסערס.

— כ'האָב אייך אויפגעוועקט? — האָט די בעל־הבית'טע גע־שמייכעלט.

גרין האָט נישט געענטפערט, זיך צוגענעצט, אַ מיעדער אַראָפּ פון בעטעל, נישט געוואוסט צי ס'האָט איהם גע'חלומ'ט, צי ס'האָט טאַקע מיט איהם עפּיס פּאַסירט און איז אריין צו דער בעל־הבית'טע:

— ס'האָט דאָ קיינער נישט געפרעגט אויף מיר?

— אזוי פריה ערוואַרטעט איהר שוין געסט?

— מ'האָט דאכט זיך געקלונגען?

— דאָס איז געווען דער מילך־מאַן.

ער האָט געשפּרייזט אַ לענגערע צייט איבער'ן צימער, זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען דעם גאַנצען חלום, געטראַכט אז מען דאַרף זיך נעהמען אין דער האַנד אריין, אַ ביסעל מעהר גלויבען אין זיך, גענוג זיך גע'חקר'ענט, גענוג געשנורעוועט דעם מח מיט רצועות, ווי אַ יאַפּאַנעזערין דעם פוס, און פון דעם שנו־רעווען איז דער מח געוואָרען טעמפּער, בלויז געקריגען היהנער־אויגען. ס'האָט איהם הנאה געטאָן וואָס ער האָט כאָטש אין חלום פּאַרטריבען מאָדאָס בליאש און זיך אוועקגעזעצט שרייבען. ער האָט געמעקט איין שורה נאָך דער צווייטער, געריסען ס'פּאַפּיער, ווידער אָנגעהויבען, ווידער געריסען און אין גאַנצען געציטערט. דאכט זיך נעכטען נאָך איז גענוג געווען ער זאָל זיך אוועקזעצען, אַ קנייטש טון דעם שטערען, כאַפּען אַ באַרג מיט ווערטער, זיי אַ שליידער טון, באַלאַנסירען אז קיין איינציג וואָרט זאָל נישט פּערביי די פינגער און שורות, ווי לעבעדיגע מענשען האָבען זיי זיך אוועק־געשטעלט פאַר זיינע אויגען, און איצט, ווי מען וואָלט איהם עפּיס אָפּגעטאָן, זיצט ער אָן אונבאהאָלפענער, שוויצט און די הענד הויבען זיך נישט.

אַ דענערוויירטער האָט ער אַ וואָרף געטון די פעדער און איז ארויס פון שטוב. ער איז געגאַנגען אָהן אַ ציעל פון איין גאַס אין דער צווייטער, יעדע זאַך באַטראַכט, ווי ער וואָלט נעכטען אריבער־

געקומען אַ „גרינער“, געלייענט די שילדען, באַוואונדערט די שורות הייזער, וואָס האָבען זיך געריסען אין הימעל אַריין. ס'ערשטע מאָל אין יאָהרען האָט ער דערפיהלט דעם ריטם פונ'ם רוישענדען ניו יאָרק, נישט פאַרשטאַנען ווי מענשען קענען לעבען אויפ'ן דאָרף, אין וואַלד, וואו אַלץ איז שטיל און פאַרגליווערט, זיך איינגעהערט ווי דער ווינד האָט געשניטען און געפייפט, זיך דאַכט זיך געוואָלט איינבייסען אין די שאַרפע קאַנטען פון די הייזער, געבויט ווי אַ דריי־עק. ער איז זיכער געווען אַז די שורות ריעזען, וואָס האָבען זיך געריסען אין די וואָלקענס, האָבען זיך דורכגערעדט אויף זייער לשון. די שפּראַך איז איהם נישט געווען פרעמד, כאָטש ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, בלויז געפיהלט, אַז דאָ אין דעם טומעל איז זיין פּלאַץ, ער דאַרף זיך נאָר צונויפגיסען מיט די צוויי שטראָמען מענשען, וואָס ציהען זיך פוןביידע זייטען גאַס.

אַ באַקאַנט פּנים האָט זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען. ער איז פאַרבייגעגאַנגען, זיך נישט געקענט באַפרייען און זיך צוריק אומגעקערט.

פרידקין, אַ פאַרעלטערטער, אַ באַוואַקסענער, מיט אַן אָפען מויל אָהן ציין, מיט אַ דיקען שירעם אונטער'ן אָרעם, האָט זיך גע־שלעפּט אין מיטען גאַס. נעבען איהם האָט זיך געוואַקעלט שושנה אין די הויכע מאַנאַטען. דער לויזער צוקנעפּעלטער מאַנטעל אָפען, וואו אַ פאַרפלעקט, צוקנייטשט זיידען קלייד, ווי זי וואָלט געשלאָ־פען אין עס, האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען.

ביידע, צוקנייטשטע, צוקרימטע, האָבען זיך געשלעפּט פאַר־יתומ'טע איבער דער לעדיגער גאַס, ווי דער שטראָם פון מענשען וואָס האָט זיך געצווינגען פון ביידע זייטען טראָטואַר וואָלט זיי אויסגעשפּיגען.

— דאַכט זיך אַ באַקאַנטער? — האָט גרין אָפּגעשטעלט פרידקינען.

— מיסטער גרין! — האָט פרידקין פון שמחה צושפּרייט די הענד, אַרויסגעלאָזט דעם שירעם, זיך אַ בויג געטאָן נאָך איהם

און אין גאַנצען האָט ער דערמאָנט אַ שפּין. — איהר קענט גאָר נישט מיסעס פרידקין? באַקענט אייך — מיסטער גרין, מיין פרוי....

— איהר האָט זיך פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך האָב אייך נישט געזעהן, זעהר געעלטערט — האָט גרין איהם באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס.

— הערסט, שושנה, — האָט פרידקין זי אַ שטופּ געטון מיט'ן קעפּיל פון שירעם — ווען ער זעהט מיך מיט צוויי חדשים צוריק, וואָלט ער עס נישט געזאָגט — און זיך געווענדעט צו גרינען — אַז כ'דאַרף דאַנקען גאָט וואָס כ'האָב זיך אַזוי אַרויסגעדרעהט!

— וואָס, איהר זייט קראַנק געווען?

— איהר ווייסט טאַקע גאָרנישט? עה — — — —

גרין האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען אויף ניין.

— זיי האָבען דאָך מיך שיעור נישט דער'הרג'עט, די העב־רעער!

— וואָס פאַרע העברעער?

— ער ווייס טאַקע נישט! — האָט פרידקין אַ שטופּ געטאָן דעם ווייב און געמאַכט בשעת־מעשה אַזאַ מינע, ווי גרין וואָלט נישט געוואוסט אַז ער געפינט זיך אין ניו יאָרק — אַז אין דער „מחזיקי" איז געווען אַ סטרייק ווייסט איהר? האָבען די ארץ־ישראל אידען אָנגעשטעלט אַ „גענגסטער" און מען האָט מיך צו־שלאָגען. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ווען נישט זי — ער האָט אָנגעוויזען אויף שושנה'ן מיט'ן שירעם — וואָלט געווען „גוט־באַי" פרידקין!

— וואָס האָבען זיי געהאַט צו אייך?

— אַז דער פּרעזידענט איז צו מיר צוגעשטאַנען, צוגעזאָגט כל'ע גליקען, האָב איך איהם געקענט מעיז־פּנים זיין, כ'פרעג אייך?

— האָט איהר געלערענט?

— האָבען זיי געשריען אַז כ'„סקעב"!

— איך האָב אָבער גע׳טענה׳ט — האָט שושנה זיך אָנגע־רופען — אַלע סטרייקען — סטרייק אויך!

— כ׳בעט דיך, שושנה — האָט פרידקין זיך אָנגעבלאָזען — אַז איך רעד, האָב מיר נישט איבער!

— אָל-רייט, רעד דו — האָט זי זיך פאַרלוירען פאַר גרינען, דערפיהלט אויף זיך זיין בליק און אינסטינקטיוו זיך גענומען טאַפּען מיט די פינגער צו איהר זיידען קלייד איז נישט אויפגעקנעפּעלט פון פאָרענט.

— איהר לערענט נאָך אַלץ אין דער „מחזיקי״?

— ווער לערענט? — האָט פרידקין זיך א קנייטש געטאָן און געוויזען אויפ׳ן הארץ — שוואַך, כ׳קען מעהר קיין קלאַס נישט האַלטען, שפּיי א ביסעל אונטער מיט בלוט — האָט ער קרענקליך א שמייכעל געטון, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָרען חשוב׳ער — ווי איהר זעהט איז פון פרידקינען א שעהנער לייט געוואָרען!

— און פון וואָס ציהט מען חיונה?

— איז טאַקע שלעכט, מען מאַטערט זיך. דערווייל בין איך קאָלעקטאָר אין דער „מחזיקי״, שאַף נייע מיטגליעדער, נעם אָן א בר-מצוה, מען שטופּט זיך ווי ס׳איז דורך. איך, דאַרפט איהר וויסען, בין דאָך נישט דער שמש, וואָס איז ביז אַהער געגאַנגען קאָלעקטען. די גאַנצע נאָכבאַרשאַפט דאָ ארום קען מיך און אַז כ׳שטעה צו איינעם צו, קען ער מיר נישט אָפּזאָגען, ווערט א מיטגליעד. איז ווי איהר זעהט, וואָלט געוועזן צו דערליידען, איז אַנאַנדער צרה. צייט כ׳בין אויפגעשטאַנען פון בעט, האָב איך געקריגען א טבע צו חלש׳ען און מיינע — האָט ער געוויזען אויפ׳ן ווייב — איז אין אַנדערע אומשטענדען, קען זיך נישט אומעטום מיטשלעפּען, נאָר ווען נישט זי, ווייס איין גאָט וואָס כ׳וואָלט געטון?

— הייסט עס, מען קומט דורך?

— אויפ׳ן פּרעזידענט געזאָגט! — האָט פרידקין זיך צוהוסט,

רויט געוואָרען, אויסגעשפּיגען אין אַ טיכעל אריין און אַ צופרי-
דענער עם אונטערגעטראָגען גרינען — ר׳זעהט?

גרין האָט זיך געזעגענט, גענומען פרידקין׳ס אדרעס און גע-
הערט ווי זיי שרייען איהם נאָך:

— קומט צו אונז אריבער אַ פרייטאָג אויף פיש!

— זייט נישט קיין גאַסט!

ער איז כמעט געלאָפען, נישט געקענט צונויפנעהמען די גע-
דאַנקען און געטראַכט אז מען דאַרף זיך ארויסרייסען פון דער סביבה. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער סצענע ביים פּרעזידענט, אז פּוילישע האָבען ליעב זיסע פיש, געשמייכעלט, געזעהן פאַר זיך דעם פּרעזידענט׳ס עס-צימער אָפּגעגאָסען מיט עלעקטרישע ליכט, אויפ׳ן טיש זיינען צושטעלט הייסע, דורכזיכטיגע גלעזער טעע, האָט ער אָנגעהויבען צו קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און אַלץ אין איהם האָט געגאַרט נאָך אַ וואַרימע שטוב, נאָך אַ הייס גלאָז טעע. ס׳האָט זיך איהם אַליין נישט געגלויבט אז ער איז אַמאָל געווען נאָהענט מיט בעססי׳ן, אז זי פּלעגט צו איהם קומען, אריינלאָזען איהרע קליינע הענד אין זיינע קוטשמעס האָר און אָן אנגענעהמער, פרישער ריח, איהר ריח, האָט זיך אָנגעהויבען וועבען ארום איהם. דער שמייכעל איז געשטאַנען פאַר די אויגען און קלייניגקייטען האָבען איהם אַזוי פאַרוויעגט, אז ער האָט זיך באַלד נישט גע-
כאַפּט דאָס ער שטעהט ביי׳ם פּרעזידענט׳ס הויז. ער איז ארויף אויף אַ פאַרבייגעהער, זיך נישט ענטשולדיגט, זיך געכאַפּט וואו ער שטעהט און אינסטינקטיוו באַטראַכט זיין הילף. ער איז גע-
ווען זיכער אז ער דאַרף נור וועלען איז בעססי צוריק זיינע, ער האָט זי אַליין ארויסגעלאָזט פון די הענד, איבערגעגעבען דעם נאַ-
רישען ליפשיץ און איצט שטעהט ער אונטער איהר פענסטער מיט אַ פערריסענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרבענקטער טרובאַדור און אין האַרצען שפּינט זיך אַ סערענאַדע.

ער האָט אויפגעציטערט — בעססי איז אראָפּ פון די טרעפּ-
לעך, זיך געלאָזט מיט׳ן טראָטואַר. דער געלער פוקס ארום איהר

האָלז האָט זיך נאָכלעסיג געדוקט איבער די אַקסלען, איהר צו־געגעבען אַ ווארימקייט. ער איז איהר נאָכגעגאַנגען, געהאַט טוי־זענדער פּלענער ווי זי צוריקצוקריגען און פּאַרט נישט דרייסט גע־ווען אונטערצוגעהן. ער איז אויסגעוואַקסען נעבען איהר און זיך פאַרנוינט.

— אָה, — האָט בעססי זיך איבערגעשראָקען, איהם אָנגע־קוקט און זיך צושמייכעלט — וואָס זעהט מען אייך נישט, מיסטער גרין? וואָס מאַכט איהר?

— כ'האָב זיך פארבענקט נאָך אייך.

— מיט אַן אמת?

— כ'שטעה שוין דאָ פון פאַרטאָג אָן.

— ס'טוט מיר מיט אַן אמת לייד — האָט בעססי זיך פאַר־לוירען — ווען כ'וואָלט געוואוסט, וואָלט איך אייך אַזוי לאַנג נישט געלאָזט ווארטען.

— וואו געהט איהר איצט? — האָט ער זי גענומען אונטער'ן אָרעם.

— כ'בין זעהר פאַרנומען.

— כ'שטער אייך?

— אין געגענטייל, כ'וועל זיין זעהר צופרידען איהר זאָלט מיך צופיהרען.

— וואָס איז מיט אייך געוואָרען, בעססי?

— וואָס מיינט איהר?

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערוויטערט פון מיר?

זי האָט גאַרנישט געענטפערט און זיך געוואונדערט ווי אַפּ־געריסען ער געהט.

— אַז ליפשיץ זעהט מיך אויף איין זייט טראָטואַר געהט ער איבער אויף דער צווייטער. פאַרוואָס מיידט ער מיך אויס? — איז גרינען ווארעם געוואָרען, געפיהלט אַז ער הויבט אָן צו רעדען נאַרישקייטען.

— כ'הער עס ערשט איצט.

— דערפאַר וואָס כ'האָב איהם געמאַכט פאַר אַ פּאָעט? — האָט גרין פאַרביסען אַ ליפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט צוריקכאַפּען די ווערטער.

— איהר האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פּאָעט?

— און אַז כ'וועל אייך פאַרטרויען דאָס ליפּשיץ האָט קיין איין ליעד נישט אָנגעשריבען — האָט גרין גאַליג געשמייכעלט — וואָס וועט איהר דעמאָלט זאָגען?

— וואָס?

— ליפּשיץ האָט פאַר געלד ביי מיר געקויפט די ליעדער, דאָס זיינען מיינע לידער, מ י י נ ע — האָט גרין זיך אַ קלאַפּ געטון מיט'ן פויסט אין האַרץ אריין.

— איהר זייט נישט קיין פאַרגינער! — האָט בעססי פון אויפרעגונג געשפּריצט דורך דער פאַרשאַרצטער ליפּ — געהט אוועק, כ'וויל אייך מעהר נישט קענען! איהר זייט אַ מיאוסער מענש!

גרין איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, גאַליק געשמייכעלט, געזעהן ווי בעססי פאַרשווינדט און זיך צולאַכט צום ערשט שטיל, דערנאָך העכער אַז פאַרביינעהער האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען. הענד און פיס האָבען ביי איהם אָנגעהויבען ציטערען פאַרוואָס ער האָט זי אָפּגעלאָזט מיט גאָרנישט, געדאַרפט אָנכאַפּען פאַר'ן קאָקס, אַרומוויקלען די האָר אַרום דער האַנד, שליידערען קאָפּ אָן וואַנד.

ער האָט זיך געלאָזט נאָך בעססי'ן, געקוקט אין אַלע זייטען, זי מעהר נישט געזעהן. פון געוואוינהייט זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער וועסטיל קעשענע און אַרויסגענומען זיין שוואַרצען זייגער. ער האָט אַ קוק געטון אויפ'ן ציפערבלאַט, נישט געזעהן ווי שפּעט ס'איז. פאַר די אויגען האָט זיך געצויגען אַן אַספאַלט-גאַס אויף מיילען און דער זייגער איז געווען אַזוי דין, אַזוי קיילעכדיג דין, האָט ער איהם פעסטער איינגעקוועטשט צווישען די פינגער, געווען איבערצייגט אַז דער זייגער וועט זיך נישט אויפהערען קייקלען אי־בער'ן אַספאַלט און איהם אַ שליידער געטון וואָס כח נור. ער

האָט זיך צוגעזעצט אויף א טרעפּיל, איינגערעמט דעם קאָפּ אין די הענד און פאַרמאַכט די אויגען.

ווייסע פּערלמוטערנע בערג האָבען זיך געפאַלדעוועט, אויסגעוואַקסען, זיך צונויפגעגאָסען אין דער פאָרם פון א וואַסערדיג געשטאַלט און מיט א קראַך זיך צוברעקעלט אין מיליאָנען זילבער־שטערען.

ער האָט געפיהלט ווי ער ווערט העכער, גלייכט זיך אוים מיט די שוימיגע וואַסער־בערג און איז בכח א נייע לעבען צו שאַפען.

אין איין רגע איז פאַר איהם דורך די „היברו“, ווי א פאַרזעהעניש און פון דעם פאַרזעהעניש האָבען זיך גענומען ארויסשיילען פרידקינס, פרידקינדלעך, זיך צושטעלט אין רייהען, פינסטער געמאַכט די גאַס. ער האָט באשלאָסען אויסצורייסען דאָס פאַרזעהעניש מיט׳ן וואָרצעל, מעג עס אפילו פאַרגעהן אין בלוט, עס פאַנאַנדערפלעכטען און א שליידער טון עם אלעמען פאַר די אויגען. וועט דער עולם דאָס זיך צולויפען, זיך האַלטען פאַר די נעז, האַ, האַ! נישט גלויבען אז דאָס פאַרזעהעניש האָט ער נור וואָס אראָפּגענומען פון זייערע פּלייצעס! און די „סמערדיאַקאָוולעך“ וואָס טראָגען אָניצעס מיט שטרוי אין די צעיאַווירענע שיך, זיי וועלען דאָס אָנפאַלען — סטייטש? אזאַ הפקרות! אזאַ הפקרות!

— מיסטער — איז די „דזשעניטערין“ מיט א בעזים אין דער האַנד ארויס אויפ׳ן טרעפּיל און גרינגען א שאָקעל געטון פאַר אַן אַקסעל — דאָ איז קיין פּלאַץ צו זיצען, פּליעז.

ער האָט זיך א כאַפּ געטון, געזעהן פאַר זיך א נאַסע אספאַלט־גאַס, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א שטעהענדיג וואַסער, זיך איינגעקאָרטשעט און טרייסלענדיג זיך אוועקגעשלעפּט.

ע נ ד ע.